STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02938

TSVISHN VENT

Salomon Zytner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה זייטנער

צווישן ווענט

שלמה זיטנער

צווישן ווענט

און אנדערע דערציילונגען

פאַרלאַג „ניי לעבן"
תל־אביב, תשל"ד 1974

SALOMON ZYTNER

"TZWISHN WENT"

שלמה זיטנער / צווישן וועגט

Copyright by
SALOMON ZYTNER
Bat Yam, Israel

©

Printed in Israel 1974

נדפס בישראל — תשל"ד

דפוס „אור" בע"מ, שד"ר הר־ציון 104, טל. 822481

אינהאַלט

חסידישע ניגונים	7
ביים כותל	11
דער קינסטלער	17
דער בעל־תשובה	23
חרטה	30
צער און בענקשאַפט	41
מיין פריינד דער דיכטער	47
קינדערשע בענקשאַפט	52
די באַרגע	57
לייבקע	60
דער קבלת־פנים	66
אַנטוישונג	70
צווישן ווענט	79
דער קראַנקער	85
פישערס	91
די בת־יחידה	94
אַ נאָמען פאַרן קינד	111
די באַגעגעניש	117
ברויט	123
די אַריסטאָקראַטישע געגנט	130
צווישן בלינדע	134
מתנות פאַר די אייניקלעך	139
אומעט און טרייסט	145
שאָטנס	150
אַן אומזיניק לעבן	154
אַ פאַרשטערטע פרייד	165
אַן איינזאַמער מענטש	178
אַ סוד	186
אײדזשי	192
די צוואה	197
דאָס ליד ירושלים של זהב	201

חסידישע ניגונים

ער איז געווען געריהרט פון דער ווענדונג, וואָס ער האָט באַקומען צו שפּילן זיינע חסידישע ניגונים פאַרן רבין און זיינע מקורבים. ער האָט זיך געפילט געשמייכלט און גלייכצייטיק איז ער געווען אין אַ שפּאַנענדיקער שטימונג פון אַ טיפן אומרו און דערוואַרטונג. כאָטש ס׳איז פאַר אים נישט געווען קיין נייעס צו שפּילן פאַר אַן עולם, געבן אָפּטע קאָנצערטן, אויפטרעטן אין פאַרשידענע זאַלן, פאַר אַ פאַרשידנאַרטיקן פובליקום, ווו מ׳האָט אים שטאַרק געלויבט, אויסגעדריקט באַגייסטערונג פאַר זיין שפּילן די יידישע מאָטיוון און מעלאָדיעס מיט אַזוי פיל האַרץ און נשמה, וואָס האָט אויפגעוועקט ביי די צוהערער טיפע סענטימענטן און געפילן.

זינט ער איז געקומען קיין ישראל אַלס יונג בחורל, איז ער מיטגע־ריסן געוואָרן פון דעם נייעם לעבן, וואָס ער האָט באַגעגנט, וואָס איז געווען פאַר אים חידושדיק, אויסטערליש, ניי. וואָס ער האָט געזען האָט ביי אים אַרויסגערופן פרייד, באַגייסטערונג און ענטוזיאַזם.

ער איז אויך געווען באַאיינדרוקט פון די פאָלקס־געזאַנגען, רעלי־גיעזע מאָטיוון, וואָס אים איז אויסגעקומען צו הערן אין די יום־טובים אין שטאָט, אין דאָרף אָדער אין די קיבוצים. די ניגונים האָבן אויסגע־דריקט די פרייד פון כלל, פון ציבור. די פרייד פון יצירה, פון די דער־גרייכונגען, די ליבשאַפט און די צוגעבונדנקייט צום לאַנד, צו דער ערד, צו די הייליקע היסטאָרישע פלעצער, וואָס דערמאָנען די פאַרגאַנ־גענהייט, דעם עבר.

ער האָט אויך באַוואונדערט די געזאַנגען פון די מזרח־עדהס, זייער פאָלקלאָר, התלהבות, זייער אייגנאַרטיקייט, זייער באַזונדערן קאָלאָריט, וואָס האָט אים אָפּגעקלונגען עקזאָטיש.

אַם מערסטן האָט אים געצויגן צו די חסידישע ניגונים, וואָס האָבן אויסגעדריקט פרייד, האַרציקייט, דביקות און התלהבות, וואָס האָבן גע־מוטיקט און געטרייסט.

געקומען איז ער פון אַ דרום־אַמעריקאַנער לאַנד, מיט אַ קליינעם יידישן ישוב. אין זיין היים האָט מען פאַרוואָרפן דעם יידישן לעבנס־שטייגער, יידישע טראַדיציעס, געהאַלטן, אַז מען טאָר נישט זיין אָפּגעזונ־דערט, איזאָלירט. נאָר ווי געבוירענע אין לאַנד, דאַרף מען זיך פאַרבינדן מיט דעם אַרום, מיט דער סביבה.

אין די פרייע שעהען האָט ער ליב געהאַט צו שפּילן אויף זיין פלייט. אויסדריקן זיינע געפילן, זיינע בענקשאַפטן אין די מעלאָדישע טענער און קלאַנגען. ער האָט אויך געשפּילט „טאַנגאָס", וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער און באַליבט אין יענעם לאַנד. דאָס זענען מערסטן טייל געווען טרויעריק־פאַרבענקטע מעלאָדיעס, וואָס האָבן אויסגעדריקט ליבע, ליידנשאַפט, פאַרראַט און נקמה. יחידישע מאָטיוון פול מיט טרויער פּיין און ליידן...

ביים שפּילן פאַרן פּובליקום, אויף די קאָנצערטן, פלעגט ער פאַרמאַכן די אויגן, זיך פאַרטיפן, דאַן האָט זיך אים אויסגעוויזן — אַז דער פעסטער באָדן פאַרשווינדט אונטער אים, ער שוועבט אין דער לופטן, שטייגט אַלץ העכער, צוזאַמען מיט די טענער און קלאַנגען, וואָס טראָגן זיך אין חלל...

✡

די עלטערע חסידים האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס, וואָס דער רבי האָט פאַרבעטן אַ פרעמדן יונגערמאַן, וואָס איז ווייט פון יידישקייט, צו שפּילן חסידישע געזאַנגען. ער איז נישט ראוי צו דעם.

אָבער אַז דער רבי, וואָס איז אַליין געווען אַ בעל־מנגן און האָט אויך געשאַפן ניגונים, האָט אויסגעדריקט זיין פאַרלאַנג, אַז ער וויל אים הערן שפּילן, אפשר אין דעם זכות קען ער ווערן אַ בעל־תשובה — האָבן

די חסידים געטראַכט: ער וועט אָנהויבן זיך דערנענטערן, גיין אויפן יידישן דרך...

ביים אַריינקומען צום רבין אין שטוב, האָט ער זיך געפילט פאַרלאָרן. דער רבי איז געווען אַרומגערינגלט מיט זיינע מקורבים, זיינע חסידים. זיין אויסזען, די ווייסע זילבערנע באָרד, זיין שאַרפער אַדורכדרינגנדיקער בליק, די גאַנצע סביבה, האָט אים אויסגעזען, ווי אַן אומבאַקאַנטע וועלט וואָלט זיך אַנטפּלעקט פאַר אים, אַ וועלט וואָס איז געווען פאַר אים ניי און פרעמד...

— שלום עליכם — האָט זיך דערהערט דעם רבינס פריינדלעך קול — לאָמיר הערן וואָס דו האָסט אונדז מחדש צו זיין? וואָס פאַר אַ ניגונים דו וועסט פאַר אונדז שפּילן?

די אָפּהענטיקייט איז פון אים אָפּגעטראָטן. דעם רבינס פריינדלעך קול האָט אים מקרב געווען, געמאַכט זיך פילן היימיש.

ער האָט אַרויסגענומען זיין פליט און זיך געגרייט אָנהייבן שפּילן. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, געוואָלט זיך פאַרטיפן. זיין קערפּער האָט זיך לייכט געוויגט, ער האָט געוואָלט איבערגעבן זיינע עמאָציעס, זיין געמיט־צושטאַנד און זיינע געפילן. ער האָט געוואָלט אויסנעמען ביים רבין און זיינע חסידים, וואָס האָבן געוואָרט ער זאָל אָנהויבן שפּילן.

באַלד האָבן זיך דערהערט שטילע לירישע קלאַנגען, וואָס האָבן ווי איינגעוויגט, אַרומגענומען, געגלעט און געצערטלט, געטרייסט און באַרויִקט. צייטנווייז האָט זיך געהערט אַ שטילער ווייטיקלעכער קרעכץ פון אַ שווער געמיט, וואָס ליידט... און איז באַהערשט פון ייאוש און פאַרצווייפלונג. אָבער באַלד האָבן פריילעכע קלאַנגען איבערגענומען די אויבערהאַנט, ווי זיי וואָלטן אָפּגעשטויסן די טענער פון עצבות און ייאוש... אַז מ׳טאָר נישט פאַרלירן דעם בטחון, דעם גלויבן, די האָפע־נונג... ס׳האָט אַ הילך געטאָן מיט שטורמישער פרייד, מיט מונטערקייט, דערהויבנקייט און התפעלות, ווי אַ שטראָמיקער וואַסערפאַל, וואָס ברויזט און פלייצט אָן אויפהער, שטויסט אָפּ אַלע שטרויכלונגען, וואָס ער טרעפט אויפן וועג און פייערט זיין נצחון...

דערנאָך זענען די טענער געוואָרן שטילער, רויִקער, מיט לויטערער שלווה, ווי די שטילע פרייד און לויטערקייט פון אַן איבערגעפולט האַרץ, וואָס איז פול מיט דאַנקבאַרקייט, מיט ליוב און באַוווּנדערונג פאַרן באַשעפער.

ווען ער האָט געענדיקט שפּילן האָט זיך אויפן רבינס פנים באַוויזן אַ גוטמוטיקער שמייכל. דער רבי האָט זיך דערנענטערט צו אים, האָט אים אַ קוש געטאָן אין שטערן און געזאָגט:

— כ׳האָף, מיין זון, אַז דו וועסט נישט זיין קיין פאַרבלאָנדזשעטע נשמה... נאָר וועסט געפינען דעם וועג צום דרך הישר, ווי דו האָסט געפונען דעם וועג צו די שיינע חסידישע ניגונים.

ביים כותל

נאָך דעם ווי דער דיכטער ברוך לייב איז אָפּגעזעסן יאָרן לאַנג אין די לאַגערן אין וויַטן סיביר, ווייל מ׳האָט אים באַשולדיקט, אַז זיינע שאַפונגען פאַרמאָגן נאַציאָנאַליסטישע אָפּנייגונגען, שאָוויניסטישע געפילן... און ער איז ענדלעך באַפרייט געוואָרן, האָט ער געשפירט, אַז מער לעבן אין דעם לאַנד קאָן ער נישט. די שרעקלעכע איבערלעבונגען אין די לאַגערן זענען אים געשטאַנען פאַר די אויגן, אים דערמאָנט ווי אַזוי מ׳האָט זיך איזדיעקעוועט איבער די אַרעסטירטע, ווי אַזוי מען האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען זיי צעברעכן פיזיש און גייסטיק, זיי צו דערנידעריקן, געהאַלטן זיי שטענדיק געשפּאַנט אונטער אַ שמירה, צווינגענדיק זיי צו אַרבעטן ביי אומגעהויער שווערע באַדינגונגען, אויסטיילנדיק די קליינע פּאָרציעס ברויט לויט דער מאָס אַרבעט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן. אַ סך זענען אַוועקגעפאַלן פון דער שווערער אַרבעט, פון הונגער, פון דער אוממענטשלעכער באַציִונג... אַלע אַרעסטירטע זענען געשטעמפּלט געוואָרן ווי שונאים פון פאָלק, וואָס פאַרדינען די העכסטע שטראָף...

„איבערדערציִונגס־לאַגערן״ האָט מען זיי אָנגערופן, ווייל די רעגירונג וויל העלפן די פאַרזינדיקטע, די באַשולדיקטע, אַרויפצוגיין אויפן דרך הישר...

ער דערמאָנט זיך, אַז ביים אַרויסגיין צו דער אַרבעט, פלעגט שפּילן מוזיק צו די ווערטער: „איך קען נישט נאָך אַזאַ לאַנד ווו דער מענטש אָטעמט אַזוי פריי״. ווי הייסע פלאַמען וואָלטן געשרפהט זייערע געהירן, אַזוי האָבן די אַרעסטירטע אויפגענומען דאָס ליד, ווי חוזקדיק און היפּאָקריטיש האָבן געקלונגען די ווערטער... אין דער אמתן האָבן זיי די מענטשן פאַרוואַנדלט אין חיות... מען האָט פאַרלוירן דעם באַ־

גריף פון צייט, די פאַרגאַנגענהייט איז געווען פאַרצויגן ווי מיט אַ נעפּל, די האָפענונג זיך אַרויסצוקריגן פון דעם גיהנום האָט אויסגעזען ווי אַן אוממעגלעכע זאַך. מען האָט נאָר געלעבט מיט דער אכזריותדיקער קעגנוואַרט, וואָס האָט פאַרטעמפט זייערע חושים, זייערע געפילן. אַלע זייערע פאַרלאַנגען זענען נאָר געווען צו שטילן דעם הונגער, און געפינען אַביסל רו פאַר זייערע מידע גלידער. אַ קלייגער טייל האָט מיט אַלע כוחות זיך באַמיט איבערצושטאַרקן, נישט צו פאַרלירן דעם צלם אלוהים, צוגעגעבן מוט די איבעריקע אויסצוהאַלטן, זיך נישט אונטערגעבן דער אכזריותדיקער מאַכט.

☆

ער האָט זיך געפילט ווי נײַ געבוירן, ער איז פרײַ, ער איז נישט אונטערגעוואָרפן קיינעמס ווילן, פאַראָרדענונגען, באַפעלן. ער קען גיין מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, ער פילט זיך נישט ווי אַ באַשולדיקטער, וואָס איז אָפּגעקומען פאַר זיינע חטאים... נאָר פאַרקערט, ער שפּירט זיך איצט ווי אַ באַשולדיקער, וואָס איז גרייט צו יעדער צייט אויפווייזן דעם אמת, אַז די גערעכטיקייט איז אויף זיין זייט...

ער האָט זיך געשפּירט פרײַ, מיט נײַע כוחות, ווי די גאַנצע ענערגיע און ווילנס־קראַפט, וואָס איז דורך אַזוי פיל יאָרן, וואָס ער איז געווען אין פאַרשיקונג, געווען אונטערדריקט און געהעמט, האָט איצט אויף סנײַ באַקומען איר כוח, איר מאַכט.

ער האָט אָבער געשפּירט, אַז די לופט שטיקט אים, דער אַרום איז פאַרסמט, פול מיט גיפט און שנאה, לויערנדיקע אויגן שפּיאָנירן אים נאָך, באַגלייטן זיינע טריט, זיינע באַוועגונגען, ער איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן...

די איינציקע האָפענונג זיינע איז וואָס זיינע קרובים אין ישראל פאָדערן אים אַרויס, און ער וועט אין גיכן עולה זיין. כאָטש מ׳מאַכט אים גרויסע שוועריקייטן, מ׳לייגט אָפּ פון איין טאָג אויפן צווייטן. אַלע

מאָל פאָדערט מען ביי אים אַנדערע פּאַפּירן, מ׳קוקט אים אָן מיט חוזק, מיט שפּאָט, ווי מען וואָלט זיך געררייצט מיט אים, מען שפּילט אויף זיינע נערוון.

אָבער ער שפּירט, אַז אַלע זיינע געדאַנקען און חושים זענען שוין דאָרטן, אין דעם אוראַלטן היימלאַנד, וועגן וועלכן ער האָט יאָרן לאַנג געחלומט, און ער גאַרט מיט אומגעדולדיקייט זיך צו פאַראייניקן מיט זיינע ברידער, פריינד און פאַרערער.

ווען ער האָט באַקומען אַלע פּאַפּירן, די דערלויבעניש צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט. די שפּאַנונג פון דער גאַנצער צייט האָט נאָכגעלאָזן. ער האָט געהאַלטן די אַלע פּאַפּירן און זיינע הענט האָבן געציטערט. עס האָט זיך אים אויסגעזען, אַז ער האַלט אין זיינע הענט ווייסע אָפּגעצערטלטע פייגל, וואָס פלאַטערן פון פחד, און אָט קענען זיי אַוועקפליען, און ער פאַרלירט אַלע זיינע האָפענונגען...

ער איז געלאָפן מיט האַסטיקע טריט, זיך אומגעקוקט אַלע מאָל אויף הינטער זיך, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז מ׳יאָגט אים נאָך, אין לעצטן מאָמענט וועט מען פון אים צונעמען אַלע פּאַפּירן, אַרויסרייסן מיט געוואַלט. ער האָט צונויפגעדריקט זיינע פויסטן ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד און איז געלאָפן אין איין אָטעם, געטראַכט, אַז ער דאַרף זען אַלץ באַזאָרגן באַצייטנס, ס׳זאָל נישט אונטערקומען קיין מכשול, ער זאָל קענען גלייך אָפּפאָרן.

ווי ער וואָלט געחלומט אויף דער וואָר, אַזוי האָט אים אויסגעזען די רייזע, דאָס געזעגענען זיך מיט די פריינד און חברים, וואָס האָבן מיט שטומע האַנטדרוקן, אַרומאַרמונגען און מיט פאַרלאָפענע אויגן אויס־געדריקט זייער ווונטש זיך צו באַגעגענען אין ישראל. דערנאָך דאָס איינשטייגן אין אַוויאָן צוזאַמען מיט נאָך יידן, וואָס זענען געקומען פון פאַרשידענע שטעט, פון פאַרוואָרפענע מקומות, יידן מיט באַזונדערע שטריכן, פיזיאָנאָמיעס, זשעסטן, געוווינהייטן און מנהגים, אָבער ביי אַלעמען האָט אַ שטילע איינגעהאַלטענע פרייד אַרויסגעלויכטן פון זייערע יידישע אויגן, וואָס ענדלעך האָבן זיי דערגרייכט זייער שטרעבונג...

מ׳איז געוואָרן באַפריינדעט ווי איין משפחה, ווי מענטשן, וואָס שטרעבן צו דעם זעלבן ציל. יעדער איינער האָט דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, די אַלע שטערונגען, ביז מ׳האָט אַרויסגעקראָגן די דער־לויבעניש אַרויסצופאָרן פון לאַנד...

אַראָפּגייענדיק פון אַוויאָן איז ער געבליבן פּאַרגאַפּט, ווי ער וואָלט נישט געגלויבט, אַז ער געפינט זיך שוין אין דעם געגאַרטן לאַנד... אַ גרויסע צאָל קרובים און פריינד האָבן אים אָפּגעוואַרט. הענט האָבן זיך געשטרעקט פון אַלע זייטן אים צו באַגריסן, וואַרעמע בליקן האָבן אַרויפגעקוקט צו אים מיט ליבשאַפט און יראת הכבוד... ער איז געווען גערירט, געוואָלט אויסדריקן זיין פרייד, זיין דאַנקבאַרקייט און ער האָט נישט געקענט אַרויסברענגען קיין קלאַנג. זיינע ציטערדיקע ליפּן האָבן שטיל געשעפּטשעט פליסטערנדיקע ווערטער, ווי אַ תפילה.

פאַר זיינע פריינד האָט ער אויסגעדריקט זיין פאַרלאַנג, אַז צו ערשט וויל ער באַזוכן די הייליקע פלעצער, דאָס איז שטענדיק געווען זיין באַגער, זיין ווונטש.

אויפן צווייטן טאָג, נאָך דעם ווי ער האָט זיך געפילט אַביסל אויסגערוט פון דער רייזע, איז ער געפאָרן אויפן „כביש״, וואָס פירט קיין ירושלים. ער האָט געוואָלט זיין צו ערשט ביים כותל מערבי.

דער גלאַטער געפלאַסטערטער „כביש״ האָט זיך געדרייט צווישן משופּעדיקע הויכקייטן און קאָפּ שווינדלדיקע אַראָפּנידערונגען. טאָלן און בערגלעך. געדיכטע וועלדלעך, צווישן „קיבוצים״ און „מושבים״. ער האָט נישט געקענט אָפּרייסן זיינע בליקן פון דער פּרעכטיקער פּאַ־נאָראַמע, ביז זיי האָבן זיך דערנענטערט צום וועג וואָס הייסט „מבשרת ירושלים״. די הויכע בערג זענען געשטאַנען פאַרזונקען אין אַ סודות־דיקער שטילקייט. נאָר די געדיכטע וועלדלעך האָבן רוישנדיק געפליס־טערט, — דאָס איז דער וועג, וואָס פירט צו דער הייליקער שטאָט ירושלים.

ווען ער האָט זיך דערנענטערט צום כותל מערבי, איז שוין געווען פאַר נאַכט. עס איז געווען שקיעה־צייט, פורפורנע פלאַמען האָבן פאַרגאָסן

דעם גאַנצן שטח, באַלויכטן דעם גאַנצן אַרום, און ס׳האָט אים אויס־געזען, אַז דער כותל ברענט, די שטיינער פלאַקערן מיט אַן אויסטערליש ליכט, וואָס בלענדט אים די אויגן. ער איז געבליבן פאַרחידושט, פאַר־גאַפט.

ער האָט געקוקט אויפן המון, וואָס האָט געשטראָמט צום כותל פון אַלע זייטן. יידן „קנאים" מיט שטריימלעך, מיט גאַרטלען, ווייסע זאָקן און אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, יונגע יינגלעך מיט לאַנגע געדרייטע פיאות זענען געשטאַנען מיט סידורמלעך אין די הענט און זיך געשאָקלט מיט התלהבות.

יידן פון די מזרח־עדהס מיט טונקעלע געזיכטער, ווי פון אַליוון־פאַרב, און מיט זייערע באַחנטע יידישע אויגן האָבן געדאַוונט אויפן קול, באַגלייטנדיק די תפילות מיט ציקלדיקע ניגונים, וואָס האָבן אים אָפּגע־קלונגען עקזאָטיש.

„חיילים" אין זייערע מיליטערישע קליידער, מיט פאַרשידענע אָפּציי־כענונגען און קליינע יאַרמעלקעס אויף די קעפּ, זענען צוגעפאַלן צום כותל און אַריינגעווייִנט זייערע תפילות און בקשות.

טוריסטן און טוריסטקעס, אין העלע קליידער מיט שרייענדיקע קאָלירן, באַהאָנגען מיט פאָטאָ־אַפּאַראַטן אויף די אַקסלען, האָבן גע־שטעלט געלאַסענע טריט, און געקוקט מיט חידוש און נייגעריקייט אויף דער אויסטערלישער וואַנט, וואָס ציט צו שטענדיק מענטשן פון אַלע שיכטן.

דער דיכטער ברוך לייב האָט זיך אויסגעמישט מיטן עולם, האָט זיך דערנענטערט מיט שטילע פאַרכטיקע טריט, אָנגערירט און געגלעט מיט ציטערדיקע הענט די שטיינער, וועלכע זענען שוין געווען האַלב אין שאָטן. זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, ווי ער וואָלט שטילערהייט גע־שעפּטשעט און געפּליסטערט אַ תפילה.

די לעצטע זונשטראַלן האָבן זיך איצט אָפּגעשפּיגלט אויפן כותל, באַלויכטן די וואַנט מיט אַן אויסטערליש ליכט. ווי מיסטעריעזע סודות־דיקע געשטאַלטן האָבן איצט אויסגעזען די אַלע מתפּללים, וואָס זענען

געווען באַשטראַלט מיט די זונשטראַלן פֿון אַלערליי קאָלירן, און האָבן זיך געשאָקלט מיט דביקות און התלהבות.

דער דיכטער ברוך לייב האָט געשפּירט ווי דורך זיינע פֿינגער־שפּיצן, וואָס ער האַלט אָנגעשפּאַרט אויף דער וואַנט, שטראָמט אַ ליבע וואַרעמקייט אין זיין גאַנצן קערפּער, די וואַרעמקייט צערטלט און גלעט זיין מידן גוף... ווי די ליבע וואַרעמקייט און ליבשאַפט פֿון אַ מוטער, וואָס נעמט אַרום איר קינד, וואָס האָט נאָך לאַנגע וואָגלענישן זיך אומגעקערט אַהיים...

דער קינסטלער

ווי אַ קליין אינדזעלע אין אַ צעשטורעמטן ים, אַזוי האָט אויסגעזען דעם קינסטלערס וווינונג אין דעם טומלדיקן ניו־יאָרק. פון זיין אַרבעטס־צימער, וואָס איז געווען אויף דעם העכסטן שטאָק, האָט מען געקאָנט זען די הויכע געביידעס, פאַרריסענע וואָלקן־קראַצערס, וואָס האָבן זיך געריסן מיט חוצפּה אין הימל, אייזערנע בריקן, גאַסן און סקווערן.

פון דעם קינסטלערס וווינונג, צווישן די האַלץ־אויסשניטן און פיגורן, וואָס זענען אומעטום געווען צעשטעלט, האָט די שטאָט ניו־יאָרק אויסגעזען ווי אַ דזשונגל פון אָנגעהויפנטע בנינים פון אייזן, שטיין און בעטאָן, וואָס רוישט און זשומט נאָך אַנאַנד. דאָך האָט דער רעש און טומל פון שטאָט אָהער נישט דערגרייכט, נאָר אָפּגעקלונגען ווי אַ ווייטער עכאָ, ווי די אַלע פיגורן און געשטאַלטן, וואָס זענען אומעטום געווען צעשטעלט, וואָלטן געשפּרייט אַרום זיך אַ סודותדיקע שטילקייט, געווען פאַרזונקען אין טיפע מחשבות, בענקשאַפטן און חלומות, און דער רעש און געגרילץ פון דרויסן האָט דאָ נישט קיין שליטה. דער רעש דערנענטערט זיך האַסטיק און טרעט באַלד אָפּ צוריק, קוקנדיק מיט שטוינונג און אָפּשיי צו די אויסטערלישע פיגורן און געשטאַלטן, וואָס שטייען אומעטום צעשטעלט.

אין די מלחמה־יאָרן, ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן קומען גרויליקע ידיעות וועגן סעלעקציעס, טויטוואַגאָנען און גאַזקאַמערן, פאַרטיליקונג און אויס־ראָטונג פון די יידן, וואָס זענען געבליבן איזאָלירט און אַרומגערינגלט אין די געטאָס, איז דער קינסטלער אַרומגעגאַנגען ווי אין עולם התוהו, זיך קיין אָרט נישט געפונען. ס׳זענען אַריבער טעג, וואָכן און חדשים און ער איז נישט אַריין אין זיין אַרבעטס־צימער. די הענט האָבן זיך אים

נישט געלייגט עפּעס צו טאָן. אַלץ האָט אים אויסגעזען נוצלאָז, מינדער־ווייכטיק, איבעריק.

ער איז געזעסן גאַנצע טעג בלעטערנדיק צייטונגען, איינהערנדיק זיך מיט ציטערדיקער געשפּאַנטקייט צו די ידיעות פון ראַדיאָ, געזוכט, געפּאָרשט, נישט געגלויבט, געצווייפלט, געטראַכט, אפשר איז דאָס נישט אמת? אפשר וועלן קומען ידיעות, וואָס וועלן אַלץ אָפּלייקענען? אפשר זענען דאָס אויסטראַכטענישן, דמיונות, ס'איז דאָך אוממעגלעך, אַז דאָס זאָל פּאַסירן אין אונדזער צייט. אומזיסט האָט ער געוואַרט, געהאָפט, ס'האָט זיך באַשטעטיקט דער טרויעריקער אמת, אַ פינצטערער קאָשמאַר אויף דער וואָר.

ראַשל, זיין פרוי, גייט אַרום פאַרזאָרגט, פאַרדאגהט. זינט ס'זענען אָנגעקומען די גרויליקע ידיעות וועגן דער אויסראָטונג פון די יידן אין די געטאָס, באַמערקט זי, אַז ער איז געוואָרן אין גאַנצן פאַרענדערט, דאָס פּנים דאַר איינגעצויגן, די אויגן איינגעגראָבן טיף אינעווייניק. ער איז כסדר פאַרטראַכט, פאַרדמיונט, נעמט אַ סך מאָל נישט אויף, וואָס זי רעדט צו אים. ביי נאַכט כאַפּט ער זיך אויף מיט אַ האַרץ־קלאַפּעניש, מיט ווייטיקן, ער ווערט אין גאַנצן אָפּגעגאָסן מיט שוויס, מיט אַנגסטן, ער קוקט מיט צעשראָקענע אויגן אַרום זיך, ווי ער וואָלט געזען די קאָשמאַרן, וואָס פּייניקן אים און לאָזן אים נישט צו רו.

זי פּרוווט רעדן צו אים, ער זאָל זיך נעמען אין די הענט אַריין. זיין שוואַכער געזונט־צושטאַנד קאָן זיך פאַרערגערן, ער דאַרף זיך שטאַרקן און באַהערשן, ער דאַרף טראַכטן וועגן זיך, וועגן זיינע שאַ־פונגען, וואָס ער האָט אַזוי פאַרנאַכלעסיקט.

ער גיט איר אַ צאַרטן גלעט איבערן געזיכט, ווי ער זאָל אויסדריקן זיין דאַנקבאַרקייט פאַר איר איבערגעגעבנקייט.

— אַלץ זעט מיר אויס נוצלאָז, איבעריק. כ'האָב פאַרלוירן דעם ווילן און דעם אינטערעס צו אַלץ — ענטפערט ער איר מיט אַ פאַרשטיק־טער שטים, וואָס רופט אַרויס ביי איר אַ פּחד, אַ מורא.

וואָס ער הויבט אָן צו טאָן בלייבט נישט פאַרענדיקט, ווי ער זאָל

זיך נישט קאָנען קאָנצענטרירן, ווי דער כח היצירה וואָלט זיך אָפּגעטאָן פון אים. ער גייט אַרום ווי אַ שאָטן, אומעטיקע און פּיינלעכע מחשבות באַהערשן אים און לאָזן נישט צו קיין אַנדערע רעיונות.

אַ סך מאָל הויבט ער אָן אַרומשפּרייזן אין זיין אַטעליע, קוקט זיך איין צו די אויסגעשניצטע פיגורן, וואָס ער האָט באַשאַפן, טיפן פון דעם קליינעם שטעטל, ער באַטראַכט די ליניעס, די קאָנטורן, די טיפע קנייטשן אויף די פּנימער, און ער זעט פאַר זיך לעבעדיקע געשטאַלטן פון דעם עבר, ערלעכע תמימותדיקע יידן. ס'שוועבן פאַרביי פאַר זיינע אויגן לויטערע אומשולדיקע פּנימלעך פון יידישע קינדערלעך, און אָט די אַלע, טראַכט ער, זענען אַזוי גרויזאַם פאַרפּייניקט און אומגעבראַכט געוואָרן, און ווידער באַפאַלט אים די אָפּהענטיקייט, דער אומעט. ער פילט זיך מוטלאָז, דערשלאָגן.

☆

מיט יאָרן שפּעטער, ווען ס'אַנטשטייט די יידישע מדינה, פילט ער אַן אויפוואַכונג אין זיין נשמה, ער ווערט מיטגעריסן און באַגייסטערט. ער פילט זיך אויפגעמונטערט און דערהויבן; נייע כוחות וועקן זיך אין אים, רופן אים ער זאָל נישט שטיין אין אַ זייט.

ראָשל זעט די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין אים, רעדט אים צו, זיי זאָלן מאַכן אַ רייזע, פאָרן קיין ישראל און זען פון דער נאָענט די נייע אויפגעקומענע יידישע מדינה, דאָס וועט ווירקן אויף אים צו גוטן, ער וועט זיך באַנייען און קומען צו זיך.

די רייזע, און דאָס אַרומפאָרן איבערן לאַנד, האָט אויסגעזען ביי זיי ווי אַ וווּנדערבאַרער שיינער חלום. וואָס זיי האָבן געזען האָט ביי זיי אַרויסגערופן באַוווּנדערונג, באַגייסטערונג און ענטוזיאַזם.

דער קינסטלער איז געווען פול מיט התפעלות פאַר די אַלע דער־גרייכונגען, וואָס ער האָט געזען.

אַ נייע וועלט פול מיט ענטוזיאַזם, מוט און אָפּפערווילִיקייט האָט

זיך אַנטפלעקט פאַר אים. ער איז געוואָרן באַאיינדרוקט פון די מענטשן אין די מושבים, אין די קיבוצים, זייער שותפותדיק געמיינזאַם לעבן, זייער פאַרוואָרצלטקייט מיט דער ערד, די אחריות, דער קאָלעקטיווער ווילן און דראַנג צו דערגרייכן דעם ציל.

מענטשן, וואָס זענען געקומען פון די לאַגערן, האָבן אים דערציילט אַלץ, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט, ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן אַהער, און האָבן דאָ געפונען רו, זיכערקייט, אַ היים.

ער האָט געזען פאַר זיך אַ ניי פאָלק, וואָס האָט דערוואַכט, און ער האָט אַנטפלעקט אין זיך פאַרבאָרגענע כוחות, שעפערישן ווילן און דראַנג, אָנצוהויבן פון דאָס ניי בויען זיין אייגענע היים.

ער האָט באַשלאָסן קומען זיך באַזעצן אין לאַנד. דאָ וועט ער ווייטער פאָרזעצן זיין שאַפן, האָט ער געטראַכט. פריער אָבער מוז ער פאַרענדיקן דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן, פאַראייביקן טיפן און געשטאַלטן פון דעם עבר, פון דעם שטעטל, ער מוז זיי אַרויסברענגען מ׳זאָל זיי געדענקען, פאַרהערלעכן, אָפּגעבן כבוד, מ׳זאָל זיי קיין מאָל נישט פאַרגעסן. ער וועט זיי דערנאָך אַריבערפירן אין יידישן לאַנד, ער וועט קומען מיט זיי, ער וועט זיי אויסשטעלן אין עפנטלעכע זאַלן, מ׳זאָל זיי זען און באַוואונדערן, אָפּגעבן כבוד, זיי דערמאָנען מיט אָפּשיי און יראת הכבוד.

☆

זיין פרוי האָט אים נישט דערקאָנט, ווי ער האָט זיך געביטן אין פאַרלויף פון דער צייט. דער באַזוך אין ישראל האָט געווירקט אויף אים צו גוטן. איצט איז ער כסדר פאַרנומען, ווי ער זאָל וועלן אָנױאָגן די פאַרלוירענע צייט, און זוכט אַרויסצוברענגען אַלץ נייע טיפן פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון דעם אַמאָל.

ווי לעבעדיק און דייטלעך זי זעט דעם רב פון זייער שטעטל, אַן איידל געזיכט, צאַרטע שטריכן, אַ טיפער למדנישער שטערן, און אַ וואַרעמער מילדער בליק שטראַלט אַרויס פון די ליכטיקע אויגן.

אַ טרעגער, וואָס שטייט מיט גראָבע אַרומגעבונדענע שטריק אַרום די לענדן, איז פול מיט דערוואַרטונג, מיט זאָרגן וועגן דאגות פרנסה, אָבער ס'אָטעמט פון אים מיט כוח, מיט גבורה, ער איז גרייט זיך מוסר נפש זיין פאַר זיין משפחה, פאַר אַ ייד, וואָס איז אין אַ סכנה.

דער בלינדער מוזיקאַנט, וואָס האַלט אָנגעשטרענגט זיינע שטאַרע פאַרגליווערטע אויגן אין חלל, און זוכט מיט זיין פידעלע אויסצושפּילן טרויעריקע ניגונים, כדי אַרויסצורופן רחמנות.

אַ בעל מלאכה, אַ שניידער, זיצט מיט אַן איינגעבויגענער פּלייצע, נייט עפּעס מיט דער האַנט, זיינע ליפּן זענען האַלב אָפן, זיינע אויגן שמייכלען, ער זינגט פאַר זיך אַ ניגונדל — אַ פריילעכס.

זי זעט דעם מתמיד פון זייער שטעטל, וואָס זיצט איינגעבויגן איבערן שטענדער, איבער דער גמרא, ער זעט קיינעם נישט אַרום זיך, זיינע בליקן בלאָנדזשען ערגעץ ווייט, ווי זיי זאָלן זוכן אַן ענטפער צו דער שווערער פאַרפּלאָנטערטער סוגיא.

דער ראש־הישיבה, וואָס זיצט אַזוי פאַרקלערט, פאַרטיפט אין אַן ענין, מיט אַן אָפן ספר, וואָס ליגט אַנטקעגן אים.

אַ טאַטע טראָגט זיין קינד איינגעוויקלט אין אַ טלית, ער פירט אים דאָס ערשטע מאָל אין חדר, און זיין געזיכט שטראַלט פון שמחה.

אַ שמיד שטייט אָנגעבויגן איבער דער קאָוואַדלע, זיינע הענט האַלטן די אייזנס און זיינע שטייפע מוסקלען זענען אָנגעשטרענגט פון דער שווע־רער אַרבעט.

דאָס שטעטל האָט אויפגעלעבט אין דער אַטעליע פון קינסטלער.

✡

ס'האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון זייער אָפּפאָרן. ביידע זענען געשטאַנען ביים פאָרענטש פון שיף און זיך צוגעקוקט צו אַלע זיינע פאַרפאַקטע קאָסטנס, וואָס זענען אויפגעהויבן געוואָרן דורך די הויב־מאַשינען און אַראָפּגעלאָזט אין די טיפע קעלערן פון שיף און זיי האָבן

געטראַכט, אַז פירן זיי מיט זיך אין די פאַרפאַקטע קאַסטנס אַ פאַר־שווונדענע וועלט, אַ גאַנצע עפּאָכע פון דורות יידן, וואָס זענען אויס־געגאַנגען אין פּיין, ליידן און יסורים, לויטערע געשטאַלטן, וואָס זענען אומגעקומען על קידוש־השם, און ס'איז מער נישט געבליבן ווי זייער הייליק געדעכעניש. ער פירט זיי אין הייליקן לאַנד, אין לאַנד פון די אבות, אין דעם לאַנד, וועגן וועלכן ער האָט יאָרן לאַנג געחלומט און גע־טרוימט. איצט ווערט פאַרווירקלעכט זיין חלום, ער פאָרט זיך באַזעצן אין דער יידישער מדינה, דאָרטן וועט ער אָנהויבן שאַפן פון דאָס ניי, פון דער קעגנוואַרט, פון דעם אַרום, פון דער אויפוואַכונג פון אַ פאָלק, וואָס איז געשטאַנען אויפן שוועל פון אָפּגרונט, און איז אויפגעריכט געוואָרן. פון אַ לאַנד, וואָס איז געשטאַנען אַ וויסטע, אַ מדבר, און אויך די פאַרגאַנגענהייט דער רייכער עבר וועט דאָרטן באַקומען אַ תיקון, אָבער ער פאָרט נישט אַליין. ער פירט מיט זיך די פאַרשווונדענע וועלט, ער פירט אויך מיט זייערע באַגערן, זייערע חלומות און זייערע שטרעבונגען.

דער בעל־תשובה

מאַנע משהלען — געווידמעט

מיט אַ סך יאָרן צוריק איז דער דיכטער ישראל גפן געווען פול מיט אילוזיעס וועגן באַפרייען די וועלט, די גאַנצע מענטשהייט, וואָס ליידט און שמאַכט, און אַז אין אַ באַפרייטער געזעלשאַפט וועט אויך קומען די אויסלייזונג פון יידישן פאָלק, און אַז מ׳טאָר זיך נישט אָפּזונדערן, זיך פאַרשליסן אין די ענגע ד׳ אמות, טראַכטן נאָר וועגן אייגענעם פאָלק.

דערנאָך זענען געקומען די אַנטוישונגען. אַלע האָפענונגען זענען צערונען געוואָרן. ער האָט זיך געפילט ווי פאַרפירט און אָפּגענאַרט. ס׳האָט אים וויי געטאָן, וואָס די אַלע קרבנות און מסירת־נפש, וואָס מ׳האָט אַוועקגעגעבן פאַר דער אידייע, זענען געווען אומזיסט. און די אַלע פאַרגאַנגענע יאָרן, וואָס זענען אַוועק לאיבוד... אַ געדאַנק האָט אים געפייניקט, אַז מיט זייערע אומווערדיקע מעשים און פאַרברעכנס לעסטערן זיי און פאַרשעמען דעם הייליקן אָנדענק פון די, וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַר דער אידייע.

די אויפגעוועקטע געפילן צום אייגענעם פאָלק, צו זיין שטאַם, וואָס האָט צום מערסטן געליטן אין דער מלחמה, אין די געטאָס, אין די לאַגערן, אין די גאַזקאַמערן, האָט אין יענעם לאַנד פון זיין אידייע נישט געטאָרט דערמאָנט ווערן, ווי דאָס וואָלט געווען אַ פאַרברעכן, יידישע שרייבער און דענקער זענען דאָרט אומגעבראַכט געוואָרן. מען האָט זיך פאַרנומען אויסצוראָטן יעדן שפור פון יידישער קולטור און אירע שעפער. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אין עולם התוהו פול מיט צער, יאוש און חרטה.

נאָך דעם חורבן און שפעטער — מיטן אויפקום פון דער יידישער

מדינה — האָט דער דיכטער ישראל גפן געפונען אַ תּיקון... ער האָט זיך געפילט ווי אַ בעל־תּשובה, וואָס לייטערט זיך פון די באַגאַנגענע זינד... און אין זיינע שאַפונגען האָט ער אויסגעדריקט זיין התנצלות און זיין דערנענטערונג צו זיין פאָלק, און צו דער ניי אויפגעריכטעטער יידישער מדינה.

ישראל גפן האָט זיך אַלץ מער דערנענטערט צו זיין שטאַם, צו יידישער טראַדיציע און מנהגים, ער האָט געפּראַוועט יידישע יום־טובים, וואָס האָט ביי די קינדער און אייניקלעך אַרויסגערופן רעספּעקט און באַגייסטערונג. די קינדער און אייניקלעך האָבן באַשיינט דעם יום־טובדיקן טיש מיט פרייד און געזאַנג, געקוקט צו אים מיט ליבשאַפט און פאַרערונג. דעם זיידנס מעשהלעך פון יידישער גבורה און מסירת־נפש האָבן ביי זיי געוועקט די קינדערשע פאַנטאַזיע, זיי מער דערנענ־טערט צו אים.

ער האָט ליב געהאַט זיך צו פאַרטיפן אין תּנ״ך, דעם ספר הספרים, וואָס איז אַן אייביקער קוואַל, וואָס אינספּירירט און באַגייסטערט, וואָס פירט אויף די וועגן און שליאַכן פון יידישן פאָלק. אין תּנ״ך האָט ער געפונען די געזעצן און געבאָטן, די מאָראַלישע דערהויבנקייט און די שליחות, וואָס איז אויף יידן אַרויפגעלייגט געוואָרן, און די פאַרויסזאָ־גונג אויף די שפּעטערדיקע צייטן, עד סוף כל הדורות.

דער דיכטער ישראל גפן האָט יאָרן לאַנג זיך געקליבן עולה צו זיין קיין ישראל. זען מיט די אייגענע אויגן ווי זיין פאָלק האָט ווידער אויפגעוואַכט, און רופט אַרויס שטוינונג אין דער גאָרער וועלט.

די איינציקע מניעה איז געווען — די פאַרצווייגטע משפּחה, קינדער, אייניקלעך און פריינד, מיט וועלכע ער איז געווען פאַרבונדן אַזוי פיל יאָרן. ער איז געווען ווי איינגעוואָרצלט אין דעם לאַנד, ווו ער איז געקומען אַלס יונג יינגל, דורכגעמאַכט אַזוי פיל, ביז ער האָט זיך דער־שלאָגן צו עפּעס, זיך ביסלעכוויז איינגעפונדעוועט. ער האָט געוווּסט, אַז ס׳וועט אים זיין שווער זיך צו שיידן, ער האָט אָבער געטראַכט, אַז

איצט איז דער שעת הכושר, און אויב נישט איצט, טאָ ווער ווייסט ווען?
ער האָט באַשלאָסן עולה צו זיין.

באַלד ביי זיין אָנקומען אין לאַנד, האָט ער איבערגעלעבט ווונדער־לעכע געפילן פון פרייד און ענטוזיאַזם. ער איז געפאָרן איבער די אויסגעפלאַסטערטע „כבישים" און געטראַכט, אַז אַלץ, וואָס ער זעט פאַר זיינע אויגן, די פאַבריקן, די געביידעס, פעלדער, פרדסים, קיבוצים און מושבים, דאָס אַלץ איז אונדזער אייגנס... אַלץ ווערט באַאַרבעט דורך יידישע הענט. פלאַנירט און פאַרטראַכט מיט יידישן וויסן און חכמה. דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן מיט אַזוי פיל מי און מסירת־נפש. מיט אַזוי פיל איבערגעגעבנקייט, ליבשאַפט און אויסדויער. געבענטשט זאָלן זיין די בויער! די חלוצים! האָט אַ קול אַרויסגעזונגען פון אים.

ער איז אָנגעקומען באַלד נאָך דער מלחמה פון די 6 טעג. עס איז נאָך געווען קענטיק סימנים פון קריג. ביי די „מקלטים" זענען נאָך געלעגן זעק מיט זאַמד, ווי אַ באַשיצונג. אין די הייזער זענען די שויבן געווען פאַרקלעפּט מיט פּאַפּיר, ס'זאָל אין די נעכט נישט אַרויסשיינען קיין ליכט, דער שונא זאָל נישט באַמערקן.

אויף די גאַסן האָט מען געזען דורכגיין „חיילים" און „חיילות" מיט פאַרשידענע ראַנגען און אָפּצייכענונגען. ער פלעגט זיך אָפּשטעלן און זיי באַוווּנדערן מיט אָפּשיי און יראת הכבוד, דאָס זענען די „גיבורי האומה", וואָס האָבן פאַרטיידיקט זייער לאַנד, זייער פאָלק און זייערע היימען, וואָס האָבן מיט זייער נצחון איבערראַשט די וועלט.

ער האָט באַמערקט די ערנסטקייט און די באַשיידנקייט זייערע, קיין שפור פון גדלות און פאַררייסנקייט פון דעם גרויסן נצחון איבערן שונא... נאָר ווי זיי וואָלטן נאָכגעטראַכט, באַדויערט דעם שונא, וואָס איז פאַר־פירט געוואָרן און האָט זיי געצוווּנגען אַרויסגיין אין קריג, זיך צו פאַר־טיידיקן, קעגן אונדזער ווילן צו פירן מלחמה, צו פאַרגיסן מענטשלעך בלוט.

אַלץ האָט אים אויסגעזען ניי, אויסטערליש, ווונדערלעך, איינדרוקספול. ער איז אַ סך מאָל געבליבן שטיין אין מיטן גאַס פאַרגאַפט און פאַרחידושט.

אומעטום האָט ער זיך באַגעגנט מיט יידן געקומענע פון גאַר דער וועלט. אַנדערע האָבן אים דערציילט זייער פאַרגאַנגענהייט, אַלץ, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אין די מלחמה־יאָרן, אין די געטאָס, אין די לאַגערן, אין די וועלדער, ווי פּאַרטיזאַנען, ווי זיי האָבן זיך על פּי נס געראַטעוועט, און זיך קוים דערשלאָגן צו די ברעגן פון ישראל.

מיט אויפמערקזאַמקייט האָט ער נאָכגעפאָלגט די יידן פון די מזרח־עדהס, זייערע באַזונדערע שטריכן, טעמפּעראַמענטן און געוווינהייטן, ער האָט זיך צוגעהערט צו אַלערליי שפּראַכן און דיאַלעקטן, וואָס האָט אים אָפּגעקלונגען אַזוי פרעמד, אומבאַקאַנט, עקזאָטיש.

פאַרפאָלגטע און געיאָגטע אין זייערע לענדער, האָט ער אַרויסגע־לייענט פון זייערע יידישע אויגן דעם אומעט און דעם צער פון דורות־דיקער פאַרפאָלגונג. און אויך די פרייד און צופרידנקייט, וואָס זיי האָבן ענדלעך געפונען רו און זיכערקייט אין לאַנד, אין דער אייגענער היים.

ער האָט באַוווּנדערט די ישראל־יוגנט, וואָס איז געוואָגט און אַנטשלאָסן, דרייסט און מוטיק, און איז גרייט זיך מוסר נפש זיין פאַר קיום האומה, פאַרן פאָלק, פאַר דער מדינה.

ער האָט אָבסערווירט די אַרבעטסזאַמקייט און דינאַמישקייט פון דעם ישראל־מענטש, אין די שטעט און דערפער, אין די קיבוצים און מושבים.

צוזעענדיק אַלץ, האָבן אים באַנג געטאָן די אַלע פאַרגאַנגענע יאָרן, וואָס ער איז געווען דערווייטערט פון זיין פאָלק. אין דער צייט ווען אַנדערע האָבן צוגעגרייט דעם וועג און מיט ליבשאַפט און מסירת נפש געפלאַנצט און געבויט — איז ער געקומען צום גרייטן. אַ פאַרלאַנג האָט זיך ביי אים דערוועקט אויפשטיין באַגינען און גיין צוזאַמען מיט די אַרבעטער צולייגן אַ האַנט, אַניאָגן די פאַרלוירענע צייט.

ביים באַזוכן די הייליקע פלעצער, די היסטאָרישע מקומות, איז ער געבליבן שטיין פאַרדבקהט, פאַרטראַכט. ער איז געוואָרן דורכגעדרונגען מיט אַ געפיל פון קדושה און יראת הכבוד. מאַסן יידן האָבן כסדר גע־שטראָמט פון אַלע זייטן. מענער און פרויען, קינדער און זקנים האָבן אַריינ־געוויינט און אַריינגעזיפצט זייערע תפילות און בקשות. אַנדערע האָבן

געבראַכט צו פירן אין וועגעלעך קראַנקע, פּאַראַליזירטע, און געבעטן פאַר זיי געזונט, אויפלעבונג. זייערע בעטנדיקע בליקן האָבן אויסגעדריקט צער, האָפנונג און טרייסט...

ביים באַזוכן דעם כותל מערבי האָט דער דיכטער ישראל גפן זיך אָנגעשפּאַרט אין דער הייליקער וואַנט, אויסגעשטרעקט זיין האַנט און אָנגערירט די אוראַלטע שטיינער. זיינע פינגערשפּיצן האָבן געפילט אַ ציטערדיקע וויברירונג, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין זיין געמיט מיט אַן אויפרודערנדיקער התלהבות, ווי ער וואָלט אויפגעכאַפּט אַ שטילן עכאָ פון אויסטערלישע קלאַנגען — רירנדיקע ניגונים און טענער פול מיט בענקשאַפט, צער און טרייסט... זיינע אויגן זענען געוואָרן פייכט און פאַר־נעפּלט. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע זיינע חושים אויפצונעמען די וווּנדערלעכע טענער און קלאַנגען, און איז געבליבן פאַרחידושט. מיט אַ מאָל האָט זיך אַלץ אָפּגעהאַקט, פאַרשוווּנדן, ווי די אויסטערלישע ניגונים, וואָס ער האָט אויפגענומען, וואָלטן זיך פאַראייניקט מיט די תפילות און בקשות פון די אַלע עדהס יידן, וואָס זענען געקומען אויסגיסן זייער האַרץ, און זענען דערנאָך פאַרשוווּנדן אין רוים...

ער איז געבליבן שטיין פאַרדימיונט. זיינע פאַרטרערטע אויגן האָבן געקוקט צו דער מאַסע יידן, וואָס האָבן מתפּלל געווען מיט קדושה און התלהבות. ער האָט געשפּירט ווי זיינע פאַרטריקנטע ליפּן ציטערן, ער שעפּטשעט אין דער שטיל רירנדיקע ווערטער פול מיט האַרץ און געפיל, מיט דבקות און התנצלות, ווערטער אָן אַ פאַרבינדונג, און אָן אַ סדר, נאָר וואָס אַרויסגעקומען פון דער טיפעניש פון זיין געמיט, און וואָס נאָר ער אַליין האָט אויפגעכאַפּט זייער באַדייט.

☆

שוין עטלעכע טעג ווי דער דיכטער ישראל גפן גייט אַרום מיט בענקשאַפט־געפילן און טראַכטענישן, זינט ער האָט באַקומען דעם בריוו, ווו זיין זון איז אים מודיע, אַז ער פייערט אין גיכן די בר־מצווה פון זיין משהלען, און ער פאַרבעט אים צו דער שמחה.

ער האָט געהאַלטן דעם בריוו, עטלעכע מאָל איבערגעלייענט און זיך פאַרטראַכט. זיין אייניקל משהלע ווערט שוין בר־מצווה. וואָס פאַרא פרייד און נחת רוח. דאַכט זיך, אַז ערשט נישט לאַנג איז ער נאָך געווען אַ קינד, ער האָט אים געטראָגן אויף די הענט, און איצט איז ער שוין דערוואַקסן, ווערט שוין זעלבסטשטענדיק, אַ בר־מצווה־בחור, וואָס פאַרא פריידיקע איבערלעבונג.

צוגלייך באַהערשט אים אַן אומעטיקע שטימונג. ער וועט נישט קענען ביייזיין אויף דעם יום־טוב, מיטפרייען זיך מיט טאַטע־מאַמע, מיט דער גאַנצער משפחה, ווען מ׳וועט אים אויפרופן צו דער תורה, און ער וועט נישט הערן די דרשה, וואָס משהלע וועט האַלטן דערנאָך פאַר אַן עולם פאַרבעטענע געסט.

ער האָט זיך פאַרטראַכט, וואָס פאַרא מתנה קען ער אים שיקן פון ישראל? ער האָט געוואָלט, אַז די מתנה זאָל אויסדריקן זיינע געפילן און סענטימענטן, זאָל זיין צוגעפּאַסט צום יום־טוב.

ער איז אַריין אין אַ ספרים־געשעפט. אַנגעהויבן זוכן צווישן די פּאָליצעס עפּעס, וואָס זאָל אים געפעלן. ער האָט מיט אַ מאָל דערזען אַ קליין ספר־תורהלע מיט אַ רויט מענטעלע מיט זילבערנע אויסגעהאָפּ־טענע אותיות, וואָס האָבן אים אַריינגעלויכטן אין פּנים.

אַ פרייד האָט אים באַהערשט ווען ער האָט דערזען דאָס ספר־תורהלע. דאָס וועט ער קויפן פאַר זיין אייניקל, דאָס איז די שענסטע מתנה. ער וועט אים אויך קויפן אַ טליתל אַנצוטאָן, ווען מ׳וועט אים אויפרופן צו דער תורה.

ווען דער פאַרקויפער האָט אים פאַרפּאַקט דאָס טליתל, דאָס ספר־תורהלע, האָט דער דיכטער ישראל גפן אויסגעשטרעקט זיינעביידע הענט און עס אָנגענומען מיט אַ גליקלעכן שמייכל. זיך געאיילט מיטן פּעקעלע אונטערן אָרעם, געטראָגן דאָס מיט אַ ציטערדיקער פרייד, ווי ער וואָלט געהאַלטן אויף זיך אַן אויסגעצערטלט קינד... ער האָט געטראַכט, אַז ער דאַרף וואָס גיכער דאָס אַוועקשיקן, ס׳זאָל אָנקומען צו דער צייט.

אין אַ צייט אַרום האָט דער דיכטער ישראל גפן באַקומען אַ האַרציקן

בריוו. דער בריוו האָט אים צענומען, ער איז געווען גערירט... זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן. אין בריוו האָט דאָס אייניקל אים גע־דאַנקט פאַר דער ווערטפולער מתנה, דעם הייליקן ספר, וואָס ער וועט וויסן ווי צו שעצן און טייער האַלטן. ער זאָגט צו דעם זיידן דאָס צו לערנען, אָפּהיטן, רעספּעקטירן און גיין אויפן זעלבן וועג...

ער האָט פאַרגעזעצט לייענען, זיין זון שרייבט אים, אַז דעם טאָג ווען זיי האָבן באַקומען די וואונדערלעכע מתנה, שפּירן זיי זיך מער דער־נעענטערט צו די יידישע גייסטיקע ווערטן, צו דער יידישער היסטאָריע, אַז דער הייליקער ספר וועט באַשיינען זייער היים... און זיי זענען פול מיט רעספּעקט און יראת הכבוד פאַרן ספר הספרים.

דער דיכטער ישראל גפן האָט געהאַלטן דעם בריוו און זיין האַרץ האָט געציטערט פון בענקשאַפט, פרייד און טיפע עמאָציעס... ער האָט זיך נישט געקענט באַהערשן, טרערן זענען אים אָנגעשוואָלן אין די אויגן, אים פאַרטונקלט די ראיה. פון די אָנגעפילטע טרערנדיקע אויגן זענען די ווערטער אין בריוו געוואָרן מטושטש, זענען זיך צעגאַנגען, און דערנאָך ווידער אויפגעטויכט אין חלל. אַ בלענדנדיקע שיין האָט אים אַריינגע־לויכטן אין פּנים, אים געצערטלט. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די אויפגעטויכטע ווערטער אין חלל לייכטן ווי די גליענדיקע פונקען... דער־נעענטערן זיך צו אים און רינגלען אים אַרום. די שטראַלנדיקע פונקען טוליען זיך איינע צו די אַנדערע, גייען זיך צונויף, פאַראייניקן זיך ווי אויפגייענדיקע פונקען פון אַ טליענדיקן זשאַר, וואָס פלאַקערט זיך מיט אַ מאָל פונאַנדער מיט אַ ליכטיקן פלאַם, ווערט אַלץ שטאַרקער און מעכ־טיקער, און קען גובר זיין אַלע ווינטן און שטורעמס, וואָס בושעווען אַרום אים... ווי דער דורותדיקער קיום און המשך פון יידישן פאָלק...

ח ר ט ה

נחום גוטקין איז אַ שטילער, באַזאָכטער מענטש. ער פאַרמאָגט צאַרטע אײדעלע שטריכן און באַנעמונגען, וואָס רופן אַרויס רעספּעקט און דרך ארץ. עס ווייעט פון אים מיט פשטות און אויפריכטיקער תמימותדיקייט. אַ האַרציקער שמייכל באַשיינט זיין גאַנץ פּנים. זיין גאַנג איז אַ לייכטער, אַ שוועבנדיקער, ווי ער וואָלט קוים אָנגערירט די ערד. זיינע טריט זענען שטילע, ווי ער זאָל זיך באַמיען נישט אָנצומאַכן קיין גערויש... ער רעדט מיט אַ שטיל באַהאַרצט קול און אַז ער טוט עפּעס, איילט ער זיך קיין מאָל נישט, טוט אַלץ געלאַסן, לאַנגזאַם און זיינע אַלע זשעסטן און תנועות דריקן אויס אַן אינערלעכע שלוה. דער צו איז ער אַ מענטש, וואָס זעט אויסמיידן מחלוקותן, האָט פיינט זיך צו קריגן מיט יענעם, האָט מורא ער זאָל נישט עמעצן באַליידיקן, פאַרשאַפן ליידן, יסורים. און טאָמער ברענגט מען אים אַריין אין כעס, דריקט ער אין זיך, האַמעוועט דעם רוגז. זיין פּנים ווערט פאַרגאָסן מיט אַ לייכטער רויטקייט און זיין האַלב־פאַרזשמורעטער בליק ווערט פאַרצויגן מיט אַ לייכט וואָלקנדל פון אומעטיקער פאַרזאָרגטקייט. זיינע בליקן בעטן זיך: צו וואָס זיך אויפרעגן, זיך מאַכן שלעכט בלוט, אַז אַלץ גייט אַריבער? און אַזוי באַגייט ער זיך אויך אין דער היים, מיט די קינדער, שרייט קיין מאָל נישט אויף זיי, הויבט נישט אויף קיין האַנט אויף זיי, וווּנדערט זיך בכלל — ווי קען מען האָבן אַ האַרץ צו שלאָגן קליינע קינדערלעך? נעמט זיי שטענדיק איין מיט גוטן, פּרוּווט ווירקן אויף זיי מיט גוטע ביישפּילן און שיינע מידות...

זיין פרוי — איז פונקט דער היפוך פון אים. אירע געזיכט־שטריכן זענען שאַרפע, שפּיציקע. זי גייט שטענדיק מיט גיכע אימפּעטדיקע טומל־דיקע טריט. אירע אַלע זשעסטן און באַוועגונגען זענען רירעווודיקע און ענערגישע. זי רעדט נישט, נאָר שרייט מיט אַ בייזערנדיקן צאָרנדיקן קול.

זי איז שטענדיק פאַרטאַראַמט, אויפגערעגט און אומצופרידן. זי לויפט אַרום אַ גאַנצן טאָג איבער דער שטוב און רוט נישט אַ מינוט. רוימט, קאָכט, וואַשט, פּרעסט, נייט און רייניקט. שטענדיק איז זי פאַרנומען, פאַר־גראַטשקעוועט און קיין מאָל קען זי נישט אַרויסקריכן פון דער שטוב־אַרבעט. שטענדיק גייט זי אַרום און וואַרטשעט, אַז מ׳איז איר נישט דאַנקבאַר, מ׳שאַצט נישט אָפּ איר אַרבעט, מ׳פילט איר נישט מיט, מ׳היט נישט אָפּ די ריינקייט פון שטוב, מ׳קומט שטענדיק צום גרייטן, און זי סטראַשעט, אַז זי וועט פאַלן פון די כוחות פון מידקייט און איבערגע־האַרעוועטקייט...

נחום גוטקין קען נישט פאַרטראָגן איר געפּילדער, איר רוישערײ און טומל. ער שווייגט, ענטפערט איר נישט קיין וואָרט. ער ווייסט, אַז ער וועט זי נישט איבעראַנדערשן. אַזוי איז זי שטענדיק. ס׳איז נישט כדאי זיך צו פאַרהערן. זי זאָגט אַליין, אַז זי מוז אַרויסשרייען, אַז זי שרייט אַרויס ווערט איר גרינגער...

וועגן די קינדער, אַ מיידעלע פון צען יאָר און אַ ייִנגל פון אַכט, וואָס זענען פונקט דער קעגנזאַץ איינער צום צווייטן — וואַרפט זי אים פאָר, אַז ער פירט זיי איבער... אַז ער גיט זיי אַלץ נאָך... איז אַ פוכקע לבבות, האָט מורא די האַנט אַרויפצולייגן אויף זיי, דעריבער זענען זיי נישט פאָלגעוודיק... זי שרייט און רופט אַלע מאָל דאָס מיידל אין קיך, זי זאָל איר העלפן, און באַשולדיקט אין אַלץ דעם טאַטן...

דאָס ייִנגעלע איז אין כאַראַקטער ענלעך צו דער מוטער, אָבער דאָס מיידל איז אין גאַנצן ענלעך אין פאָטער, פאַרמאָגט זיינע צאַרטע, איידעלע שטריכן, זיין שטילן גאַנג, זיין גוטמוטיקייט, רויִקייט און באַזאָכטקייט, קלעפּט זיך אין גאַנצן צום טאַטן, וויל מיט דעם אויסדריקן, אַז אין שטענדיקן שטרייט צווישן אים און דער מאַמען, איז זי אויף זיין זייט... אַז זי פילט אים מיט... זי קען אויך נישט פאַרטראָגן דער מאַמעס געליאַרעם און גערודער, איר שטענדיקע הודזשעריי און אַרויפוואַרפן אַלע שולדן אויף אים... זי ליידט ווען די מאַמע באַליידיקט דעם טאַטן, זוכט נאָר זיך אַרויסצוהויבן,

מאַכט פון אים אַש און בלאָטע, חוזקט פון אים און זאָגט, אַז ער האָט נישט קיין כאַראַקטער... איז ווייך און צעקראָכן ווי אַ לעמעשקע... זי קען דאָס נישט פאַרליידן... זי באַמערקט ווי דער טאַטע ענטפערט איר כמעט קיין מאָל נישט. דריקט אין זיך, ווי זיין געוווינהייט... הויבט אויף זיינע גוט־מוטיקע אויגן און קוקט אויף איר מיט מיטלייד און באַדויערן...

דאָס געפילפולע מיטפילנדיקע קינד כאַפט אויף, באַמערקט זיין אויפ־געדעגטקייט, זיין טיפע באַליידיקונג... זי דערקענט עס אין דער פאַרגאַ־סענער רויטקייט פון זיין פנים און דעם פאַרצויגענעם אומעט פון זיין גוטמוטיקן פאַרזשמורעטן בליק, אין דעם נערוועזן ציטער פון זיינע נאָז־פליגל און זי ליידט צוזאַמען מיט אים...

ערגער איז נאָך ווען זי מיטן ברודערל זענען דערביי. דאַן באַמערקט זי, אַז דער טאַטע פילט זיך געקרענקט, ער געפינט זיך קיין אָרט נישט אין שטוב, דאָס באַליידיקן אים נעמט צו ביי אים זיין אויטאָריטעט, ער פילט זיך געפאַלן, שפלדיק אַנטקעגן די קינדער...

— הער שוין אויף — בעט ער זיך ביי איר מיט אַ ווייך איינגעהאַלטן קול, — שטענדיק הערט מען פון דיר די זעלבע טענות, רק דו און דו... אַז מ׳שאַצט נישט אָפּ דיין אַרבעט, טו ווייניקער, וועסטו פאַרשפּאָרן צו מאַכן אַלעמען גליקלעך...

— אויב ס׳געפעלט דיר נישט, האָסטו אַ ברירה — ענטפערט זי אים אָפּ מיט גאַליקער רוגזה, שליידערט אים די ווערטער אין פנים און גיט צו פאַרביסן — קענסט נאָך פאַרריכטן דעם טעות, וואָס דו האָסט אַמאָל געמאַכט...

— צו שפּעט, — רעדט ער אַרויס די ווערטער מיט אַ טיפן זיפץ, — שוין צו שפּעט...

ער קוקט אויף די קינדער פאַרשעמט און פאַרלאָרן, פאַרשטייט, אַז ער טאָר דאָס נישט זאָגן פאַר זיי אין קעגנוואַרט און מוז איר דאָך אָפּ־ענטפערן, זיך נישט לאָזן אַזוי דערנידעריקן אין דער אַנוועזנהייט פון די קינדער... ער מוז מיט עפּעס רעאַגירן.

— אַ טעות איז קיין מאָל נישט שפּעט צו פאַרריכטן, האָסט נאָך

צייט, — וואַרפט זי אים דעם גט אין פּנים און קוקט אויף אים אַרויס־רופעריש...

ער ענטפערט איר מער נישט. ער ווייסט, אַז ער זאָל זיך נאָר אָפּרופן מיט איין וואָרט, קען זיך נאָך מער צעפלאַקערן דער קריג, די פיינלעכע מחלוקת. זי שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין זאַך, שעמט זיך נישט אַפילו פאַר די קינדער, זי מוז אַרויסזאָגן אירס, דאַן באַרויִקט זי זיך. ער זוכט עס אויסצומיידן. אַ סך מאָל קען ער מער נישט איבערטראָגן. ער הויבט זיך אויף האַסטיק פון זיין פלאַץ נישט אָפּענטפערנדיק קיין וואָרט און פאַרלאָזט איילנדיק די שטוב.

☆

מיטן זונס פלוצלונגדיקן קראַנק־ווערן זענען מאַן און פרוי נאָך מער דערווייטערט און פאַרפרעמדט געוואָרן איינער פון צווייטן, אָפּגעטיילט געוואָרן מיט אַן אומזעבאַרער מחיצה... די פרוי האָט מיט אַ מאָל פאַרגעסן אין אַלץ... זי האָט אויפגעהערט צו האָבן תרעומות צו אַלעמען. דעם זונס קראַנקהייט האָט אָפּגעשטויסן אַלץ אין אַ זייט... די הויפּטזאָרג האָט פאַר־נומען דער קראַנקער זון, זיין שווערער מצב. זי האָט אָנגעווענדעט איר גאַנצן אייפער, פלייס און ענערגיע אים צו ראַטעווען. זי איז געלאָפן צו דאָקטוירים, צו באַרימטע ספּעציאַליסטן, געבעטן רחמים מ׳זאָל איר העלפן אַרויסשלעפּן איר זון פון דער שווערער קראַנקהייט.

די דאָקטוירים האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס. קאַלטבלוטיק און מיושבדיק זיך געהייסן פריער ברענגען די „היסטאָריעס״, געקוקט, געזוכט, געפּאָרשט, צום ווייפלטן מאָל איבערגעפרעגט די זעלבע נודנע פראַגן. זיך געוווּנדערט פאַר וואָס מען זעט נישט קיין בעסערונג. די קראַנקהייט שטייט אויף איין אָרט. זיי האָבן געהייסן פאַרזעצן מיט די רפואות, געגעבן אָנווייזונגען, פאַראָרדענונגען און זעענדיק אירע קלאַמערנדיקע, בעטנדיקע בליקן, האָבן זיי איר צוגעגעבן מוט, איר פאַרזיכערט, אַז ער וועט זיך

בעסערן, ער וועט זיין געזונט. מ׳דאַרף נאָר האָבן געדולד, אויסדויער און האָפענונג.

די קראַנקייט האָט דאָס קינד פאַרביטן, פאַרוואַנדלט אין אַן אכזר, אין אַ פאַרביסענעם דעספּאָט, ער איז געוואָרן שלעכט, קאַפּריזנע, אַרויס־ווייזנדיק אַ שנאה און פאַראַכטונג צו אַלעמען... איבערהויפּט צו די אייגענע, גאַנצע טעג אָפּגעזעסן אין אַ ווינקל, פאַרטיפט און קאָנצענטרירט אין זיך, ווי ער זאָל זיך וועלן דערווייטערן פון דעם אַרום...

דער פאָטער, וואָס האָט אים קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין נאָענט־קייט, קיין ליבשאַפט, קיין פאָטערלעכע געפילן צוליב דעם קינדס כאַראַק־טער־שטריכן, וואָס זענען אים געווען פרעמד און דערווידער — איז איצט מיט זיין קראַנקייט, נאָך מער דערווייטערט פון אים... ווי ער וואָלט נישט געווען זיין זון, נאָר אַ פרעמדער...

אַ סך מאָל האָט ער זיך אַליין פאַרגעוואָרפן, אַז ער טאָר אַזוי נישט האַנדלען. ער איז דאָך זיין זון, זיין בלוט און פלייש... אָבער זיין שלעכטס־קייט, זיין פאַרביסנקייט, זיין אכזריותדיקייט, האָבן אַליין אָפּגעשטויסן פון אים און אים דערווייטערט...

צייטנווייז האָט זיך אויפגעוועקט אין אים אַ רחמנות־געפיל... טיף אין דער נשמה האָט אויפגערודערט אַ פאַרבאַהאַלטן פאָטערלעכער סענטי־מענט, וואָס דאָס קינד איז אַזוי אומגליקלעך, דאַרף אַזוי פיל ליידן, אָפּ־קומען, פילט זיך מינדערוויכטיק, געפאַלן קעגן אַנדערע קינדער, וואָס זענען געזונט, מונטער, פריילעך, פול מיט לעבן, און ער איז אומבאַהאָלפן, אים דאַרף מען שטענדיק באַגלייטן, אַכטונג געבן, אָפּהיטן.

אָבער גלייכצייטיק האָט זיך אים אַריינגעגנבעט אַ מאָדנער געדאַנק, — דאָס וואָס ער האָט אין קינד אין גאַנצן נישט געפונען קיין ענלעכקייט צו אים, נישט זיינע שטריכן, נישט זיינע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן, האָט אים באַפרייט פון אַ שולדגעפיל אין דעם קינדס ליידן...

אַ סך מאָל ווערט דאָס קינד אומדערטרעגלעך. די יוכע צינדט זיך אָן אין אים. און פאַר דער מינדעסטער קלייניקייט וואַרפט ער זיך שלאָגן זיין שוועסטערל, זעצן און האַקן מיט די פויסטן.

דער פּאָטער פּאַרלירט זיין שטענדיקע באַזאַכטקייט, רויִקייט, ער באַ־מיט זיך זיי פונאַנדערטיילן, אָפּרייסן איינעם פון אַנדערן און קוקט מיט שרעק אויפן קראַנקן קינד, וואָס שטייט מיט פאַרדריקטע פויסטן, ביסטרע, רציחהדיקע אויגן, פון וועלכע עס קוקט אַרויס אַן אומהיימלעכער בליאַסק פול מיט האַס און שנאה...

— נעם אים שוין צו, דעם זון דיינעם, פון דאַנעט! — ווענדעט ער זיך צו דער פרוי מיט אַ צאַרנדיק קול, ווי ער זאָל געפינען אַ געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט איר, — מ׳קען דאָך פון אים נישט אויסהאַלטן, ווען איך נעם נישט אַרויס דאָס קינד פון זיינע הענט, וואָלט ער דאָך זי צעמימתט. זע, סאַראַ יוכע! — ווייזט ער אויפן קראַנקן זון, וואָס שטייט אין אַ זייט, איז בלאַס פון אויפרעגונג, אָטעמט שווער און האַלט פאַר־שטייפט די פויסטן און ציטערט פון כעס.

— צעמימתט — חזרט זי איבער מיט חוזק, מיט שפּאָט, — פאַרגרע־סער נאָר נישט די זאַך. ס׳וועט איר גאָרנישט זיין, דיין טעכטערל. מסתמא האָבן זיי זיך צעקריגט צוליב אַ קלייניקייט, קינדער! אָט קריגט מען זיך און אָט בעט מען זיך איבער, — וויל זי אים פאַרטיידיקן, נעמען אונטער איר שוץ און קוקט צום קינד צעטומלט און דערשראָקן.

— אָבער אַ קינד זאָל פאַרמאָגן אַזאַ יוכע, אַזאַ כעס, שלאָגן זיין שוועסטער מיט אַזאַ רציחה — קען ער זיך נישט באַרויִקן, רעדט ווי צו זיך אַליין.

די פרוי גייט צו צום זון, וויל אים אַרומנעמען, קושן, ווי זי זאָל וועלן אים פאַרטיידיקן, באַשיצן, זיין נענטער מיט אים.

מיט אַ ברוטאַלן זשעסט שטויסט ער אָפּ די מוטער פון זיך. לאָזט זיך נישט אָנרירן. ער דריקט אויס מיט דעם זיין פאַרביטערונג, פאַר־אַכטונג און ווידערווילן צו אַלעמען...

☆

מיטן זונס אויסוואַקסן, גרעסער ווערן, האָט זיך אין שטוב פאַר־גרעסערט די זאָרגן, די דאגות, דער אומעט. פיינלעך איז געווען דאָס

אויסזען פון קינד, ווען ער פלעגט זיך אָוועקזעצן אַליין אין אַ ווינקל, אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, פאַרטיפט אין זיך און קוקן מיט זיין מוטנעם אומהיימלעכן בליק אויף איין פונקט, ווי ער וואָלט אין דעם קליינעם פינטעלע געזען זיין ווייטערדיק לעבן מיט די גרויליקסטע פאַרבן... אָדער ער פלעגט אויסלאָזן זיין כעס צו אַנדערע און דאַן פלעגט ער אין גאַנצן פאַרלירן די קאָנטראָל, פלעגט זיך נישט קענען באַהערשן. ער פלעגט פילן ווי אַ פאַרנעפּלטער שטייגנדיקער האַס גייט אויף פון דער טיפעניש זיינער, צעוואַקסט זיך אין אים, פאַרפּלייצט זיין גאַנצן קינדישן וועזן, ווי אַן אַנקומענדיקע כוואַליע וואָלט אים פאַרשוועקט, פאַרטויבט מיט אַ ווילדן עכאָ פון אַ צעבושעוועטן שטורעם... ער לאָזט דאַן אויס זיין אויפּטויכנדיקע שרעק צו וועמען עס קומט אים נאָר אונטער דער האַנט. ער וויל זיך פון עפּעס באַפרייען... ביז עס קומט צו גיין די מוטער אַ דערשראָקענע, אַ פאַרסאַפּעטע און נעמט אים איין, באַרויִקט אים...

אָונטצייט, נחום גוטקין זיצט און לייענט אַ צייטונג. ער וויל זיך פאַרטיפן, זיך אָפּזונדערן פון אַלץ און אַלעמען... די פרוי ליגט אַ וואָכע אויפן געלעגער. זי קען נישט איינשלאָפן. דעם גאַנצן טאָג איז זי פאַר־נומען מיט דער אַרבעט, מיט די פליכטן. איצט, אַז זי וויל זיך אָפּרוען, מאַטערן זי די רעיונות, נעמען צו ביי איר דעם שלאָף.

אין צווייטן צימער געפינט זיך דאָס קראַנקע קינד. זי לייגט אים שטענדיק פריער. זי ווייס, אַז עס נעמט אַ לאַנגע צייט ביז ער שלאָפט איין. זי שטרענגט אָן איר געהער. אירע אַלע חושים זענען געשפּאַנט, פאַרשאַרפט און אָנגעשפּיצט. זי איז שטענדיק גרייט צו באַשיצן איר קראַנק קינד פון אַ לויערנדיקער געפאַר... עס דוכט זיך איר אויס, אַז ער איז וואַך, שלאָפט נישט. אַלע נאַכט דרייט ער זיך שעהן לאַנג אויפן געלעגער און קען נישט אַנטשלאָפן ווערן. זי שפּרינגט אַראָפּ האַסטיק פון בעט, גייט אַריין מיט שטילע רוישלאָזע טריט אין צווייטן צימער, דערנענטערט זיך צו זיין בעטל, — בויגט זיך אַראָפּ און פרעגט אים מיט אַ פּליסטערנ־דיקער צערטלעכער שטים:

— וואָס איז דיר, מיין קינד, דו קענסט נישט איינשלאָפן?

— ניין — ענטפערט ער טרוקן, אומוויליק און בייז, ווי ס׳וואָלטן אים געוועזן דערווידער אירע פראַגן, איר אָנווענזהייט, אירע צערטלעכקייטן...

די מוטער ווערט צודרינגלעך, שטייט צו צו אים, וויל וויסן, וואָס אים דריקט, וואָס אים מאַטערט, ער מוז איר זאָגן, דערציילן. מיט מוטערלעכער באַזאָרגטקייט און איבערגעגעבנקייט פרעגט זי נאָך אַ מאָל:

— זאָג מיר, טוט דיר עפּעס וויי? פילסט זיך נישט גוט? זאָל איך דיר עפּעס מאַכן צו נעמען אין מויל אַריין, אפשר אַ פּיל, אַ באַרוי:קונגס־מיטל?

דאָס קינד שווייגט, ענטפערט נישט. ער וויל איר נישט פאַרשאַפן קיין צער, קיין עגמת־נפש, זיין מוטער, וועלכע טיילט זיך מיט זיין אומגליקלעכן גורל, איז אַזוי איבערגעגעבן צו אים, איז זיך מקריב פאַר אים, זאָגט אַ סך מאָל, אַז זי לעבט נאָר כדי אים צו פאַרגרינגערן... ער פאַרשטייט, אַז דאָס, וואָס ער טראַכט, וועט איר פאַרשאַפן גרויסע יסורים, ליידן. ער ווייסט, אַז זי איז די איינציקע, וואָס פילט צו אים אַן אומבאַגרענעצטע איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט, איז אים איבערגעגעבן מיטן גאַנצן האַרצן, מיטן לייב און לעבן. אַלע אַנדערע, די שוועסטער, די קרובים, האָבן אים פיינט, מיידן אים אויס... דערווייטערן זיך פון אים... אַז זיי קומען צו באַזוך, באַטראַכטן זיי אים פון ווייטן מיט באַדויערנדיקע בליקן... און דער אייגענער פאָטער ווייזט אויך נישט אַרויס צו אים קיין נאָענטקייט, קיין ליבשאַפט, ווי ער וואָלט געווען אַ פרעמדער... ער חזרט אַ סך מאָל איבער, אַז ער קען נישט פאַרנעמען זיינע געשרייען, זיינע קולות, זיין אויפפירן זיך, ווי ס׳וואָלט אים געווען שווער און דערווידער זיין אָנווענזהייט אין שטוב... דעם טאַטנס פרעמדקייט און דערווייטערטקייט פאַרווונדיקט נאָך מער זיין צעפייניקט קינדיש געמיט... ער פילט זיך געטראָפן, דריקט אין זיך און גיט עס קיין מאָל נישט אַרויס, ווי ער זאָל זיך שעמען פאַר עמיצן דאָס צו אַנטפּלעקן, צו דערציילן...

און דעריבער אַז די מוטער שטייט צו, וויל וויסן וואָס אים איז, האָט ער מיט איר מיטלייד, וויל איר נישט דערציילן. זי איז די איינציקע, וואָס טיילט זיך מיט זיין גורל, טוט אַלץ צו פאַרגרינגערן זיינע ליידן, צו פאַר־

לייכטערן זײַנע ווייטיקן און ארויסראַטעווען אים פון דער שווערער קראַנ־
קייט.

די מוטער טרעט נישט אָפּ. זי לייגט אַרויף איר האַנט אויף זײַן שטערן, זי וויל וויסן זײַן טעמפּעראַטור, צערטלט אים און בעט זיך מיט אַ פּליס־טערנדיק קול:

— זאָג מיר, מײַן קינד, האָסט אפשר געהאַט אַן אויפרעגונג הײַנט? עמיצער האָט דיך באַליידיקט, גרינגגעשעצט?

דאָס קינד קען מער נישט פאַרטראָגן דער מאַמעס פראַגן, איר צו־דרינגלעכקייט. ער שלוכצט אַרויס מיט אַ פאַרשטיקט פאַרדומפּן קול, ווי עס וואָלט געקומען פון די טיפענישן פון זײַן נשמה:

— איך וויל מער נישט לעבן...אַלע האָבן מיך פײַנט... דאָס גאַנצע לעבן וועל איך דאַרפן לײַדן... איך וויל שטאַרבן — שלוכצט ער אַרויס, ווי ער וואָלט אַרויסגעריסן אַן איבלדיקע זאַך פון זיך, פון זײַן אינגעווייד...

די מוטער ווערט צעדרודערט פון קינדס רייד. אַ קנויל וויקלט זיך פונאַנדער אין איר און דריקט זי מוראדיק, דערשטיקט צו ווערן. זי וויל אים עפּעס זאָגן, טרייסטן, מוטיקן און געפינט נישט קיין ווערטער. זי נעמט אים אַרום, צערטלט אים און שעפּטשעט אים אין אויער אַרײַן:

— געדולד, מײַן קינד, מען מוז האָבן געדולד. דו וועסט זײַן געזונט, דו וועסט זײַן געזונט. איך וועל טאָן אַלץ דיך אַרויסצונעמען פון דער קראַנקייט — ענדיקט זי אויפהויבנדיק איר שטים, ווי זי וואָלט אים געגעבן אַ פײַערלעכע שבועה...

נאָך אַ נאַכט נישט שלאָפן, גייט דאָס קראַנקע קינד אַרום צערייצט, בייז און פאַרביטערט, רעגט זיך אויף פון יעדער קלייניקייט, שרייט, גע־וואַלדעוועט און מאַכט אַ גיהנום אין שטוב, זוכט נאָר מיט עמיצן זיך צו קריגן, מיט וועמען עס איז זיך צו פאַרטשעפּען, פּראָוואָצירן, אויסלאָזן זײַן כעס, זײַן אָנגעזאַמלטע פאַרביטערטקייט און פאַרדרוס.

אַ סך מאָל זיצן מאַן און פרוי און שמועסן וועגן קינד, ריידן זיך אויס דאָס האַרץ.

— דאָס קינד איז דאָך נישט צו דערקענען — זאָגט דער מאַן צו דער

פרוי, וויל זוכן אַ דערקלערונג, — פון זינט דער קראַנקייט איז ער גע־וואָרן אַ פאַרביטענער, איך דערשרעק זיך אַליין... ס׳איז אים נישט צו דערקענען, ווען ער באַפאַלט עמיצן ווערט ער פונקט ווי אַ ווילדער טיגער, אַ צערייצטע חיה, מ׳קען דאָך אים נישט אָפּרייסן.

די מוטער זיפצט אָפּ, וויל אים פאַרענטפערן, פאַרטיידיקן, פאַרגלעטן:

— דאָס איז די קראַנקייט... דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז ווען ער וועט זיך בעסערן, וועט זיך אויך ענדערן זיין כאַראַקטער, זיין באַציונג צו אַנדערע. די קראַנקייט דאַרף זיך אויסשטיין, מ׳דאַרף האָבן געדולד. איך דערמאָן מיך, ווען ער איז געווען קליין, האָט מען נישט געוווּסט, אַז ס׳איז דאָ אַ קינד אין שטוב. ער פלעגט זיצן גאַנצע טעג און זיך שפּילן מיט וואָס ער פלעגט נאָר געפינען, און היינט איז די גאַנצע שטוב קליין פאַר אים און קיין זאַך קען אים נישט צופרידן שטעלן; און ווען ער איז געבאָרן געוואָרן, איז ער געווען שיין ווי די ליכטיקע זון, מיט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר, מיט העל־בלויע אויגן, אַז ער האָט פאַרשיינט די שטוב — זעצט פאָר די מוטער ווי זי זאָל זיך אַליין וועלן דערקלערן די פּלוצלונג־דיקע ענדערונג, וואָס איז פאַרגעקומען אין קינד.

ביידע בלייבן שטיל. האַקן מיט אַ מאָל איבער זייער געשפּרעך. דאָס קראַנקע קינד דערנענטערט זיך צו זיי, שפּרייזט מיט שטילע רווישלאָזע טריט, מ׳זאָל אים נישט באַמערקן. ער וויל אויפכאַפּן די רייד, וואָס טאַטע־מאַמע שמועסן צווישן זיך. זיין אַנגעשפּיצטער געהער כאַפּט אויף ווערטער וועגן אים, וועגן זיין צושטאַנד, וועגן זיין קראַנקייט.

✡

די מוטער פירט דאָס קינד צו זנאַכערס, נאַטוריסטן, אָפּשפּרעכערס, וואָס מאַכן זיך וויכטיק און רייסן אַראָפּ די מעדיצין, די דאָקטוירים, און גיבן איר באַבסקע רפואות, גראָזן און קרייטעכצער, נאַטוראַלע היילמיטלען. זיי פאַרזיכערן, אַז מיט דעם וועט ער זיך אויסהיילן און ער וועט זיין געזונט. הייסן איר אָפּשטעלן אַלע מעדיצינישע רעצעפּטן און איינשפּרי־

צונגען. זיי זאָגן, אַז אַלץ איז געשעפט, מסחר און שווינדל, דאָס זענען שעדלעכע גיפטן פאַרן אָרגאַניזם. אַז נאָר די נאַטוראַליסטישע היילמיטלען וועלן אים אויסהיילן.

די מוטער גלויבט אַלעמען. פאָלגט בלינד יעדן איינעם, וואָס גיט איר נאָר אַן עצה, און ווערט מיט אַ מאָל צעטומלט פון די קעגנזעצלעכע ווידער־שפּרעכלעכע מיינונגען, וואָס איינער איז סותר דעם צווייטן. ווען זי קומט אַ היים, זעט דאָס קינד די דערשלאָגנקייט פון דער מאַמען, בלייבט ער זיצן אין אַ ווינקל, קוקט מיט אומעטיקע בליקן אויפן טאַטן, וואָס זעלטן ווען ער דערנענטערט זיך צו אים און ווייזט אים קיין מאָל נישט אַרויס קיין פריינדלעכקייט, קיין צערטלעכקייט, ווי ער זאָל אים איגנאָרירן, פאַראַכטן.

אַ סך מאָל ווען זיי קומען פון דאָקטער, ווערט דאָס קינד אומדער־טרעגלעך. ער זוכט נאָר צו ווען אויסלאָזן זיין כעס. די מוטער קוקט אים נאָך מיט אומרויִקע בליקן. עס שרעקט זי זיין אויפגערעגטקייט, זיין פאַרביטערטקייט. זי זעט ווי ער זוכט נאָר עמיצן צו פּראָוואָצירן, און ווי זי גייט נאָר אַריין אויף אַ ווײַלע אין קיך, פּרובירט ער זיך פאַרטשעפּען מיט דער שוועסטער, הויבט זיך אָן מיט איר צו קריגן. און אַז זי פאַר־שווייגט אים נישט, ענטפערט אים צוריק, ווערט ער ווילד, הויבט זי אָן שלאָגן מיט רציחה, זעצן מיט די פויסטן, מיטן גאַנצן כוח. דער פאָטער לויפט צו אַ דערשראָקענער, באַמיט זיך אַרויסצורייסן דאָס מיידעלע פון זיינע הענט, זיי פונאַנדערטיילן, און ווען ער זעט ווי דאָס קראַנקע ייִנגל שטייט אַנטקעגן אים מיט פאַרשטייפטע צונויפגעדריקטע פויסטן, די רציחה־דיקע אויגן זענען אים פאַרגאָסן מיט אַ מוטנעם אומהיימלעכן גלאַנץ, ווי ער וואָלט גאָרנישט געזען אַרום זיך, ווענדעט ער זיך צו זיין פרוי, וואָס קומט צו לויפן ווען זי הערט די געשרייען, דעם טומל:

— האָסט געזען אַזוינס? ער האָט דאָך דאָס מיידל שיר נישט דער־הרגעט. איך האָב דאָך זי קוים אַ לעבעדיקע אַרויסגעריסן פון זיינע הענט. גיב אַ קוק — ווייזט ער אויף דער טאָכטער, וואָס שטייט אין אַ זייט אַ וויינענדיקע, — די צייכנס, די סיניאַקעס, וואָס ער האָט געמאַכט מיט

זיינע קולאַקעס. — ער הויבט אויף זיינעביידע הענט, ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן אים צו שלאָגן און האַלט זיך אָפּ.

— ס׳איז נישט קיין קינד. אַ מערדער איז עס! אַ רוצח! דאָס האָט מערדעריש בלוט אין זיך. — שרייט ער אים אַריין אין פּנים.

די מוטער ווערט בלייך. אַלע פאַרבן לויפן אָפּ פון איר געזיכט. איר פאַרשפּיצט פּנים זעט אויס, ווי אַ ביינערדיקע מאַסקע. אירע אויגן גליען, שרפען, שפּריצן מיט גיפט. זי רופט אָפּ דאָס קראַנקע קינד, עס זאָל אַוועקגיין אין אַ זייט. זי גייט צו עטלעכע טריט נענטער צום מאַן און טייטלט אים שפּיזלדיק מיט די פינגער אין פּנים, שטורכעט אים דראָענדיק:

— אַנו, פּרוּוו נאָר אַרויפלייגן אַ פינגער אויף אים? לאָמיר נאָר זען צי דו וועסט וואַגן צו שלאָגן אַ קראַנק קינד? — שטעלט זי זיך אַוועק אין אַן אָנגרייפערישער פּאָזע, ווי אַ שוצוואַנט צו פאַרטיידיקן דעם זון — ער איז נישט קיין מערדער און נישט קיין רוצח, הערסט?! — שפּיזלט זי אים ווידער מיט די פינגער אין פּנים. — זיך צעשלאָגן, אַ נייס אַז קינדער צעשלאָגן זיך, צעדראַפּען זיך! דעריבער מאַכט מען אַזאַ געוואַלד? שוין בעסער אַזוי, שוין בעסער דערלאַנגען צוריק, זיין אַ שלעגער און נישט אַזאַ נעבעכל ווי דו, אַראָפּגעבויגן שטענדיק דעם קאָפּ, זיך לאָזן טרעטן מיט די פיס, זיין אַ צעקראַכענע לעמעשקע.

נחום גוטקין בלייבט שטיין אָפּהענטיק און דערשלאָגן. דער ווייבס באַליידיקנדיקע ווערטער דערנידעריקן אים, נעמען צו זיין אויטאָריטעט אָנזען און חשיבות.

זיין פּנים ווערט פאַרגאָסן מיט אַ צונטערדיקער רויטקייט פון בושה און פאַרדרוס, וואָס דאָס ווייב איז אים מבזה פאַר די אייגענע קינדער, ער וויל עפּעס זאָגן און קען נישט. זיינע ליפּן ציטערן, ער שטאַמלט אומ־פאַרשטענדלעכע רייד, האַקט אָפּ און בלייבט שטיל. ער בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ, שעמט זיך צו קוקן די קינדער אין די אויגן. איצט זעט אים אויס ווי מ׳וואָלט אים אומגעשליידערט אויף דער ערד, מ׳טרעט אויף אים מיט די פיס, מ׳וויל אים צודעפּטשען, פאַרפּייניקן. ער קען קוים כאַפּן דעם אָטעם.

ער באַמערקט דעם קראַנקן קינדס בליקן, וואָס קוקט איצט צו אים מיטפילנדיק. ווי ער וואָלט זיך געפילט שולדיק און ס׳וואָלט אים באַנג געטאָן וואָס צוליב אים איז פאָרגעקומען די פאַרדריסלעכע צאַנקעריי, דער שאַרפער איבעררייד און וואָס ער, דער פאָטער איז אַזוי באַליידיקט און דערנידעריקט געוואָרן.

נוחם גוטקין ווערט געריררט, פאָטערלעכע געפילן וועקן זיך אין אים און דערנענטערן אים אַלץ מער צום קראַנקן קינד. ער שטרעקט אויס זיינע אָרעמס, נעמט אים ליבלעך אַרום, ער בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געבעטן ביים קינד מחילה פאַר דער גאַנצער צייט... וואָס ער איז שטענדיק געווען צו אים פרעמד... דערווייטערט... אים אָפּגעשטויסן פון זיך... וואָס האָט נאָך מער פאַרערגערט זיין קראַנקייט.

דאָס קינד טוליעט זיך מיט דער גאַנצער קינדערשער אומבאַהאָלפנ־קייט צום פאָטער, זוכט ביי אים שוץ... צערטלעכקייט, נאָענטקייט.

נחום גוטקין פאַרגעסט אין די אָקאָרשטיקע דערנידערונגען און באַ־ליידיקונגען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פון ווייב. אַלץ פאַרשווינדט מיט אַ מאָל. ער זעט נאָר דעם קינדס בליקן, וואָס זענען איצט געווענדעט צו אים, פאָלגן אים נאָך, ווי ער וואָלט מיטגעפילט זיין צער, קוקן צו אים מיט ליבשאַפט, דאַנקבאַרקייט און פאַרגעבונג.

מיטן פאָטערס דערנענטערונג, פילט זיך דאָס קינד געשטאַרקט, גע־מוטיקט און ס׳דוכט זיך אים, אַז די קראַנקייט וועט מער אויף אים קיין שליטה נישט האָבן. ער וועט אין גיכן געזונט ווערן.

צום ערשטן מאָל נאָך אַ לאַנגער צייט האָט נחום גוטקין באַמערקט אַן אויפטויכנדיקן בליאַסק, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון קינדס אויגן, וואָס זענען שטענדיק געווען פאַראומערט, פאַרביטערט. איצט האָבן דעם קינדס אויגן געפינקלט מיט באַנייונג, אויפריכטונג און גענעזונג.

צער און בענקשאַפט

(רעפּאָרטאַזש)

אין דעם בהלהדיקן געדראַנג און טומלדיקן געפּילדער פון דער גרויסער שטאָט, צווישן דעם אימפּעטיקן געיעג פון די אויטאָמאָבילן, לאַסט־אויטאָס און אויטאָבוסן, וואָס פאַרהילכן די לופט מיט זייער שטאָלענעם געקלימפּער און די גרילצנדיקע סירענעס מיט זייערע בייזערנדיקע קולות — שניידט דורך פון צייט צו צייט די גאַסן פון שטאָט, אַן אימהדיק צעצויגענער אַליאַרעם־סיגנאַל, וואָס וואַרפט אַן אַן אַנגסטלעכן ציטער.

דאָס איז די סירענע פון דער גיכער הילף, וואָס ליאַרעמט מיט אַן אימהדיק קול, ציט אָפּ די מענטשן פון זייער פאַרהאַוועטקייט, צווינגט זיי זיך צו פאַרטראַכטן אַ ווײַלע, זיך אײַנהערן צו דעם האַרצרײַסנדיקן געוויין, וואָס טראָגט זיך איצט איבער די גאַסן פון שטאָט. דער וויינענדיקער אַליאַרעם דערציילט פון אַ לעבן, וואָס איז אין געפאַר, ראַנגלט זיך מיט די לעצטע כוחות און בעט הילף.

דער אויטאָ פון דער גיכער הילף טראָגט זיך מיט אַן אײַלנדיקער שנעלקייט איבער די גאַסן פון שטאָט, וואָרנט מ׳זאָל אים פריי מאַכן דעם וועג, אײַלט זיך אָנצוקומען צו אַ נאָענטן שפּיטאָל, ווו מ׳זאָל קענען געבן די ערשטע הילף דעם שווער קראַנקן, אָדער פאַרוווּנדעטן פון אַ פאַרפאַל.

אין די שפּעטע נאַכט־שעהן רופט אַרויס אַן אַנגסטלעכן ציטער דער ווייסער אויטאָ מיטן רויטן סיגנאַל פון דער גיכער הילף. דאָס רויטע ליכט, וואָס פאַרבייט דעם בייטאָגיקן אַליאַרעם־סיגנאַל, צינדט זיך אָן און פאַרלעשט זיך אָן אויפהער, וואָרנט פון אַ סכנה.

מיט אַ מאָל ווערט די גאַנצע טראַפיק אָפּגעשטעלט, און איבער די שטילע גאַסן לויפט דורך דער אויטאָ פון דער גיכער הילף, וואָס זעט

אויס פון ווייטן ווי אַ דורכפּליענדיק געשפּענסט מיט אַ רויט פאַרבלוטיקט אויג, וואָס עפנט זיך און פאַרמאַכט זיך, ווי ס׳וואָלט זיך פאַרגאַנגען אין ווייטיקלעכע יסורים.

✡

אין די קאָרידאָרן פון שפּיטאָל זיצן שטענדיק מענטשן, וואָס וואַרטן מיט אַן אומגעדולדיקער געשפּאַנטקייט. זייערע פּנימער זענען אומעטיק און פאַרזאָרגט. זיי זיצן איינגעבויגענע אויף די לאַנגע אָפּגעריבענע בענק, און זייערע בליקן זענען פאַרטראָגן, ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געזען אַרום זיך, נאָר וואַנדערן ערגעץ ווייט אין חלל. זייערע מחשבות זענען פאַרנומען מיטן קראַנקן, וואָס זיי זענען געקומען מבקר חולה זיין.

אַנדערע קענען נישט איינזיצן אויף אַן אָרט, זיי גייען אַרום איבערן קאָרידאָר מיט גיכע נערוועזע טריט הין און צוריק. לויט זייערע געשפּאַנטע אומגעדולדיקע בליקן און זשעסטן, ווייסט מען, אַז אַ פריינד, אָדער אַ נאָענטער קרוב, געפינט זיך אין אָפּעראַציע־זאַל, און זיי וואַרטן אויף דער בשורה, אַז די אָפּעראַציע איז דורכגעגאַנגען בשלום.

אָוונטצייט זעט מען ווי עס גייען דורך דעם טונקעלן קאָרידאָר מיט איילנדיקע טריט די קרובים און פריינד פון די קראַנקע, וואָס קומען וואַכן אין די נעכט. זייערע בליקן זענען אומעטיק און פאַרזאָרגט. אַ גאַנצן טאָג באַגלייט זיי דאָס געשטאַלט פון קראַנקן, זיין עלנטער מצב, זיין הילפלאָזער בליק פול מיט צער און תחנונים, וואָס בעט מ׳זאָל אים ראַטעווען.

זיי קענען אויך נישט פאַרגעסן די קראַנקע פון די אַרומיקע בעטלעך, זייערע פאַרשטיקטע קרעכצן און זיפצן, וואָס בויערט און לעכערט די שווערע ביינאַכטיקע שטילקייט פון שפּיטאָל.

די באַזוכער, וואָס קומען ביי טאָג, ברענגען מיט מיט זיך דעם אימ־פּעטיק רוישיקן לעבן פון גאַס, פרישקייט, אויפגעלייגטקייט און מונטערקייט,

וואָס גיט גוטע האָפענונגען די קראַנקע, וועלכע ווערן באַווירקט פון דער פריילעכער שטימונג.

אין די קאָרידאָרן, אין די סאַלעס, מישן זיך צונויף די שטילע שעפּ־טשענדיקע רייד פון די באַזוכער, וואָס קומען מבקר חולה זיין די קראַנקע, און די שווערע האַמעטנע טריט פון די באַדינער, וועלכע טוען זייער אַרבעט ווי אויטאָמאַטן, ענטפערן אומווילליק ווען מ׳פרעגט זיי עפּעס, האָבן נישט קיין מיטגעפיל צו די קראַנקע.

די, וואָס גייען אַדורך שטיל, בנעימותדיק מיט ווייכע רוישלאָזע טריט, זענען די מאָנאַשקעס. זיי טראָגן דעם שמייכל פאָרויס, גייען אַדורך די סאַלעס און געפינען פאַר יעדן קראַנקן — אַ טרייסטוואָרט, אַ דערמוטיקונג, זיי ווייזן אַרויס מיטגעפיל און רחמנות.

דערפאַר לאָזן זיי נישט דורך קיין איין פרימאָרגן אָדער פאַרנאַכט, גייען דורך איילין איבער אַלע סאַלעס, און דערמאָנען די קראַנקע, אַז ס׳קומט איצט פאַר אַ גאָטעסדינסט אין נאָענטן קלויסטערל נעבן שפיטאָל.

ביי די קראַנקע, וואָס זענען בכוח זיך אויפצוהויבן פון בעט, צעגלאַנצן זיך די אויגן, זיי הויבן זיך אויף פון זייערע בעטלעך, און גייען מיט מונטערע טריט תפילה טאָן. אַ פלעמלדיקער שיין פון האָפענונג אויף גע־נעזונג לויכט אויף אין זייערע אויגן...

אין די גרויסע שפּיטאָלקליידער — די פרויען איינגעהילטע אין שאַלן — זעען זיי אויס ווי פאַראורטיילטע, וואָס גייען תפילה טאָן צו גאָט, אויסבעטן רחמים און גענאָד פאַר זייער לעבן. די שווער קראַנקע, די פּאַראַ־ליזירטע, וואָס קאָנען זיך נישט באַוועגן, קוקן זיי נאָך מיט קנאה, מיט בענקשאַפט, באַגלייטן זיי מיט די בליקן, ביז זיי פאַרשווינדן.

און כאָטש ביי טאָג שטערט דער טומל און רעש די קראַנקע, וועלכע דאַרפן רו, פילן זיי זיך אַ סך מער היימלעכער, אין אַ בעסערער שטימונג ווי אין די שפּעטע אָוונט־שעהן, די שווערע אָנגעצויגענע שטילקייט פון דער נאַכט וואַרפט אָן אויף די קראַנקע אַן אומרויִקייט, אַן אומהיימלעכקייט, אַ פחד... ווי עפּעס בייז און גרויליקס וואָלט געלויערט אויף זיי פון דער

דערדריקנדיקער שטילקייט, פון די שאָטנדיקע ווענט, פון די טונקעלע קאָרידאָרן, זיי פילן זיך עלנט און אומבאַהאָלפן...

צוועלף ביי נאַכט ווערן אויסגעלאָשן די גרויסע לאָמפּן אין אַלע סאַלעס, ס׳בלייבן נאָר קליינע לעמפּעלעך. זייער שוואַכע שיין מאַכט אויסזען נאָך מער נעבעכדיק און דערשלאָגן די בלייכע ליידנדיקע פּנימער פון די קראַנקע, וועלכע קרעכצן אין דער שטיל, זיפצן אַריין אין זיך, ווי זיי זאָלן מורא האָבן פאַר דער אַרומיקער שטילקייט און אָנגעצויגנקייט אַרויס־צוברענגען אויפן הויכן קול זייערע ליידן, זייערע ווייטיקן...

אַנדערע ליגן וואַך אויף די געלעגערס, זענען אָנגעשפּיצט און פאַר־טייעט, ווי זיי זאָלן זיך גרייטן אָפּצושלאָגן אַן אומגעריכטע אַטאַקע, אַן אָנגריף, וואָס קען פּלוצעם אָנקומען... זיי מאַטערן זיך, דרימלען איין אַ ווײַלע און כאַפּן זיך באַלד אויף מיט אַנגסטלעכן שרעק, מיט שווערע חלומות און קאָשמאַרן, זיי קענען נישט איינשלאָפן. זיי קוקן שעהן לאַנג מיט אויפגעריסענע אויגן אין דער טונקל׳קייט, און וואַרטן מיט אומגעדולד און געשפּאַנטקייט אויף די ערשטע מאָרגן־שטראַלן, וואָס זאָלן אַריינשיינען דורך די גרויסע פענצטער. דאָס אָנזאָגן פון אַ ליכטיקן באַגינען, וואָס קומט באַלד אָן, וואָס באַנייט און דערפרישט — לינדערט די ווייטיקן, באַרויִקט און דערמוטיקט. דאַן פילן זיך די קראַנקע מונטערער, האָפענונגס־פולער, זיי דערוואַרטן דאָס אָנקומען פון אַ נייעם טאָג.

מיין פריינד דער דיכטער

מיין פריינד, דער דיכטער, איז אַ סענסיטיווער מענטש. ער פאַרמאָגט צאַרטע אײדעלע געפילן. ער איז שטענדיק אויפגעלייגט, גוטמוטיק און ס׳שטראַמט פון אים מיט פרייד, לעבנסלוסטיקייט און ליבשאַפט צו אַלעמען. כ׳פיל זיך פריי מיט אים, נישטאָ פאַר אונדז קיין סודות, ווי אמתע גוטע פריינד זענען פאַר אונדז אָפן די אינטימסטע ווינקעלעך פון דער נשמה.

און עס איז מיר שטענדיק אָנגענעם צו פאַרברענגען אין זיין געזעל־שאַפט. ער איז זייער סענטימענטאַל, אַ סך מאָל קינדיש נאַיִוו. ער ווערט עמאָציאָנירט און באַווירקט פון אַ גוט וואָרט, אַ זשעסט, אַ פריינדלעכן בליק. זיין שטימונג ענדערט זיך אָבער באַלד, ער ווערט טרויעריק, ווען ער זעט אַן אָרעם אָפּגעריסן קינד, וואָס גייט פאַרביי, אַן עלנטן מענטש מיט אַן אומעטיקן פּנים, וואָס רופט אַרויס מיטלייד, אַן איינגעבויגענעם אַלטיטשקן, וואָס עס קומט אים אָן שווער צו שטעלן אַ טראָט. ער ווערט איבערגענומען פון יענעמס צער ווי ער וואָלט דאָס אַליין דורכגעלעבט. ער ווערט פאַרטראַכט, זיינע אויגן ווערן פאַרטיפט, קאָנצענטרירט אין זיך, מיט ציטערדיקע הענט נעמט ער אַרויס פּאַפּירן פון זיין רענצל, וואָס ער האָט שטענדיק גרייט און הייבט אָן פאַרצייכענען אייליק און שנעל ווי ער זאָל וועלן נאָכיאָגן די אַנלויפנדיקע געדאַנקען, וואָס פאַרפלייצן זיין גאַנץ וועזן.

אַז ער ענדיקט שרייבן ציט ער אָפּ דעם אָטעם. די אויגן לייכטן, דאָס בלאַסע געזיכט איז פאַרצויגן מיט אַ ראָזלעכער פאַרב, ער שמייכלט צו מיר ווי פאַרשולדיקט וואָס אונדזער שמועס האָט זיך צוליב אים איבערגעריסן.

אַ סך מאָל קומט אונדז אויס צו דיסקוטירן וועגן דער הײַנטיקער יוגנט, דער נייער דור, און די מיינונגען אונדזערע גייען זיך פונאַנדער.

מיין פריינד, דער דיכטער, באַשולדיקט די יוגנט פון אונדזער צייט אין לייכטזיניקייט, פוסטקייט און הפקרות, וואָס האָבן צעבראָכן אַלע צוימען פון מאָראַל און רעספּעקט, אַז זי איז ציניש, ברוטאַל און עגאָיסטיש, פאַר־מאָגט נישט קיין שום העכערע צילן, זי זוכט נאָר זיך נאָכגעבן אַלע פאַר־געניגנס און זיך אַליין פאַרטומלען. ס׳וואַקסט אַ דור הפלגה — שאָקלט ער טרויעריק מיטן קאָפּ, ווי ער זאָל באַדויערן וואָס זיי דאַרפן זיין אונדזערע נאָכפאָלגער.

איך פּרוּוו פאַרטיידיקן: די יוגנט איז שטענדיק געווען דער אַוואַנגאַרד, וואָס האָט געשטויסן די מענטשהייט צו גיין פאָרויס, זי איז די פאָרויס־גייערין פון נייע רעוואָלוציאָנערע אידייען און געדאַנקען; די יוגנט איז דרייסט און געוואַגט; זי איז שטענדיק געווען די וועג־ווייזערין.

מיין פריינד, דער דיכטער, לאָזט מיך נישט ענדיקן — דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל, אין די פריערדיקע דורות. יענע יוגנט איז גרייט געווען די ערשטע צו גיין אין קאַמף, זיך מקריב זיין פאַר אַן אידייע, אָבער די היינטיקע יוגנט — נישט. דער היינטיקער דור איז פּוסט און אויסגע־לײדיקט, לאַכט זיך אויס פון אַלץ און האָט נישט קיין שום העכערע צילן.

איך פּרוביר אָפּווענדן, אַז דאָס זענען שטענדיק געווען די טענות פון עלטערן דור קעגן די יונגע אין אַלע צייטן און אין אַלע דורות. דער דיסטאַנץ פון יאָרן, באַגריפן און געוווינהייט, דערווייטערט איינע פון די אַנדערע. דעריבער שאָקירט אונדז זייער מאָדערניזם, זייער געוואַגטקייט און זייערע באַגריפן. ווען זיי וועלן ווערן עלטער, וועט דער אונטערשייד פון זיי מיט די וויטערדיקע דורות זיין דער זעלבער. דאָס איז דער שטענ־דיקער קאַמף פון יונגן און עלטערן דור. די מענטשהייט בכלל גייט פאָרויס, עס קומען אַלע מאָל אויף נייע אידייען, נייע דערפינדונגען, נייע פאָרמען פון לעבן, נייע באַגריפן, און דאָס, וואָס זעט אונדז איצט אויס אומפאַרשטענדלעך, דערווידער, אָפּשטויסנדיק, וועט אין די שפּעטערדיקע צייטן אויסזען ווי נאַטירלעך.

מיין פריינד, דער דיכטער, לאָזט מיר נישט פאַרענדיקן. דאָס איז נישט קיין פאַרגלייך, זאָגט ער מיט אַן אויפגערעגט קול — ער איז מסכים, אַז

עס איז שטענדיק געווען אַ מחיצה צווישן די יונגע דורות מיט די עלטערע, אָבער עס איז געווען אַן ערנסטע באַציִונג און רעספּעקט צו די שאַפונגען פון די פריערדיקע דורות, צו די גייסטיקע ווערטן. די יוגנט האָט פאַרמאָגט געזעלשאַפטלעכע אחריות פון עטיק און מאָראַל.

ביי דער מערהייט פון דער הייַנטיקער יוגנט אָבער איז נישטאָ קיין שמץ פון די אַלע גוטע מידות, — מיינט ער — זי איז ציניש און ברוטאַל. זי איז הפקרדיק און ווילד. אָנערקענט נישט קיינע צוימען. אַלץ איז ביי איר דערלויבט, אַבי צו באַפרידיקן אירע פאַרלאַנגען, ליידנשאַפטן און באַגערן. סעקס און פאַרוויילונג, דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס זי אָנערקענט.

די מיינונגען אונדזערע זענען געבליבן צעטיילט. מיר האָבן נישט געקענט איינער דעם צווייטן איבערצייגן.

אַ צופאַל האָט אָבער געוואָלט, אַז מיר ביידע זאָלן זיין פאַרבעטן צו אַן אָפּשייד־אָוונט פון אַ יונגן פריינד, און פון דאַן אָן האָבן מיר וועגן דעם מער נישט דיסקוטירט.

דאָס איז געווען אַ געזעגענונגס־אָוונט פאַר אַ יונגן חבר, וואָס איז געגאַנגען חתונה האָבן, ווייל ער פאַרנעמט זיך אויף אַן אַנדער וועג, ער גייט ווערן אַ פאַמיליען־מענטש, געהערט ער מער נישט צו זייער קאָמפּאַניע, ווילן די פריינד זיך מיט אים געזעגענען מאַכט מען אים אַ „דעספּעדידאַ דע סאָלטעראָ". *)

אונדזער ביידנס אַריינקומען אין זאַל איז כמעט פון קיינעם נישט באַמערקט געוואָרן. די שמחה האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן, און דער גאַנצער עולם יוגנטלעכע איז שוין געווען היפּש בגילופנדיק. דער באַערטער איז געזעסן אויבן אָן. די טישן זענען געווען אָנגעשטעלט מיט אַלערליי געטראַנקען און נאַשערייען. די גרעלעכטערס, די הייזעריקע קולות און דאָס ווילד אַרויסכאַכאַטשען אַלע ווילע האָט פאַרטויבט די לופט. איינער האָט געזוכט דעם אַנדערן איבערצושטייגן מיט פּרעכע צווייַדייטיקע וויצן און ניבול פה אויפן חשבון פון באַערטן, וואָס האָט אָפּגעקלונגען ציניש און

*) אַן אָפּשייד־אָוונט פאַר אַ בחור פאַר דער חתונה.

אָפּשטויסנדיק און האָט געמאַכט אויף אונדז אַ פּיינלעכן איינדרוק. די אָנ־געפילטע באָקאָלן זענען כסדר אויסגעליידיקט געוואָרן און דערנאָך אָוועק־געוואָרפן געוואָרן מיט אַ בראַזג צו דער ערד, באַגלייט מיט ווילדע אויס־געשרייען פון אַלע פאַרזאַמלטע, וואָס האָבן געיובלט פון נצחון. די פּנימער זענען ביי אַלעמען געווען רויט, פאַרשוויצט און אָנגעדראָלן. די פאַר־גאָסענע אויגן האָבן געקוקט טעמפּ, חיהש.

אַנדערע האָבן זיך געבויגן אין דרייען, זיך פאַרקייכט אין ספּאַזמאַ־טישן געלעכטער און פון זייערע אויגן האָבן גערונען טרערן. זיי האָבן אויסגעזען ווי וואַנזיניקע, וואָס פאַרלירן די גרענעץ פון חלום אוןווירק־לעכקייט, פון פרייד און געלעכטער און ס׳שאַפט זיך ביי זיי אַ משונהדיקער ווירוואַר.

מיט אַ מאָל האָבן אַלע אָנוועזנדיקע זיך אַ לאָז געטאָן און אַרומרינגלנדיק דעם באַערטן האָבן זיי אָנגעהויבן אַראָפּרייסן פון אים די קליידער. ער האָט זיך געוועהרט מיט אַלע כוחות, געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, אָבער ער איז געבליבן מאַכטלאָז קעגן דער צערייצטער חברה, וואָס האָט מיט שכורע הייזעריקע קולות גערעוועט ווי די אָקסן, געריסן פון אים די קליידער ביז ער איז געבליבן פולשטענדיק נאַקעט. און דאַן האָבן ווידער אויס־געבראָכן ווילדע געלעכטערס, ספּאַזמאַטישע אויסגעשרייען און פאַרטויבנ־דיקע קולות. דער גאַנצער עולם האָט געפייערט זיין נצחון, וואָס זיי איז געלונגען אָפּטאָן דאָס שטיקל אַרבעט. און דאַן ט׳זיך אָנגעפאַנגען די אמתע וואַקכאַנאַליע, דער גאַנצער אָנגעגרייטער טיש עסנוואַרג, געטראַנקען און נאַשערייען האָט אָנגעהויבן פליען אין דער לופטן. יעדער איינער האָט געכאַפּט עפּעס פון טיש און געשליידערט דעם באַערטן, ווו ער האָט געטראָפן. אַנדערע האָבן גענומען פלעשער געטראַנקען און צוהאַלטנדיק דעם בעל שמחה האָבן זיי אויף אים געגאָסן, געכליאַפּעט מיט אַ ווילדער הנאה ביז ער איז געבליבן שטיין אַ דערשעפּטער, אַ צעשויבערטער. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ סטראַשידלע. ער האָט זיך געוואַקלט, די פיס האָבן זיך אים געבראָכן און ער האָט געהאַלטן ביים אומפאַלן. דאַן האָבן אַלע געמאַכט אַ קאַראַהאַד, אים אַריינגענומען אין מיטן, געפּרווט זיך

דרייען אין אַ מאָדנעם משונהדיקן טאַנץ, צוזינגענדיק אַן אָפּשוילעך גאַסנליד, מאַכנדיק דערביי העסלעכע באַוועגונגען און העוויות.

אויף צוריקוועגס זענען מיר ביידע געגאַנגען שווייגנדיקע, פאַרטראַכטע, ס'איז אונדז שווער געווען צו פאַרבינדן אַ שמועס, ווי מיר וואָלטן זיך געשעמט צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין פּנים, נאָך דעם אָפּשוילעכן ספּעקטאַקל, וואָס מיר האָבן ערשט נישט לאַנג צוגעזען.

קינדערשע בענקשאַפט

נאָך דעם פאַרפאַל וואָס ער האָט געליטן און האָט זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן, און איז שוין דערנאָך פאַרבליבן אַן אינוואַליד, אומפעיִק צו טאָן עפּעס אַן אַרבעט, האָט די פרוי אים פאַרלאָזן, זיך דערווייטערט פון אים. דאָס האָט נאָך מער פאַרערגערט זיין צושטאַנד, ווען זי האָט אים איבערגעלאָזן אַליין.

— כ׳קאָן נישט אָפּפינצטערן מיין גאַנץ לעבן מיט אַן אינוואַליד, אַ קאַליקע — האָט זי געשליידערט מיט כעס די ווערטער אין פּנים די פריינד און קרובים, ווען זיי זענען צוגעשטאַנען צו איר מיט באַשולדי־קונגען, פאַרגעוואָרפן איר האַנדלונג, פאַר וואָס זי פאַרלאָזט דעם מאַן אין אַזאַ צושטאַנד, לאָזט אים אַליין, וואָס דאָס קען פאַרערגערן זיין מצב.

אַנדערע האָבן איר פּרובירט סטראַשען, אַז זי וועט האָבן אַ שלעכטן סוף, אַז ס׳וועט איר נישט פאַרשוויגן ווערן איר האַנדלונג, זי וועט באַצאָלן כפל כפלים....

זי האָט אָפּגעוואָרפן אַלע טענות און פאָרווורפן. אַלע אַרגומענטן האָבן איר אויסגעזען מינדערוויכטיק.

— כ׳בין נאָך יונג, כ׳האָב נאָך גאָרנישט גענאָסן, און כ׳וויל לעבן! כ׳וויל לעבן — האָט זי געשריגן אויף אַ הויכן קול, ווי זי וואָלט וועלן איבערשרייען, פאַרשרייען אַלע וואָרענונגען און באַשולדיקונגען קעגן איר, פאַר וואָס זי דערלאָזט אפילו נישט, אַז דאָס קינד זאָל קאָנען זען דעם טאַטן.

דאָס קינד, אַ צוויי־יאָריק מיידעלע מיט אַ רונדיק ליכטיק פּנימל און קלוגע דורכדרינגענדיקע שוואַרצע אייגעלעך, איז געבליבן מיט דער מוטער. אין קינדישן מוחל זענען פאַרבליבן דערינערונגען פון פאָטערס ליבשאַפט און צערטלעכקייטן. ווי אַ פאַרזיגלטער אוצר האָט דאָס קינד גע־

טראָגן אין זיך דעם פּאָטערס געשטאַלט, זיין נאָענטקייט. דאָס וועלן אָפּרייסן דאָס קינד פון פּאָטער, נישט דערלויבן, אַז עס זאָל אים קאָנען באַזוכן פון צייט צו צייט, איז דער מוטער נישט געלונגען. דאָס קינד איז געוואַקסן, געוואָרן עלטער, און ס׳איז אויך געוואַקסן אין איר די בענקשאַפט צום פּאָטער. אַ פּאַרדריס און תרעומות האָט זיך געוועקט ביים קינד צו דער מוטער, וועלכע זוכט אויס אַלע תירוצים, אַז זי זאָל נישט קאָנען זען דעם טאַטן, און טאָמער דערמאָנט דאָס קינד אים, ווערט די מוטער אומגעדולדיק, האַקט איר איבער די רייד און הויבט אָן פון עפּעס אַנדערש.

ווען זי פלעגט זיך שפּילן מיט אַנדערע קינדער אויפן גאַס לעבן איר שטוב, האָט זי אַ סך מאָל באַמערקט, ווי איינע פון אירע חברטעס האָט אין מיטן שפּילן דערזען איר פּאָטער פון ווייטן, האָט די חברטע אַלץ איבערגעלאָזן און געלאָפן אַנטקעגן מיט אויסגעשפּרייטע הענטלעך. זי פלעגט זיך צוקוקן מיט קנאה ווי דער טאַטע נעמט אַרום די חברטע מיט אַ גליקלעך שמייכלענדיקן פּנים אין זיינע אָרעמס, קושט זי האַרציק און טוליעט זי מיט ליבשאַפט צו זיך. דאָס מיידעלע בלייבט דאַן אַליין, דאָס הערצל ווערט איר פּאַרקלעמט, זי לויפט אַריין אין שטוב און זי צעוויינט זיך אויפן קול.

די בענקשאַפט פון קינד צום פּאָטער האָט נישט אָפּגעלאָזן.

ס׳האָט נישט געהאָלפן וואָס די מוטער האָט געזוכט זי צו צעשטרייען, איר אַלץ נאָכגעגעבן, זעענדיק ווי דאָס קינד ליידט, איז אומרויִק, נערוועז, שלאָפט נישט די נעכט, גייט אַרום פאַרטראַכט און זיפצט אָפּ פון צייט צו צייט.

דאָס קינד טראָגט אַ כעס אויף דער מאַמען, וואָס זוכט כסדר אויסצובאַהאַלטן פאַר איר, גיט אָן פאַרשידענע תירוצים, און לייגט אַלע מאָל אָפּ דאָס גיין באַזוכן דעם טאַטן. ס׳טוט איר ווי וואָס דער טאַטע איז אַליין, און די מאַמע וויל פון אים נישט וויסן... דעריבער, אַז די מוטער דערנענטערט זיך צו איר, וויל זי אַרומנעמען, קושן, שטויסט זי זי אָפּ, זי קאָן נישט פאַרנעמען אירע צערטלעכקייטן...

דאָס קינד האָט געליטן, איז אַלע מאָל געוואָרן מער צודרינגלעך,

געפאָדערט אַז זי וויל זען דעם טאַטן, ביז די מוטער האָט געמוזט נאָכגעבן, איר צוגעזאָגט, אַז זי וועט דערפילן איר פאַרלאַנג.

נאָך דער מוטערס צוזאָג איז דאָס קינד געוואָרן אַנדערש. ס׳איז אַוועק פון איר די אומעטיקייט, די פאַרטראַכטקייט, זי האָט געחלומט פון דעם טאָג, ווען זי וועט קאָנען זען איר טאַטן, זיין נאָענט לעבן אים, זיך טוליען צו אים, זי וועט זיין ווי אַלע קינדער.

ענדלעך איז געקומען דער געגאַרטער טאָג, פון וועלכן זי האָט שטענדיק געטרוימט.

☆

דער קראַנקער איז געזעסן אויפן שטול און אַלע חושים זענען אים געווען געשפּאַנט, אָנגעצויגן. ער איז געוואָרן אַלץ מער אומגעדולדיק. די אָנגעשטרענגטע אויגן האָבן אַלע ווײַלע געקוקט צו דער טיר. אָ! ווען ער איז בכוח, וואָלט ער געלאָפן מײַלן ווײַט זי באַגעגענען... אָבער ער איז צוגעשמידט צום שטול און קאָן זיך נישט רירן... ער מוז זיצן און וואַרטן. אַזוי פיל יאָרן זענען פאַרבײַ ווי ער האָט דאָס קינד נישט געזען. געדענקט זי נאָך אים? זי איז נאָך דאַן געווען אַזוי קליין, ווען ס׳האָט פּאַסירט דער פאַרפאַל. דערמאָנט זי זיך וועגן אים? יאָ, געוויס געדענקט זי אים, איז ער צופרידן פון דעם געדאַנק. ווען נישט, וואָלט זי נישט געפאָדערט, אַז זי וויל אים זען...

די געשפּאַנטקייט זײַנע האָט נישט נאָכגעלאָזן. ער האָט געשפּירט ווי זײַן גאַנצער קערפּער וואָלט אַרײַנגענומען געוואָרן אין אַ קלעם, וואָס דריקט אים פון אַלע זײַטן, און ס׳איז אים אוממעגלעך זיך צו באַפרײַען. ער איז געוואָרן אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס, די שלייפן האָבן אים געבויערט, דאָס האַסטיקע קלאַפּן פון זײַן האַרץ, דער קורצער אָפּגעהאַקטער אָטעם האָט אים געשראָקן. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט נישט זײַן בכוח אויפצונעמען זײַן קינד, די עמאָציעס וועלן אים באַהערשן און ער וועט זיך צוזאַמענברעכן...

אַ קלאַפּן אין טיר האָט אים אָפּגעצויגן פון זיינע רעיונות. דאָס קינד האָט זיך דערנענטערט צו אים, אים אָנגעקוקט אַ ווײַלע, און געבליבן שטיין דערשטוינט, צעטומלט, ווי זי וואָלט זיך נישט פאַרגעשטעלט צו טרעפן דעם טאַטן אין אַזאַ מצב...

ער האָט פּאַטערלעך אויסגעשפּרייט זיינע אָרעמס, צערטלעך זי אַרומ־גענומען, אַ קוש געטאָן איר אין קעפּל און געטוליעט זי צו זיך... און מיט אַ ציטערדיק געבראָכן קול נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן: — מיין טייער קינד, ווי איך האָב געבענקט נאָך דיר, אַזוי פיל יאָרן ווי איך האָב דיך נישט געזען. געדענקסט נאָך דיין טאַטן? האָסט אים נישט פאַר־געסן? — האָט ער געפרעגט מיט אַ בעטנדיק קול.

דאָס קינד האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין און געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד.

— לאָמיר דיך גוט אָנקוקן, — האָט ער איר געזאָגט שוין מיט אַ מער רויִקער שטימע, — אַזוי פיל יאָרן ווי איך האָב דיך נישט געזען! ווי דו ביסט קיין עין־הרע אויסגעוואַקסן פאַר דער צייט! — ער האָט געקוקט צו איר מיט אַ פּאַטערלעכן נחת רוח, געהאַלטן דאָס קינד פאַרן הענטל און אַריינגעקוקט אין די אויגן, ווי ער זאָל וועלן פון דאָרטן אַרויסלייענען אירע געדאַנקען, אירע געפילן...

דאָס קינד האָט אויסגעמיטן זיין בליק, ווי זי זאָל וועלן אויסמיידן, אַז ער זאָל באַמערקן איר אַנטוישונג... זי האָט פּרובירט באַפרייען איר הענטל, וואָס איז געווען איינגעקלאַמערט אין זיין האַנט, און האָט געמאַכט אַ זשעסט ווי זי זאָל שוין וועלן אַוועקגיין.

— גיי נאָך נישט אַוועק, מיין טייערע — האָט ער זיך ווידער געבעטן. — זיי נאָך אַ ווײַלע, איך וועל נאָר קוקן אויף דיר פון דער וויַיטנס. אַזוי פיל יאָרן זענען אַריבער ווי איך האָב דיך נישט געזען... איך האָב אַזוי געבענקט נאָך דיר...

דאָס קינד האָט געקוקט צעשראָקן אויפן טאַטן. זיין אויסזען, זיין נעבעכדיקייט, זיין שטאַמלענדיק קול האָט זי אין גאַנצן דערדריקט, צע־קלעמט, נישט אַזוי האָט זי זיך פאָרגעשטעלט איר טאַטן פון וועלכן זי

האָט שטענדיק געחלומט... זי האָט זיך געפילט פאַרלוירן, צעטומלט און זי האָט נישט געקאָנט ענטפערן קיין וואָרט.

— וואָס איז דיר, מיין קינד? — האָט ער געפרעגט מיט אַ צערטלעך קול — טוט דיר עפּעס ווי? מיין ליכטיקייט, פילסט זיך נישט גוט? נישט אַזוי האָסטו זיך פאָרגעשטעלט צו זען דיין טאַטן? דו האָסט געמיינט, אַז דו וועסט מיך טרעפן אַ געזונטן, אַ שטאַרקן? און דאָ זעסטו מיך אַזוי־אָ...

ער האָט שווער אָפּגעזיפצט, געבליבן שטיל, געקוקט אויף איר, געוואַרט אויף איר ענטפער.

— דער קאָפּ טוט מיר ווי — האָט דאָס קינד געזאָגט מיט אַ שטיל קול און געוויזן מיטן הענטל, וועלנדיק זיך פאַרענטפערן פאַר וואָס זי האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, נישט אַרויסגעוויזן קיין נאַענטקייט.

— דו איילסט זיך, מיין קינד, און איך וועל דיך נישט פאַרהאַלטן, — האָט ער געזאָגט מיט אַן אומעטיק קול ווי ער וואָלט באַדויערט — אָבער זאָג מיר צו, אַז דו וועסט מיך קומען אָפט זען, זאָגסט מיר צו?

דאָס קינד האָט געגעבן אַ לייכטן שאָקל מיטן קאָפּ, אַז זי וועט דערפילן זיין פאַרלאַנג, האָט זיך איילנדיק געזעגנט, ווי זי זאָל וועלן וואָס גיכער אַוועקגיין.

אַז זי איז אַרויס אויף דער גאַס, האָבן די פאַרלאָפענע אויגן גאַרנישט געזען, ווי אַ געדיכטע טונקלקייט וואָלט זיך געשפּרייט אַרום איר, פאַרשטעלט איר די שיין, דאָס פאַרקלעמטע הערצל האָט געוויינט מיט אַ יאָמערלעך געוויין אויף דעם קלעגלעכן מצב אין וועלכן זי האָט געטראָפן דעם טאַטן...

ס'האָט איר איצט באַנג געטאָן פאַר וואָס די באַגעגעניש איז געווען אַזוי קאַלט, וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן ווייניק ליבשאַפט צום פאָטער... און אַלע האָפענונגען און בענקשאַפטן זענען מיט אַ מאָל צערונען געוואָרן...

די באַרנע

(דערינערונג)

אונדזערע קרובים ווױנען אין אַ רײכער געגנט. זײ פאַרנעמען אַ צװײ שטאָקיק הױז מיט רונדע באַלקאָנען און װײסע שטאַכעטן, װאָס גיבן צו חשיבות, און אַז מיר גײען פאַרבײ, פאַרקוקן מיר זיך אויף דער לוקסוסדיקער שטוב פון אונדזערע רײכע קרובים, אויף די רונדע באַל־קאָנען מיט די װײסע שטאַכעטן, װאָס קוקן צו אונדז מיט גדלות און פאַרריסנקײט.

מיר זענען קײן מאָל בײ זײ נישט געװען און זײ האָבן אונדז קײן מאָל נישט באַזוכט. מײן פאָטער איז געװען אַ גערער חסיד, געדאַװנט אין שטיבל, אויף יום־טובים געפאָרן צום רבין. מיר זענען געגאַנגען חסידיש געקלײדעט און זײ זענען געװען מאָדערנע מענטשן, געשעפטס־לײט, גרויסע סוחרים און זײ האָט אוודאי נישט געפאַסט זיך מיט אונדז צו פאַרנעמען, מיט זײערע אָרעמע קרובים.

אָבער דער געדאַנק, אַז זײ, די גרויסע גבירים, זענען אונדזערע קרובים, איז אונדז געװען לרצון. כאָטש מיר זענען געװען װײט פון זײ.

אָבער מיר איז אויסגעקומען צו זײן אין דעם רײכן הױז, מײן מוטער האָט מיך געשיקט מיט עפּעס אַ גאַנג. כ׳בין אַרויף אויף די מאַרמאָרנע טרעפּ, װאָס האָט געפירט צום אויבערשטן גאָרן. כ׳האָב געשפּירט דאָס קלאַפּן פון מײן האַרץ, כ׳בין געװען אָפּגעגאָסן מיט שװײס, מיט אַנגסטן. דאָס חסידישע היטל, װאָס איך האָב געטראָגן, און די לאַנגע קאַפּאָטע, האָט זיך מיר אויסגעװיזן, שטערט מיר זיך צו באַװײזן מיט אַזאַ הילוך אין דער פרײער שטוב.

לאַנג האָב איך געוואַרט ביז כ׳האָב זיך דעצידירט אָנרירן דאָס גלעקל, און ווען אַ דינסט האָט זיך באַוויזן און מיך געפרעגט צו וועמען איך דאַרף, האָב איך פון נערוועזיטעט ווי פאַרלוירן דאָס לשון, אין האַלדז האָט מיך געשטיקט און כ׳האָב נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין קלאַנג.

באַלד האָט זיך באַוויזן אונדזער קרובה, וואָס האָט מיך אויפגענומען מיט אַ שמייכלענדיק פנים. זי איז געווען אַ הויכע, אַ פולע, מיט רויטע באַקן און האַלב פאַרזשמורעטע אויגן, ווי זי זאָל נישט וועלן אַרויסווייזן איר צוטרוילעכקייט, איר גוטמוטיקייט, נאָר ס׳זאָל איבערבלייבן אַ געוויסע דיסטאַנץ...

זי האָט מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט, מיך פאַרבעטן אינעווייניק. איך בין איר נאָכגעגאַנגען מיט פלאָנטערנדיקע טריט, ווי מיינע טריט וואָלטן זיך כסדר פאַרטשעפּעט אין דער לאַנגער קאַפּאָטע. דאָס חסידישע היטל האָט מיר געדריקט די שלייפן, דאָס פּנים האָט מיר געפלאַמט. אַנטקעגן מיר איז געשטאַנען אַ לאַנגער געשליפענער שפּיגל און ווען איך האָב זיך איינגעקוקט, האָב איך זיך אַליין נישט דערקאָנט. איך האָב זיך געפילט אין גאַנצן פאַרלוירן.

זי האָט באַמערקט מיין צעטומלטקייט און מיך גענומען אויספרעגן וועגן מיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער. כ׳האָב שטאַמלענדיק גע־שאָקלט מיטן קאָפּ און געהאַט אַ פאַרלאַנג וואָס גיכער צו פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע הויז.

די פרוי האָט מיך אַ ווײַלע געלאָזן אַליין, איז אַריין אין צווייטן צימער, דערנאָך אַרויסגעקומען האַלטנדיק אין דער האַנט אַ גרויסע באַרנע. זי האָט דאָס איינגעוויקלט אין אַ זיידענעם פּאַפּיר און אַ שמייכ־לענדיקע מיר דאָס דערלאַנגט.

כ׳האָב איר געדאַנקט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און מיט גיכע טריט פאַרלאָזן דאָס הויז. כ׳האָב זיך געאײַלט קומען וואָס גיכער אַהיים.

כ׳האָב געהאַלטן די באַרנע צוגעדריקט צו זיך, ווי איך וואָלט מורא געהאַט צו פאַרלירן אַ ווערטפולע זאַך.

איך בין אַהיימגעקומען אַ פאַרשוויצטער, אַ פאַרסאָפּעטער, און

אַרויפגעלייגט די באַרנע אויפן טיש, דאַן האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט, ווי איך וואָלט אַראָפּגענומען פון זיך אַ שווערע משא.

מיין פאָטער האָט אָנגענומען די באַרנע, אויפגעוויקלט דאָס זיידענע פאַפּיר און אַ צאַרטער אָנגענעמער ריח האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן צימער.

— סאַראַ גרויסע ריזיקע באַרנע, — האָבן זיך אַלע געחידושט.

— אַזאַ פרוכט האָב איך אין מיין לעבן נישט פאַרזוכט, — זאָגט מיין מוטער מיט פאַרוווּנדערונג.

— די גבירים עסן דאָס פלייש און האָבן הנאה, און דער אָרעמאַן די ביינער — האָט מיין פאָטער צוגעגעבן, — די גבירים קאָנען זיך אַלץ דערלויבן...

ער נעמט אַרויס אַ מעסער, און הויבט אָן צו צעשניידן פאַרזיכטיק די באַרנע און טיילט איין יעדן איינעם אַ שטיקל. אַלע פאָסמאָקעווען זיך, פילן דעם זאַפטיקן טעם און קאָנען זיך נישט אָפּוווּנדערן — טעם גן־עדן, חזרט איבער מיין מוטער אייניקע מאָל, און ס'האָט אויסגעזען, אַז די באַרנע האָט אַריינגעבראַכט אין אונדזער אָרעם שטיבל פרעמדע ריחות, פון אַנדערע היימען, זאַטע און צופרידענע, פון מענטשן, וואָס לעבן אין ווילטאָג און אין לוקסוס, און וויסן נישט פון קיין אָרעמקייט, הונגער און נויט...

לייבקע

אויף אַ זייטיקער גאַס, וואָס איז לאַנג און שמאָל, געפינען זיך די לעדערקלייטן. אַ שאַרפער ריח דרינגט אַרויס פון די אָפענע טירן, פון די שטויסן לעדער, וואָס ליגן אויסגעלייגט אינעווייניק, און וואָס גיבן אַרויס אַ געלן טונקעלן שטויב.

די קרעמערס, אין לאַנגע כאַלאַטן, זענען פאַרשמייעט מיט די קונים, ווי אויך מיט די סוחרים און פאַבריקאַנטן, וואָס קומען פאַרלייגן זייערע סחורות, זייערע אויסאַרבעטונגען. די פאַבריקאַנטן און וואָיאַזשאָרן קומען אויסגעפוצטע, אויסגעסטראָיעטע, פילן זיך האָפערדיק און קוקן מיט גדלות אויף די קרעמערס, וואָס זענען פאַרהאָרעוועט, פאַרשטויבט, און ס׳טראָגט זיך פון זיי אַ שווערער דומפּיקער ריח.

אַ ווייסער מויער מיט אַ רונדן באַלקאָן ציט די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע דורכגייער. אין פראָנט הענגט אַ שילד מיט גרויסע אותיות, וואָס גיט צו וויסן, אַז דאָ געפינט זיך דאָס גרויסע הורטגעשעפט פון אַלע לעדער־אַרטיקלען פון הערש וויסאָצקי און זין. דער גרויסער שילד קוקט אַראָפּ מיט גאווה און פאַרריסנקייט צו די שילדלעך פון די אַנדערע קלייטלעך פון די קליינע קרעמערלעך, וואָס פאַרקויפן אויף איינצל, ווי ער זאָל אויסרופן: דרך ארץ! מיר זענען נישט פון די קליינע סוחרימלעך, וואָס פאַרקויפן לאהדים, וואָס דאַרפן זיך אויסקוקן די אויגן אויף אַ קונה. דאָ איז אַ הורטגעשעפט, וואָס האָט צו טאָן מיט גרויסע סוחרים און פאַבריקאַנטן, איר קאָנט זיך נישט גלייכן מיט אונדז.

אַ גאַנצן טאָג מערקט זיך אַ גרויסע באַוועגונג לעבן געשעפט. פולע אָנגעלאָדענע וועגענער שטעלן זיך אָפּ, טרעגער־יונגען שפּרינגען אַראָפּ, מאַכן אַ טומל, רעדן אויפן הויכן קול און הויבן אָן אויסלאָדן די פּעק

לעדער, די שווערע קאַסטנס. ס׳קומען אויך קונים, סוחרים פון דער פּראָ־ווינץ, וואַיאַזשאָרן.

דער אייגנטימער, הערש וויסאָצקי, איז אַ ייִד אין די יאָרן, מיט אַ ווייסער באָרד און פּיאות, וואָס באַשיינט זיין רונד גלאַט געזיכט. ער איז אַ דיקלעכער, מיט פּוכקע באַקן ווי ביי אַ יונג בחורל און מיט אָפענע גוטמוטיקע אויגן, וואָס קוקן אויף אַלעמען מיט אַ מילדן וואַרעמען בליק. דאָס גיט אים צו אַ יוגנטלעכן אויסזען. ער איז אַ געוועזער חסיד, זיין פּלאַץ אין שטיבל פאַרנעמט ער אין מזרח, ער ווערט פון אַלעמען געאַכט און געשעצט, מ׳האָט פאַר אים גרויס דרך־ארץ.

ער קומט דער ערשטער אין געשעפט. ער זיצט מערסטן טייל אין ביוראָ, וואָס געפינט זיך באַלד ביים אַריינגאַנג, און ווו ס׳זענען דאָ די ביכער, די חשבונות, די וועקסלען, די ווערטפּאַפּירן און די קאַסע.

דער עלטערער זון, משה, איז דער גאַנצער פירער פון געשעפט. ער מאַכט אַלע גרויסע טראַנזאַקציעס, אונטערהאַנדלט מיט די סוחרים, פאַב־ריקאַנטן און וואַיאַזשאָרן. אַלץ ווערט נאָכקאָנטראָלירט דורך אים. ער האָט דעם טאַטנס באַזאָכטקייט און מיושבדיקייט, זיינע שפּיציקע בליקן זענען שאַרף, ווי ער זאָל וועלן אַריינדרינגען אין יענעמס מחשבות, ווי ער זאָל וועלן איבערקליגן אַלעמען. ער גיט אַרויס באַפעלן, אָנווייזונגען, און זיינע אַלע זשעסטן און באַוועגונגען דייטן אָן מ׳זאָל האָבן דרך ארץ פאַר אים.

די סוחרים, די קליינע קרעמערלעך, האָבן נישט ליב מיט אים צו האַנדלען, מיידן אים אויס, ווילן בעסער מאַכן דעם מסחר מיט דעם אַלטן ר׳ הערש, ווי זיי רופן אים, וואָס האַלט זיך נישט גרויס, בלאָזט נישט פון זיך, לאָזט זיי אַראָפּ פון די פּרייזן, און האַלט זיך ווי איינער פון זיי.

דער צווייטער זון, חיים, קומט שטענדיק שפּעט אין געשעפט. ער איז אַ פולער, אַ דיקלעכער מיט אַ שווערן טאַפּטשענדיקן גאַנג, ער זעט אויס שטענדיק מיד און פאַרשלאָפן, זיין בליק איז מאַט און פאַרנעפּלט. ער האַלט זיך פאַר אַ דיכטער, ער שרייבט לירישע לידער, ווו ער פּרוווט איבערגעבן זיינע געפילן, זיינע סענטימענטן. ער איז ראָמאַנטיש, סענטי־מענטאַל, און ער האָט נישט קיין געדולד צו זיין אין געשעפט, צורירן

זיך צו די שטויסן לעדער, פון וועלכע ס׳טראָגן זיך אַזעלכע שווערע ריחות. ער וויל נישט האָבן צו טאָן מיט די סוחרים, און קליינע קרע־מערלעך, וואָס עסן אויס דאָס האַרץ, דינגען זיך מיט די פרייזן, ער קאָן דאָס נישט פאַרטראָגן. ער לאָזט אַלץ איבער פאַרן אָנגעשטעלטן, פאַר לייבקען, וואָס איז געדולדיק, טוט אַלץ, וואָס מ׳הייסט אים, און גיט זיך אָפּ מיט זיי.

לייבקע איז דער, וואָס טוט אַלץ אין געשעפט. דאָס איז אַ יונג בחורל, וואָס האָט נישט לאַנג געענדיקט די ישיבה, זיך געגרייט אָנהויבן לערנען פאַר זיך, אָבער די לאַגע אין שטוב איז געוואָרן אַלץ ערגער, דער טאַטע האָט נישט געהאַט מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען, קיין פרנסה איז נישט געווען, איז ער געווען צופרידן, וואָס מ׳האָט אים צוגענומען אין דעם גרויסן לעדער־געשעפט פון הערש וויסאָצקי, וואָס האָט געהאַט אַזאַ גוטן נאָמען אין שטאָט.

לייבקעס פאָטער, אויך אַ גערער חסיד, האָט געהאַלטן פאַר אַ גליקזאַך וואָס זיין זון גייט אַריין אַרבעטן צו הערש וויסאָצקין אין לעדער־געשעפט. דער גרויסער לעדער־סוחר דאַוונט אין זעלבן שטיבל, און לייבקע וועט אין געשעפט כאַפּן דעם שניט, וועט מיט דער צייט ווערן אַ סוחר און דאָס וועט זיין אַ סגולה צו אַ שידוך.

לייבקע טוט אַלץ אין געשעפט. אַלע שאַפן זיך מיט אים, און ער איז ביי אַלעמען באַליבט. ער האָט אַ רונד פנים, רויטע באַקן, אַ לאַנגע פאַר־שפּיצטע נאָז און דינע פאַרשאַרצטע ליפּן, און אַן אומצוטרוילעכן בליק ווי ער וואָלט קיינעם נישט געטרויט.

ווען ס׳קומען פורן מיט סחורות און מ׳דאַרף זיי אויסלאָדן, נעמט לייבקע דאָס איבער, טאָטשעט די שווערע פעלן אויף זיינע שמאָלע אַקסלען, צעלייגט דאָס אין שטויסן, און פילט ווי ער ווערט אָפּגעגאָסן מיט שוויס. די לופט איז אָנגעפילט מיט אַ געדיכטן שטויב, וואָס פאַלט פון די פעלן און איז דורכגענומען מיט שווערע איבלדיקע ריחות. ס׳ווערט אים שווער דאָס אָטעמען, ער גייט צו צו דער טיר, אָטעמט איין אַ ביסל פרישע לופט און ס׳ווערט אים לייכטער.

אַז ס׳איז דאָ ווייניק פּלאַץ, דאַרף ער צעשניידן די פעלן. ער נעמט די הילצערנע מאָס וואָס הענגט אויף דער וואַנט, דעם לאַנגן בלייפעדער, דאָס קרומע מעסער, וואָס זעט אויס ווי אַ סערפּ, לייגט אַרויף דאָס לעדער אויף אַ לאַנגן טיש, צייכנט אויס, און צעשניידט דאָס אין גלייכע טיילן, צעלייגט דאָס דערנאָך אין די פּאָליצעס. דאָס מאַכט ער פּלאַץ פאַר נייע פּאַרטיעס לעדער, וואָס דאַרפן אַריינקומען.

ווען מ׳שליסט דאָס געשעפט, מ׳ענדיקט די אַרבעט, בלייבט איבער לייבקע לענגער, צו מאַכן אַ טאָלק מיט די סחורות, וואָס מ׳האָט אָנגעוואָרפן דעם גאַנצן טאָג. ער סאָרטירט אַלץ אין פעקלעך, לייגט אַריין אין די פּאָליצעס יעדן סאָרט באַזונדער, כדי אויף צו מאַרגנס, ווען ס׳קומען די קונים, די סוחרים, זאָל מען טרעפן אַלץ אין אָרדענונג.

צוליב דעם וואָס לייבקע איז געווען אַ געוועזענער ישיבה־בחור, אַ חסידס אַ זון, האָט מען געהאַט צו אים דעם פולסטן צוטרוי, און ס׳איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז אַזוי ווי מ׳דאַרף היטן דאָס געשעפט ביי נאַכט צוליב די אָפטע גניבות — איז געבליבן, אַז מ׳וועט לייבקען העכערן דאָס געהאַלט, בתנאי, ער זאָל דאָרט נעכטיקן. אַזוי וועלן די בעלי־בתים קאָנען שלאָפן רויִק די נעכט...

לייבקעס פאָטער, און איבערהויפּט די מוטער, זענען געווען קעגן. ס׳האָט זיי פאַרדראָסן, וואָס מ׳וויל אַלץ אַרויפלייגן אויפן שוואַכן לייבקע. נישט נאָר, וואָס ער אַרבעט איבער די כוחות דעם גאַנצן טאָג און קומט אַ מידער, אַ פאַרמאַטערטער, זאָל ער נאָך ביי נאַכט זיך אויך נישט קאָנען אויסרוען, נאָר שלאָפן אין דער פאַרשטיקטער לופט. וואָס ווילן זיי, אַז דאָס קינד זאָל זיין פאַר זיי אַן עבד כנעני ?

לייבקעס פאָטער האָט געמאַכט אַ פּשרה, אַז ער וועט גיין נעכטיקן אין געשעפט. מיט צופרידנקייט וועט ער דאָס טאָן, כדי צו קאָנען עפּעס אַריינברענגען אין שטוב אויף דער הוצאה. און אַז דער פאָטער איז אַ סך מאָל געקומען אין די פרימאָרגנס מיט רויטע נישט אויסגעשלאָפענע אויגן, אַ בלאַסער, מיט אַ מידן גאַנג, ווי ער וואָלט זיך געוואַקלט, האָט לייבקע

געזען, אַז דעם פֿאָטער פֿאַלט דאָס שווער, האָט ער אים מער נישט געלאָזט גיין.

פֿון מידקייט, פֿון דער שווערער אַרבעט דעם גאַנצן טאָג, פֿלעגט לייבקע אַוועקפֿאַלן אויפֿן האַרטן געלעגער און נישט פֿילן ווי די נאַכט גייט אַריבער.

דאָס, וואָס לייבקע האָט מורא געהאַט, זיך געשראָקן, איז געווען פֿאַר רפֿאלן, דעם עלטערן זון פֿון בעל־הבית, וואָס האָט געהאַט די שווערע קרענק, די עפּילעפּסיע, פֿלעגט זיך אַרומדרייען גאַנצע טעג און גאָר נישט טאָן. לייבקע האָט אויך געוווּסט, אַז ער איז געווען פֿאַרהייראַט, נאָר די פֿרוי האָט אים פֿאַרלאָזן, און אַז ער וווינט איצט אַליין אין אַ צימער און דער פֿאָטער האַלט אים אויס.

ער האָט אויסגעזען מגושמדיק, אַ דיקער, אַ ברייטער, מיט אַ שווערן גאַנג, האָט ער זיך קוים באַוועגט. זיין בליק איז געווען נעפּלדיק, מטושטש, ער האָט געשטאַמלט ביים רעדן, ווי ס׳וואָלט אים געווען שווער אַרויס־צוברענגען קלאָר זיין געדאַנק. ער האָט שטענדיק געטראָגן מיט זיך אַ גראָבן שטעקן, און געשמייכלט תמעוואַטע צו אַלעמען.

די משפּחה האָט זיך מיט אים געשעמט. אַז ער פֿלעגט נאָר אַריינ־קומען אין געשעפֿט, האָט לייבקע געהאַט אַ פֿאַרזאָג, אַז ער זאָל זען מיט אים פֿאַרפֿירן אַ שמועס, אים איבעררעדן און זען מיט אַלע מעגלעכקייטן ער זאָל אים אַוועקפֿירן צו זיין וווינונג.

לייבקע האָט געציטערט פֿון שרעק, ווען ער האָט אים געדאַרפֿט באַ־גלייטן, אים צופֿירן דאָס שטיקל וועג ביז צו זיין וווינונג. דאָס איז געווען ביי אים ערגער ווי דאָס שווערע האָרעווען אין געשעפֿט דעם גאַנצן טאָג.

אין אַ פֿאַרנאַכט, ווען אין געשעפֿט זענען געווען פֿיל סוחרים און קונים, האָט זיך שטיל אַריינגעשאַרט מיט שווערע טריט דער קראַנקער זון רפֿאל. ער האָט מאָדנע געשמייכלט, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין זיך אַ סוד, וואָס ער וועט פֿאַר אַלעמען דערציילן. זיין מטושטשדיקער בליק איז געווען פֿאַרשטאַרט, פֿאַרגלעזערט, ווי ער וואָלט גאָר נישט געזען אַרום

זיך. מיטן שטעקן אין האַנט האָט ער זיך געשאַרט, זיך געוואָקלט, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביים פאַלן.

לייבקע האָט נאָך נישט באַוויזן אים עפּעס צו זאָגן, ווי דער קראַנקער האָט מיט אַ מאָל באַקומען אַ פאַרענדערטן אויסזען. זיינע אויגן האָבן זיך אין אים ווי איבערגעקערט, מ׳האָט נאָר געזען די אַרויסגעשטאַרצטע ווייסלעך, וואָס האָבן געהאַט אַ געלבלעכן אויסזען, ווי ביי אַ גוססדיקער בהמה. פון מויל האָט אים געזעצט אַ ווייסער שוים. ער האָט געריטשעט מיט אַ משונהדיק ווילד קול, מיטן שטעקן אין האַנט האָט ער זיך כסדר פאַרמאָסטן אין דער לופטן, ווי ער וואָלט זיך געראַנגלט, מיט זיינע לעצטע כוחות פאַר פחד און מורא, אַז מ׳פאַרפאָלגט אים, מ׳וויל אים אומברענגען. ביז ער איז אַוועקגעפאַלן אָן כוחות און אָן אָטעם אויף דער ערד, מיד און דערשעפּט. מ׳האָט אים געהאָלפן זיך אויפהויבן, געגעבן אים דעם שטעקן אין האַנט, און לייבקע איז אים געגאַנגען באַגלייטן אַהיים.

אין געשעפט האָט געהערשט אַ פיינלעכע שטילקייט. דער אַלטער פאָטער, די זין, זענען געבליבן דערדריקט, פאַרשעמט. די גרויליקע סצענע איז זיי געשטאַנען פאַר די אויגן. די ריטשנדיקע קולות האָט זיי אָפּגעהילכט אין די אויערן מיט אַן אומהיימלעכן ווידערקלאַנג.

לייבקע האָט באַגלייט דעם קראַנקן, וואָס האָט געשטאַמלט מאָדנע אומפאַרשטענדלעכע רייד. דער קראַנקער איז געגאַנגען איינגעבויגן, און זיין מאָדנער בליק האָט אויסגעדריקט פחד און אומרו. ער האָט גאָר נישט געדענקט, ווייל ער האָט געפרעגט לייבקען וואָס מיט אים האָט פאַסירט? לייבקע איז אים נאָכגעגאַנגען מיט ציטערדיקע טריט, געפילט דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ פאַר מורא און שרעק, אַז די גרויליקע סצענע קאָן זיך נאָך אַ מאָל איבערחזרן. ער איז געגאַנגען אַ ביסל אָפּגערוקט פון קראַנקן, ביז זיי זענען צוגעקומען צו זיין וווינונג. דאַן האָט לייבקע פרייער אָפּגעאָטעמט.

דער קבלת־פּנים

(ר ע פּ אָ ר ט אַ ז ש)

די גרויסע שפּיטאָל־געביידע, מיט די טונקעלע אָפּגעקרישלטע ווענט און לאַנגע פינצטערע קאָרידאָרן, מיט די באַזונדערע אָפּטיילונגען, סאַלעס און פּאַוויליאָנען, וואָס זענען באַשטימט פאַר פאַרשידענע קראַנקייטן, די אַלטע שפּיטאָל־געביידע, וואָס וואַרפט שטענדיק אָן אַן אומעט אויף די פאַרבייגייער און ווו עס אינטערנירן זיך מערסטן טייל אָרעמע און עלנטע מענטשן — דער גרויסער בנין האָט מיט אַ מאָל אויפגעלעבט, באַנייט און אויפגעריכט געוואָרן.

אין שפּיטאָל האָט מען זיך געגרייט אויפצונעמען אַ חשובן גאַסט. אַ פּראָמינענטער פּראָפעסאָר פון אַן אַנדער לאַנד האָט געדאַרפט אָנקומען. דער באַרימטער געלערנטער האָט זיך קונה שם געווען מיט זיינע נייע היילונגס־מעטאָדן, מיט זיינע וויכטיקע פאָרשונגען און אַנטדעקונגען פון ווירוסן פון פאַרשידענע קראַנקייטן, מיט זיינע באַלערנדיקע ווערק, וואָס זענען דערשינען און זענען גלייך איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַנדערע שפּראַכן און וועלכע האָבן געמאַכט אַ רושם אין דער מעדיצינישער וועלט.

דאָס גאַנצע פּערסאָנאַל פון שפּיטאָל, פון קלענסטן דינער ביז דעם העכסטן שעף, האָבן זיך פיבערדיק געגרייט אויפצונעמען דעם גרויסן געלערנטן. געוואָלט נושא חן זיין, אויסנעמען ביי אים, ער זאָל אַרויס־טראָגן אַ גוטע מיינונג וועגן היילאַנשטאַלט.

די דינערשאַפט פון שפּיטאָל איז געוואָרן פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. אַלע פּאַוויליאָנען, סאַלעס און קאָרידאָרן האָט מען אָנגעהויבן רייניקן, איבערפאַרבן און איבערפּוצן. מ׳האָט זיך געדאַרפט צואיילן און די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען מיטן גאַנצן טעמפּאָ, כדי אַרויסצוועוגדיקן צו דער צייט.

אין די סאַלעס, ווו ס׳ליגן די קראַנקע, אין די קאָרידאָרן, האָט איצט אָפּגעהילכט דאָס טראַסקען פון די טירן, דאָס ציטערן פון די שויבן. מ׳האָט געהאַלטן אין איין איבערשטעלן דאָס מעבל פון איין אָרט אין צווייטן. די דינער זענען אַרומגעלאָפן פאַרשמייעט, פאַרהאַוועט, געמאַכט אַ טומל, אַ רעש מיט זייערע שווערע האַמעטנע טריט, מיט זייער רעדן אויפן הויכן קול, וואָס האָט באַלעסטיקט די קראַנקע, וואָס דאַרפן רו און האָבן נישט געקענט פאַרנעמען דעם גאַנצן טומל און טאַראַראַם. ס׳האָט אויסגעזען ווי די אַלע קראַנקע וואָלטן געווען מינדערווערטיק און נישטיק — אַנטקעגן דעם חשובן גאַסט, וואָס דאַרף אָנקומען און וועט אויפגענומען ווערן מיט דער גאַנצער אויפמערקזאַמקייט און פייערלעכקייט.

ווען אַלץ איז געווען איבערגעפּאַרבט, אויסגעגלאַנצט און איבערגעפּוצט, האָט מען אומעטום צעשטעלט קוישן בלומען, וואָס האָבן אויפגעלעבט די טונקעלע אומהיימלעכע סאַלעס, די שמאָלע קאָרידאָרן, די פּוסטע זאַלן.

די רייצנדיקע בלומען האָבן געשפּרייט אַרום זיך שמעקעדיקע ריחות, יום־טובדיקייט, פרייד און אויפגערוימטקייט, האָבן געווונקען מיט זייערע לאָקנדיקע פאַרבן און דערמאָנט אין באַנייונג, אין בליען, האָבן פאַרטריבן די שווערע אומהיימלעכקייט און די שטיקנדיקע ריחות פון שפּיטאָל.

דאָס גאַנצע פּערסאָנאַל איז געווען גרייט צום פייערלעכן באַזוך. די שעפן פון די פאַרשידענע אָפּטיילונגען, די געהילפן, די דאָקטוירים, די פּראַקטיקאַנטן, די קראַנקן־שוועסטער, די באַדינער, די וועכטער. צוליב דעם האָט מען אויך געלאָזט אויפשטעלן אַ טריבונע מיט אַ סך זיצפּלעצער פאַר איינגעלאַדענע געסט.

אָבער מער פון אַלע האָבן מיט אומגעדולדיקער געשפּאַנטקייט געוואַרט אויפן גאַסט די שווער קראַנקע פון שפּיטאָל, וואָס האָבן זיך געראַנגלט מיט די לעצטע כוחות, געקוקט מיט טיפער בענקשאַפט צו זייער צאַנקנדיק לעבן. אַ פאַרטייעטער געדאַנק האָט אויפגעטליעט: אפשר וועט דער פּראָמינענטער פּראָפעסאָר באַזוכן זייער אָפּטיילונג, זייער סאַלע, וועט זיי באַטראַכטן, און געפינען אַ גענעזונג. וועט זיי ראַטעווען.

די קרובים און פריינד פון די קראַנקע האָבן זיך שוין געגרייט אָפּ־וואַרטן דעם פּראָפעסאָר, אויסגיסן זייער האַרץ און בעטן פאַרן קראַנקן — וואָס איז לעבנס־געפערלעך און וואָס אַנדערע דאָקטוירים האָבן אים שוין אָפּגעזאָגט דאָס לעבן.

ווען אין שפּיטאָל האָט זיך דורכגעטראָגן די ידיעה, אַז דער גאַסט איז שוין אָנגעקומען, זענען די קראַנקע געוואָרן אויפגערודערט, געלעגן אָנגעשפּיצטע אויף זייערע בעטלעך, געקוקט און געזוכט מיט פאַרשנדיקע בליקן — ווען דער גאַסט וועט זיך באַווייזן? וועלכע אָפּטיילונג וועט ער באַזוכן פריער? ווער וועט זוכה זיין ער זאָל צוגיין צו זיין בעטל? אים אונטערזוכן און געבן אַ רפואה?

ווען דער גאַסט האָט זיך באַוויזן, זענען אָבער גלייך אויסגעוואַקסן די הויכע שעפן פון שפּיטאָל, די פּראָפעסאָרן, די געהילפן, די דאָקטוירים, מ׳האָט אים אַריינגענומען אין מיטן, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, געמאַכט אַ קרייז אַרום אים — קיינער זאָל נישט וואַגן זיך דערנענטערן.

דערנאָך האָט מען אים געפירט איבער די לאַבאָראַטאָריעס, געוויזן די מאָדערנע הייל־אַפּאַראַטן, די איינריכטונגען, די אָפּעראַציע־זאַלן, די פּאָליקליניקס, די פאַרשידענע אָפּטיילונגען, פּאַווילאָנען און סאַלעס.

ער האָט פּרובירט צוגיין צו אַ קראַנקן, אים אָנגעהויבן אויספרעגן און באַלד האָבן די דאָקטוירים אויך געוואָלט אַרויסווייזן זייער בקיאות און באַהאַוונטקייט, זייער וויסן.

דער שמועס צווישן גאַסט און די דאָקטוירים האָט דערווייטערט און אָפּגעשטופּט די ענטפערס פון קראַנקן, וועלכער האָט זיך געפילט פאַר־לוירן, צעטומלט, ס׳האָט אויסגעזען, אַז זיינע רייד קלינגען נעבעכדיק, הילפלאָז און דערגרייכן נישט צו קיינעם, ווערן נישט גענומען אין אַכט.

די קרובים און פריינד, וואָס האָבן געוואַרט אין די קאָרידאָרן, ביי די אַריינגאַנגען — האָט מען אין גאַנצן נישט צוגעלאָזט צו אים. ווי ס׳וואָלט געווען אַ פּחיתות־הכבוד פאַרן חשובן גאַסט — באַלעסטיקט צו ווערן אין אַזעלכע געהויבענע מאָמענטן.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער אָפיציעלער יום־טוב, דער קבלת־פּנים.

אויף דער דעקאָרירטער טריבונע האָט מען אַרויפגעפירט דעם גאַסט. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די פייערלעכע באַגריסונגען, די גראַטולאַציעס. אַלע רעדנער האָבן געלויבט זיינע לייסטונגען — פאַר דער מעדיצין, פאַר דער מענטשהייט, — ווייל מ׳האָט געראַטעוועט אַ סך מענטשלעכע לעבנס אַ דאַנק זיינע פאָרשונגען און נייע היילונגס־מעטאָדן. אַ פאָטאָגראַף האָט בשעת מעשה אַראָפּגענומען בילדער אין פאַרשידענע פּאָזעס. און הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן האָבן פאַרהילכט דעם גרויסן זאַל.

די קראַנקע פון שפּיטאָל זענען געווען אַנטוישט און פאַרביטערט. ס׳האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז מ׳האָט זיי אין גאַנצן איגנאָרירט און פאַרגעסן, אַז מ׳האָט אַלץ געטאָן כדי אים נישט צולאָזן צו זיי. דאָס קלאַמערן זיך אין דער האָפענונג, אַז דער באַרימטער פּראָפעסאָר וועט זיי באַזוכן, זיך אינטערעסירן מיט זייער מצב, איז אויסגערונען געוואָרן, ווי אַ פאַרשווונדענער חלום.

און דער יום־טוב, דער פייערלעכער קבלת־פּנים, וואָס איז געגרייט געוואָרן מאָנאַטן לאַנג, איז זיי איצט נישט געווען צום האַרצן, אַלץ איז פאַר זיי געווען פרעמד, איבעריק און דערווידער.

— — — — — — — — — — — — — — — —

די קוישן בלומען, וואָס זענען געשטאַנען אויבן אָן, האָבן איצט אַראָפּגעקוקט מיט גאווה און פאַרריסנקייט, ס׳האָט אויסגעזען ווי עמיצער וואָלט זיי בכיוון אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן זיי, כדי זיך רייצן מיט די עלנטע קראַנקע, — שפּאַסן און אָפּחוזקן, פאַרשאַפן זיי צער און יסורים. די העלע ליכטיקע פאַרבן פון די בלומען, די שמעקנדיקע ריחות, די הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען איבער אַלע סאַלעס, די לויבגעזאַנגען און באַגריסונגען פאַרן גאַסט — דאָס אַלץ האָט זיך געלייגט שווער אויף זייערע געמיטער, האָט געלעסטערט די געפילן פון די שווער קראַנקע, וואָס זענען געלעגן אויף זייערע בעטלעך אַנטוישטע און באַליידיקטע, פאַרשעמטע און דערנידעריקטע.

אַנטוישונג

ס׳איז געווען אַ טריבער פאַרנאַכט, כ׳בין געזעסן אין אַן אַנגערויכערטן קאַפעהויז, ווו די לופט איז געווען שטיקנדיק און הייס, און כ׳האָב זיך צוגעקוקט און אָבסערווירט די מענטשן, וואָס זענען געזעסן ביי די טישלעך און זיך געלאַנגווייליקט.

נישט ווייט פון מיר ביי אַ טישל איז געזעסן אַ מענטש זייער אָרעם געקליידט. ער האָט געהאַלטן אַ פעקל לעבן זיך, איינגעוויקלט אין צייטונגס־פּאַפּיר. זיין געזיכט איז געווען טרויעריק און דערשלאָגן. ער איז געזעסן איינגעבויגן, און איין אַקסל האָט ביי אים אַרויסגעשטאַרצט העכער ווי דער צווייטער. פון ווייטנס האָט ער אויסגעזען ווי אַ בוים, וואָס ברעכט זיך איין פון אַ שטורעמווינט, בלייבט אויסגעבויגן אויף איין זייט, אָנהאַלטנדיק זיך נאָך אין עטלעכע וואָרצלען, וואָס לאָזן אים נישט אומפאַלן. זיינע אויגן האָבן געקוקט גלייך אויף איין פונקט, ווי ער וואָלט גאָרנישט געזען אַרום זיך, נאָר איז קאָנצענטרירט אויף איין געדאַנק אָדער איבערלעבונג, וואָס ער האָט נישט לאַנג איבערגעלעבט. אַזוי זעען אויס מענטשן, וואָס האָבן געליטן אַ גרויסע אַנטוישונג, וואָס פּייניקט זיי נאָך אַנאַנד, און זיי בלייבן דערנאָך גלייכגילטיק צו אַלץ, זיי פאַרלירן דעם אינטערעס אין לעבן.

— אפשר קאָן איך מיט אַ גוט וואָרט אים צעשטרייען, אָפּציען פון זיינע שלעכטע רעיונות — האָב איך געטראַכט — אַ פּאָר פריינדלעכע ווערטער קאָנען אַ מאָל ראַטעווען אַ מענטש פון אונטערגאַנג.

כ׳בין צוגעגאַנגען צו אים, כ׳האָב אים לייכט אָנגערירט פאַרן אַקסל. ער האָט אַ ציטער געטאָן, מיך אָנגעקוקט מיט צעשראָקענע בליקן, ער האָט געמאַכט אַן אומצופרידענע גרימאַסע, ווי ס׳וואָלט אים פאַרדראָסן פאַר וואָס איך שטער אים אין זיינע רעיונות.

— וואָס איז אייך, מיין פריינד? — האָב איך אים געפרעגט — אין די ערגסטע מאָמענטן טאָר אַ מענטש זיך נישט פאַרלירן, זיך אונטער־געבן — האָב איך געפרווט אים אויפמונטערן.

ער האָט אַ מאַך געטאָן פאַרצווייפלט מיט דער האַנט, מיר גאָר נישט געענטפערט. דאָך האָב איך געשפירט, אַז איך האָב מיט מיינע פּאָר ווערטער אַרויסגערופן ביי אים צוטרוי. ער האָט מיך אָנגעקוקט אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט זיך געוווּנדערט אויף מיין היימישקייט און צודרינגלעכקייט, דערנאָך האָט ער אָפּגעזיפצט, זיינע אומעטיקע אויגן האָבן געקוקט צו מיר מיט דאַנקבאַרקייט.

ער האָט מיך געבעטן איך זאָל זיך אַוועקזעצן לעבן זיין טישל. אַ לענ־גערע צייט האָט ער געשוויגן, ווי ער זאָל וועלן קאָנצענטרירן אַלע איבער־לעבונגען פון דער גאַנצער צייט, אויססדרן זיי אין זיין מוח, און מיר איבערגעבן אַלצדינג גענוי. זיין קול האָט געציטערט, זיך געבראָכן, ווי ס'זאָל אים אָנקומען שווער צו עפענען דאָס האַרץ פאַר מיר.

— איר זעט דעם גרויסן תפיסה־בנין? — האָט ער מיר אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף אַ גרויסער טונקעלער געביידע פון אַנטקעגן, — דאָרטן האָב איך אָפּגעפינצטערט פיר און צוואַנציק יאָר. פיר און צוואַנציק יאָר — האָט ער, עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, ווי ער וואָלט זיך אַליין נישט געגלויבט. — גאָט מיינער, ווי שרעקלעך. אַז איך האָב געקענט אויסהאַלטן אַזוי פיל יאָרן און נישט צוזאַמענברעכן איז אַ ווונדער. היינט איז דער ערשטער טאָג ווי איך בין באַפרייט געוואָרן — האָט ער פאַר־געזעצט מיט אַ טאָן פון באַדויערונג און פאַרביטערונג.

— די ערשטע צייט אין תפיסה האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך וועל בשום אופן נישט קאָנען איבערטראָגן. די טעג האָבן זיך געצויגן לאַנג און נודנע, און די נעכט זענען געווען פול מיט קאָשמאַרן. כ'פלעג זיצן שעהן לאַנג ביי דעם פאַרקראַטעוועטן פענצטערל, קוקן אויף די מענטשן, וואָס גייען פאַרביי, שמייכלען, לאַכן, זענען פריילעך, און איך, האָב איך געטראַכט, וועל שוין דאַרפן אָפּפינצטערן מיין גאַנץ לעבן. כ'בין געוואָרן נאַכלעסיק, אָפּגעלאָזן, פאַרלוירן דעם אינטערעס צו אַלצ־

דינג. כ׳בין אַ סך מאָל נישט אַרויסגעגאַנגען צום טעגלעכן שפּאַציר.

— און מיט אַ מאָל איז פֿאָרגעקומען אַן ענדערונג אין מיין לעבן: פּונקט אַנטקעגן מיין פענצטער איז געווען אַ ליידיקער פּלאַץ, וואָס האָט קיין מאָל נישט צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט, אַ פּלאַץ מיט זאַמד, שטיינער, און גראָז, און ווען מ׳איז איין מאָל געקומען און מ׳האָט דעם פּלאַץ ארומגעצוימט, און מ׳האָט אָנגעהויבן ברענגען פאַרשידענע בוי־מאַטעריאַלן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער ליידיקער פּלאַץ וועט ווערן פאַרבויט. כ׳בין געוואָרן נייגעריק. מיין לאַנגווייליקייט איז פאַרשווונדן, כ׳בין געזעסן גאַנצע טעגביים פענצטער, און כ׳פלעג זיך צוקוקן ווי די אַרבעט גייט, ס׳קומען אַרבעטער, מ׳גראָבט די גריבער, מ׳לייגט דעם פונדאַמענט, און דערנאָך מיט וואָס פאַראַ שנעלקייט מ׳הויבט די ווענט. שפּעטער ווי מ׳לייגט דעם דאַך, די אַרבעטער ווערן רירעוודיק, קלעטערן אויף די רושטאָוואַניעס מיט די פולע עמערלעך. כ׳האָב זיך צוגעקוקט ווי די אַרבעטער גרייטן זיך אַליין צו דאָס עסן מיטאָגצייט, מאַכן אַ פייער און לייגן אַרויף אַ שטיקל פליייש, בראָטן דאָס אָפּ, פאַרטרינקען מיט וויין, און דערנאָך ציען זיי זיך אויס אויף די האַרטע ברעטער, כאַפּן אַ דרימל. דאָס אַלץ האָט ביי מיר דאַן אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקן אינטערעס.

— און ווען די געביידע איז אויסגעענדיקט געוואָרן, האָב איך זיך געפרייט, ווי ס׳וואָלט געווען מיין אייגנס. כ׳בין נישט מיד געוואָרן צו קוקן שעהן לאַנג אויף די ווייסע שימערירנדיקע ווענט, די ברייטע פענצטער, די גלאַנציקע טירן, דעם משופּעדיקן דאַך מיט די רויטע דאַכעווקעס, דעם קוימען, דעם גאָרטן, — אַלץ האָט מיר אויסגעוויזן צו זיין וווּנ־דערלעך שיין.

— שפּעטער איז געקומען אַ יונג פּאָרל, זיך געהאַלטן פאַר די הענט, געקוקט זיך אין די אויגן און האָבן געשמייכלט איינער צום אַנדערן.

— אין דעם טאָג, ווען דאָס פּאָרל האָט זיך אַריינגעצויגן אין נייעם הויז, איז ביי מיר געווען אַ יום־טוב. אין האַרצן האָב איך זיי געווונטשן פיל גליק און פרייד. כ׳בין געזעסן גאַנצע טעג ביים פענצטער און זיי

נאָכגעפּאָלגט: אין דער פרי ווי דער מאַן גייט אַוועק צו דער אַרבעט, ביידע צעקושן זיך, זי בלייבט שטיין ביים שוועל, קוקט אים נאָך מיט פאַרליבטע בליקן.

— פון יענעם טאָג, זינט דאָס פּאָרל האָט זיך אַריינגעצויגן אין נייעם הויז, בין איך שוין נישט געווען איינזאַם, אַפילו ביי נאַכט בין איך נישט אָפּגעטראָטן פון מיין פענצטער. דאָס קאַרגע ליכט, וואָס האָט אַרויסגעלויכטן דורך די פאַרמאַכטע שטאָרן, האָט מיך געמאַכט היימלעך. כ׳האָב זיך פאָרגעשטעלט אין געדאַנק, די פרייִלעכקייט און געמיטלעכקייט פון יונגן פּאָרל, וואָס לעבן גליקלעך און צופרידן אין זייער נייער היים.

— ווען דאָס פּאָרל האָט געמאַכט אַ יום־טוב, געפייערט דעם חנוכת־הבית, בין איך אַ גאַנצע נאַכט געווען וואַך. כ׳האָב נאָכגעפּאָלגט די געסט, וואָס זענען געקומען שיינענדיקע און אויסגעפּוצטע. אַלע צימערן זענען געווען באַלויכטן. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט אָפּגעהילכט אַזאַ פריילעך באַרוישנדיקע מוזיק. כ׳האָב אָבסערווירט די טאַנצנדיקע פּאָרלעך, אַזוי בין איך געבליבן צוגעשמידט צום פענצטער ביז באַגינען.

— מיט אַ צייט שפּעטער איז אַ קינד געבוירן געוואָרן ביים יונגן פּאָרפּאָלק, און כ׳האָב זיך געפרייט, וואָס די פאַמיליע פאַרגרעסערט זיך.

— די צייט איז געגאַנגען, געלאָפן, דאָס קינד איז געוואָרן גרעסער, געוואַקסן, אָנגעהויבן אַרומצוגיין, אַרומלויפן איבערן שטוב, אויפן גאַס. כ׳האָב נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן. דאָס קינד האָט פאַרמאָגט אַזאַ לויטער ווייס פּנימל, מיט ליכטיקע לאַכנדיקע אויגעלעך, איר קלינגענדיק געלעכטערל האָט מיר אָפּגעקלונגען אין די אויערן, אַפילו אין שלאָף, און אַז איך האָב נישט געזען דאָס קינד עטלעכע טעג, בין איך געווען אומרויִק. כ׳בין אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגט, כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס קינד איז נישט געזונט, און מיינע אַלע חושים זענען געווען קאָנצענטרירט צו איר צימער, ווו איר בעטעלע איז געשטאַנען, און אַז איך האָב מיט עטלעכע טעג שפּעטער זי דערזען, איז מיר געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן, כ׳האָב זיך געפרייט וואָס דאָס קינד איז שוין געזונט, און איז אויסער געפאַר.

ער האָט אָפּגעזיפֿצט, זיך אָפּגערוט אַ ווײַלע, און ווײַטער פֿאַרגעזעצט:

— איך וועל קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן דעם טאָג, ווען דאָס קינד האָט אָנגעהויבן גיין אין שולע. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווײַס בלאָנקנדיק פֿאַרטעכל מיט אַ בלויען שלייף, צוויי קליינע צעפּעלעך מיט רויטע שלייפעלעך האָבן שטיפֿעריש נאָכגעטאַנצט נאָך אירע באַוועגונגען. טאַטע־מאַמע זענען געשטאַנען ביים טיר און אָנגעקוואָלן פֿון פֿרייד. איך בין געשטאַנען ביים פֿענצטער און איר נאָכגעקוקט, ביז זי איז פֿאַרשוווּנדן פֿון אונדזערע אויגן.

— די יאָרן זענען געגאַנגען, דאָס קינד איז געוואַקסן, געוואָרן עלטער, חברטעס זענען געקומען צו איר צו גאַסט, האָבן אָנגעפֿילט די שטוב מיט אַ טומלדיקן גערויש און געלעכטער, איך בין געשטאַנען ביים פֿענצטער און געוואַכט ווי אַ געטרייער שומר. אַ סך מאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך געפֿין זיך נישט אין תּפֿיסה, ווו איך דאַרף אָפּקומען מיין שטראָף פֿאַר אַ פֿאַרברעכן, נאָר איך האָב אַ פֿליכט אָפּצוהיטן מיינע פֿריינד, האַלטן אויף זיי אַן אויג, ס׳זאָל חלילה זיי נישט געשען קיין שום בייז.

— אין פֿאַרלויף פֿון דער צייט בין איך געוואָרן פֿאַרבונדן מיט דער קליינער משפּחה אָן זייער וויסן, און אָן זייער צושטימונג. און דאַן האָב איך זיך געפֿילט געפֿאַלן און פֿאַרשעמט אַנטקעגן זיי. מיינע פֿריינדשאַפֿט־געפֿילן צום יונגן פֿאַרפֿאָלק, צום קינד, האָט מיך אָנגעפֿילט מיט חרטה פֿאַר מיינע באַגאַנגענע זינד, וואָס איך בין באַגאַנגען אין אַ שיגעוונדיקן מאָמענט. דורך זיי האָב איך זיך געשפּירט געלײַטערט און גערייניקט פֿון מיין שלעכטער פֿאַרגאַנגענהייט. וואָס איז ביסלעכווייז אַראָפּגעזונקען אין תּהום פֿון פֿאַרגעסנקייט.

— כ׳האָב נישט געשפּירט די צייט, ווי ס׳גייען אַריבער טעג, וואָכן, יאָרן. כ׳בין נישט געווען איינזאַם, ס׳איז מיר נישט געווען לאַנגווײַליק, אַלע מאָל זענען אונטערגעקומען נײַע געשעענישן, נײַע פּאַסירונגען, וואָס האָבן צוגעצויגן מיין אויפֿמערקזאַמקייט.

— פֿון דעם קליינעם מיידעלע איז אויסגעוואַקסן אַ פֿריילין. אַ יונגער־מאַן האָט אָנגעהויבן אַריינקומען אין שטוב, געקומען צו ערשט מיט אַ

שעמעוודיקן בליק, זיך געריטלט דאָס ערשטע מאָל, ווען דאָס מיידל האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר די עלטערן. דערנאָך איז ער געוואָרן דרייסטער, זיך געפילט פרייער, געקומען שטענדיק אַ שיינענדיקער. זיינע אויגן האָבן געלויכטן, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט.

— און אַז זיי האָבן חתונה געהאַט, און זענען אַוועק וווינען באַזונדער, האָב איך געקאָנט אָפּזיצן טעג, וואָכן, ביים פענצטער, טאָמער קומען זיי באַזוכן די עלטערן. כ׳וואָלט זיך נישט געקאָנט שענקען איך זאָל זיי נישט זען, און אַז איך האָב זיי דערזען פון ווייטנס, האָט דאָס האַרץ מיר אָנגעהויבן טיאָכקען פון פרייד, און ווען זיי זענען אַריין צו טאַטע־מאַמע, האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז איך גיי מיט מיט זיי, און אַז איך געפין זיך מיט זיי צוזאַמען אַנטקעגנאיבער אין דער ליכטיקער ווייסער שטוב, מיר זיצן אַלע צוזאַמען און שמועסן געמיטלעך, לאַכן, און פרייען זיך. מיינע ליפּן האָבן אַ סך מאָל זיך באַוועגט, געשעפּטשעט שטיל, ווי איך וואָלט אויך אָנטייל גענומען אין געשפּרעך.

— דאַן האָב איך געהאַט איין ווונטש און פאַרלאַנג: אַז דעם טאָג, ווען איך וועל ווערן באַפרייט, מוז איך זיי באַזוכן. כ׳מוז זיי אויסדריקן מיין דאַנקבאַרקייט, כ׳מוז זיי דערציילן מיינע איבערלעבונגען פון דער גאַנצער צייט און מיין צוגעבונדנקייט צו זיי. מיין פריינדשאַפט. און אַ דאַנק זיי פיל איך זיך געלייטערט פון מיינע באַגאַנגענע זינד. זיי האָבן מיר געגעבן אַביישפּיל פון אַן ערלעך לעבן.

— דער טאָג איז ענדלעך געקומען. מ׳האָט מיך פריי געלאָזן, און ווען איך בין אַרויס פון אייזערנעם טויער, איז מיין געשפּאַנטקייט און אומגעדולדיקייט געשטיגן, דאָס האַרץ האָט מיר געזעצט ווי מיט האַמערס. ענדלעך וועל איך גיין באַזוכן מיינע פריינד. כ׳מוז זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן, איבערגעבן מיינע געפילן פון אַזוי פיל יאָרן. און אַז אַ דאַנק זיי האָב איך געקאָנט אויסהאַלטן אַזוי פיל יאָרן הינטער קראַטעס, און אַז אַ דאַנק זיי וועל איך זיך פאַרנעמען אויף אַן אַנדער וועג. זיי האָבן מיר געוויזן אַ ביישפּיל.

— איך האָב זיך דערנענטערט צו זייער שטוב. כ׳האָב אָנגעקלאַפּט אין

טיר. דערנאָך האָב איך געבעטן מ׳זאָל מיר דערלויבן אַריינגיין אינעווייניק. כ׳האָב באַמערקט, ווי מאַן און פרוי קוקן אויף מיר מיט פאַרדאַכט, און אומצוטרוי. זייערע בליקן באַגעגענען זיך און דריקן אויס פאַרוווּנדערונג און איבעררעשונג, ווי מיין באַזוך וואָלט זיי נישט געווען צום האַרצן.

— כ׳האָב געוואָלט קאָנען אייך פון נאָענט, דריקן אייער האַנט און אייך דאַנקבאַר זיין — האָב איך אָנגעהויבן מיט אַ שטיל קול, און כ׳האָב געפילט ווי מיין שטים ציטערט פון עמאָציע — איר האָט מיר געוויזן דעם ריכטיקן וועג פון לעבן, פון ערלעכקייט, פון אַרבעטסזאַמקייט, פון אַ גליקלעכער היים, וואָס איך האָב קיין מאָל נישט געקאָנט, און כ׳האָב נישט געהאַט קיין באַגריף. כ׳האָב אַלע יאָרן אָפּגעלעבט ווי אַ וואַגאַבונד, געלאָזט זיך פירן פון מיינע אימפּולסן. פיר און צוואַנציק יאָר בין איך אָפּגעזעסן אין דעם תפיסה־בנין פון אַנטקעגן, פאַרשפאַרט הינטער קראַטעס, אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. כ׳בין אָפּגעקומען די פאַרדינטע שטראָף פאַר מיינע זינד. אָבער איך וואָלט נישט אויסגעהאַלטן, ווען איך וואָלט נישט געווען פאַרבונדן מיט אייך. כ׳האָב זיך געפילט די אַלע יאָרן ווי איינער פון אייער משפחה, אייער גוטער פריינד, וואָס איר האָט נישט געקאָנט, און קיין מאָל נישט באַמערקט. פון די ערשטע צייטן, ווען איר האָט זיך אַריינגעצויגן אין נייעם הויז, האָב איך כסדר אַלץ מיטגעלעבט, פון הינטער די קראַטעס האָב איך אַלץ נאָכגעפאָלגט. כ׳האָב זיך נישט געפילט איינזאַם, און דאָס האָט מיר געגעבן כוח און מוט אויסצוהאַלטן אַזוי פיל יאָרן.

— אַז איך האָב געענדיקט רעדן, האָב איך באַמערקט, ווי מאַן און פרוי זענען געבליבן זיצן פאַרווירט, דערשטוינט. ביידע האָבן זיך איבער־געקוקט, און זיך נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט, ווי דאָס אַלץ, וואָס איך האָב זיי דערציילט, וואָלט געווען פאַר זיי אומפאַרשטענדלעך. מיין אָפענער ווידוי האָט זיי מער איבעררעשט ווי גערירט. מיינע אַרויסגעוויזענע אויפ־געדעקטע פריינדשאַפט־געפילן האָט זיי אויסגעוויזן אומפאַרשטענדלעך און פרעמד. כ׳בין געבליבן זיצן, און איך האָב זיך קיין אָרט נישט געפונען. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלע מיינע אַרויסגעזאָגטע רייד, אַרויס־גערעדט מיט האַרץ און געפיל, קערן זיך אום צוריק צו מיר פאַרשעמטע,

באַליידיקטע, פאַר וואָס מ׳נעמט זיי אויף אַזוי גלייכגילטיק און קאַלט. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז מיין פריינדשאַפט איז זיי נישט צום האַרצן. מיין אָנוועזנהייט איז זיי נישט לרצון.

ער האָט ווידער אָפּגעזיפצט, געקוקט אויף מיר, ווי ער זאָל וועלן זען די ווירקונג פון זיינע רייד, און האָט פאַרגעזעצט מיט אַ יאושדיק קול:

— כ׳האָב זיך געזעגנט מיט זיי, און כ׳האָב געוווּסט, אַז מיר וועלן זיך שוין קיין מאָל נישט זען. און אַז איך וועל זיי מער נישט באַזוכן. די קאַלטע געזעגענונג האָט מיך נאָך מער אַנטוישט און פאַרביטערט. ביים אַוועקגיין, ווען איך האָב זיי געבעטן איבערגעבן אַ גרוס דער טאָכטער, האָבן זיי מאָדנע געשמייכלט, ווי זיי וואָלטן נישט אויפגענומען גערן מיין פאַרלאַנג, ווי דאָס וואָלט זיי שאָקירט.

— ווען איך בין אַרויס אין גאַס, האָט דאָס האַרץ מיר זיך צונויפּ־געדריקט פון פאַרדרוס און באַליידיקונג, וואָס מיין אויסגעשטרעקטע האַנט צו זיי איז אַזוי אָפּגעשטויסן געוואָרן. די באַגעגעניש האָט מיר אויסגעוויזן ווי אַ פינצטערער קאָשמאַר, וואָס האָט פאַרטונקלט אַזעלכע שיינע דערי־נערונגען, האָפענונגען און חלומות פון אַזוי פיל יאָרן. מיין שטענדיקער ווונטש זיי באַזוכן ווען איך וועל אַרויסגיין אויף דער פריי האָט מיר איצט אויסגעזען לעכערלעך, נאַריש און משוגעדיק. ס׳האָט זיך מיר נישט גע־וואָלט גלויבן, אַז מ׳האָט מיך אַזוי פיינטלעך אויפגענומען, מיך אָנגעקוקט מיט אומצוטרוי און חשד, און אַז כ׳האָב פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך, האָב איך אויך געוווּסט, אַז ס׳איז איבערגעריסן אויף שטענדיק מיין פאַר־בינדונג מיט די מענטשן.

— און ווידער האָב איך זיך געשפּירט אַזוי עלנט און איינזאַם, ווי די ערשטע צייטן, ווען מ׳האָט מיך געבראַכט אין תפיסה־בנין — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַן אומעטיק דערדריקט קול.

☆

נאָכן אויסהערן די ווידוי פון דעם אומבאַקאַנטן מענטש, בין איך געבליבן זיצן ווי פאַרגליווערט. כ׳האָב נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין

וואָרט, ווי ביי מיר וואָלט געווען אָפּגענומען דאָס לשון. אַלע אַרגומענטן אים צו מוטיקן זענען ביי מיר אויסגערונען געוואָרן. כ׳בין געבליבן אונטערן איינדרוק פון זיינע איבערלעבונגען, וואָס האָבן מיך דערשיטערט, און כ׳האָב נישט געפונען קיין טרייסטווערטער, וואָס זאָלן אויפמונטערן דעם עלנטן מענטש אין זיין איינזאַמען צער און אַנטוישונג.

צווישן ווענט

סעניאָר באַרקין איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל, זיך געסטראַיעט, זיך געקליבן אַרויסצוגיין.ביים אויסקלייבן אַ קראַוואַט האָט ער אָנגעהויבן זוכן, איבערוואַרפן די פאַרשידנפאַרביקע בינדעס, וואָס זענען געהאָנגען אויף אַ דראָטענעם שטענגל. ער האָט זיך נישט געקענט באַשליסן וועלכער איז מער פּאַסיק צום אַנצוג, וואָס ער האָט אָנגעטאָן. ענדלעך האָט ער אויסגעקליבן איינעם מיט אַ טונקל רויטלעכן קאָליר, האָט אַריינגעשטאָכן אין אים אַ בריליאַנטענע שפּילקע, וועלכע האָט געבלישטשעט מיט פאַר־שידנאַרטיקע קאָלירן. די קליינע בריליאַנטענע שפּילקע, ווי אַן אָפּצייכן פון זיין האָפערדיקער שטימונג, האָט געבלענדט מיט אַ פינקלדיקער שיין, באַלויכטן זיין צופרידן געזיכט.

סעניאָר באַרקין האָט געהאַט אַ מאָטיוו צו זיין צופרידן. נאָך דעם ווי ער האָט אַזוי פיל יאָרן זיך געמאַטערט אין דעם נייעם לאַנד, ווו ער האָט אימיגרירט, געפּאָקט און געמאָזלט, געלעבט אויסגערעכנט, געשפּאָרט דעם ביסן פון מויל און אָנגעקליבן אַ סומע געלט, איז אים איינגעפאַלן אָפּצוקויפן אַן אַלט הויז, וואָס דער אייגנטימער איז געווען פאַרענגט איבערן האַלדז, נישט געקענט אַרויסקריכן פון די חובות.

די אַלטע שטוב מיט די טונקעלע אָפּגעקראָכענע ווענט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ האַלב איינגעפאַלענע חורבה און וואָס ער האָט באַצאָלט פאַר דעם אַ הויכן פּרייז, האָבן אים דערנאָך אָנגעהויבן מאַטערן חרטה־געפילן: צו וואָס האָט ער אַריינגעבראָקט זיין גאַנץ פאַרמעגן אין דער אַלטער שאַראַגוידע? ער האָט זיך אַליין געגעסן, געגריזשעט פון חרטה, און געטראַכט: אַז דאָס קען אים רוּיִנירן. דער צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן ביז די מלחמה איז אויסגעבראָכן.

סעניאָר באַרקין, וואָס איז פריער אַרומגעגאַנגען אַנטמוטיקט און

דערשלאָגן, איז געוואָרן אויפגעמונטערט, אויפגעריכט. די אַלטע חורבה מיט די טונקעלע אָפּגעקרישלטע ווענט האָט באַקומען אַן אַנדער חשיבות. ער האָט באַקומען אָנבאָטן, אַז מ׳גיט אים פאַרדינסט ער זאָל עס פאַר־קויפן, און אַ סך בעלנים האָבן אים אָפּגעהאַקט די שוועלן, און פאַרגע־לייגט ריווח. סעניאָר באַרקין האָט געטריבן פון זיך די קונים, די מעקלערס, וואָס האָבן אים באַלאַגערט ווי זלידנע פליגן, געוואָלט פון אים אַרויסקריגן אַ וואָרט, זיין צושטימונג, אַז ער וועט עס פאַרקויפן. ער האָט באַשלאָסן בײַ זיך, אַז איצט וועט ער עס נישט פאַרטאַכלעווען. אויב עס איז ווערט פאַר יענעם, איז עס ווערט פאַר אים אַוודאי, — האָט ער וויליונגעריש אַ זשמורע געטאָן מיט אַן אויג צו די מעקלערס, געגעבן זיי צו פאַרשטיין, אַז ער וועט זיך נישט לאָזן אַריינגנאַרן אין זאַק, זאָלן זיי נישט מיינען, אַז ער האַלט פאַרמאַכט די אויגן, און ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך איצט.

ביים פאַרבייגיין די שטוב האָט ער אָנגעהויבן קוקן אויף איר מיט חשיבות, און אַ סך מאָל אַ פּיר טאָן מיט דער האַנט איבער די ווענט, ווי מ׳גלעט און מ׳צערטלט אַ ליב וועזן. און דערנאָך געזידלט זיך אַליין, זיך אָנגערופן אייזל, פאַרשטאָפּטער מוח, פאַר וואָס ער האָט זיך פריער אַזוי געגעסן און געגריזשעט דאָס האַרץ, געמיינט אַז ער איז דורכגעפאַלן, געמאַכט אַ שלעכטן קויף. אָבער ווער זאָל עס וויסן, אַז עס וועט ווערן פלוצים אַזאַ איבערקערעניש, אַזאַ סומאַטאָכע?

מיטן קויפן די אַלטע שטוב האָט זיך ביים סעניאָר באַרקין צעוואַקסן דער אַפּעטיט. ער האָט איצט געזוכט צו קויפן אַלטע הייזער, זיי איבער־געזעמאָנטירט, דאָס האָט אים אַריינגעבראַכט גרויסע איינקונפטן.

שפּעטער, אַז זיינע קאַפּיטאַלן האָבן זיך פאַרגרעסערט, האָט ער אָנ־געהויבן איינקויפן ליידיקע פּלעצער, געבויט אַפּאַרטאַמענטן, און זיין אָנזען איז געוואַקסן. ער איז געוואָרן פאַרריסן, אָנגעבלאָזן. פאַרן פאַרענדיקן די געביידע, פלעגט מען אים שוין אָפּהאַקן די שוועלן, זיך בעטן ביי אים, ער זאָל רעזערווירן אַן אַפּאַרטאַמענט, געשטעקט אים פאַרויס האַנטגעלט. ס׳האָט אים הנאה געטאָן, וואָס אַ סך מאָל האָבן עטלעכע פּערזאָן זיך געאַמפּערט פאַר דער זעלבער דירה, געוואָלט אויסכאַפּן איינער ביים צווייטן.

סעניאָר באַרקין האָט זיך געפילט האָפּערדיק. ער האָט געוווּסט, אַז צוליב דער מלחמה איז אַ גרויסער מאַנגל אין דירות, און ער פלעגט צואײַלן סײַ די אַרבעטער, סײַ דעם קאָנסטרוקטאָר, מ׳זאָל אויסענדיקן וואָס גיכער, מ׳זאָל נישט מאַרודזשען מיט דער אַרבעט, מיט די אויס־ענדיקונגען, ער זאָל דאָס קענען גלײַך פאַרדינגען, ווײַל מיט יעדן טאָג, וואָס גייט אַריבער, פאַרלירט ער געלט, פלעגט ער אַרײַנרוימען אַ סוד דעם פאַרוואַלטער. די דירות וואָלטן שוין געקענט זײַן פאַרדונגען, און ער וואָלט שוין אײַנגעמאָנט דירה געלט — טײַם איז מאָני, האָט ער געשמײכלט ווויליונגעריש צום אויפזעער.

אויף די אַרבעטער האָט סעניאָר באַרקין געקוקט ווי אויף טויגעניכצן, וואָס האָבן נישט קיין השגות און אַמביציעס, אַרבעטן אָן אַן אינטערעס, באַוועגן זיך פויל, קריכן ווי טשערעפּאַכעס, פוילע ברואים.

אַ סך מאָל דערוועקט זיך בײַ אים אַ רחמנות־געפיל צו זיי, ווען ער שטייט און ער קוקט זיך צו ווי די אַרבעטער שלעפּן די שווערע עמערס צעמענט, טראָגן די הויפנס ציגל, קלעטערן אויף די רושטאָוואַניעס, און שטעלן זיך אײַן דאָס לעבן צו פאַרדינען זייער לוין. אין אַ רעגנדיקן טאָג ווערן זיי דורכגענעצט, גייען אַרום אויסגעשמירטע, קויטיקע, שלעפּן די שווערע משאות און זעצן זיך דערנאָך אַוועק מיטאָגצייט מידע און פאַר־האָרעוועטע, זוכן אויס שטיקלעך האָלץ, שפּענער, אויף צו מאַכן אַ פײַער, לייגן אַרויף אויפן אײַזערנעם שטעכער אַ שטיק פלייש, בראָטן עס אָפּ, פאַרטרינקען מיט ביליקן ווײַן און כאַפּן דערנאָך אַ דרימל, אויסציענדיק זיך אויף די האַרטע שטיינער. דאַן דערוועקט זיך בײַ אים אַ מיטלייד־געפיל, ער פילט זיך שולדיק אַנטקעגן זיי. ווען ער קומט צוגיין איז די אַרבעט שוין אין פולן גאַנג. די אַרבעטער הויבן אָן זייער אַרבעט באַאײַנען. ער קומט אָן אויסגערוטער, לאָזט נישט פאַלן קיין שפּרענקעלע אויף זײַנע בגדים. ער קוקט זיך נאָר צו ווי די אַרבעט גייט.

און בשעת מעשה פּלאָנטערן זיך אים אין קאָפּ מאָדנע געדאַנקען. ער טראַכט, אַז פון דירה־געלט אַליין, וואָס אים קומט אַרײַן יעדן חודש, וואָלט אַן אַרבעטער־פאַמיליע געקאָנט לעבן אַ גאַנץ יאָר, און זיי, די

אַרבעטער אַרבעטן שווער און ביטער אַ גאַנצן מאָנאַט אויף זייער לוין.

ווען ער קוקט זיך אָבער צו ווי זיי קריכן ביי דער אַרבעט, מאַכן זיך יום־טובים, פעלן אָפּטער, דאַן פאַרשווינדט ביי אים דאָס רחמנות־געפיל, פאַרקערט — עס צינדט זיך אין אים אָן אַ כעס, וואָס צוליב זייער שולד ווערט אָפּגעהאַלטן די גאַנצע אַרבעט, ער פאַרלירט געלט צוליב זייער נאַכלעסיקייט און פוילקייט, און ער מוסרט זיך אַליין, וואָס ער איז געוואָרן אַזאַ פּוכקע לבבות, וואָס פּילט זיי מיט. פוילע ברואים — מורמלט ער צו זיך אַליין.

ער נעמט דערנאָך אַ ביישפּיל פון זיך אַליין: פון די ערשטע יאָרן פון זיין קומען דאָ אין לאַנד, האָט ער נאָר געזוכט צו קומען צו אַ צוועק, צו אַ תכלית. געלעבט אויסגערעכנט, געשפּאָרט, ביז ער האָט דערגרייכט עפּעס אייגנס, און זיי, די אַרבעטער, אַז זיי נעמען אָפּ זייער געהאַלט, זוכן זיי נאָר אויסצוגעבן, קויפן שמאַכטעס, נאַרישקייטן און בלייבן ביי גאָרנישט. און אַז ס׳קומט ענדע מאָנאַט פגרן זיי פאַר אַ סענט, און ער קומט צום אויספּיר, אַז מ׳טאָר אויף זיי קיין מיטלייד נישט האָבן. ס׳איז זייער אייגענע שולד.

סעניאָר באַרקין האָט זיך געקליבן גיין צו זיין נייער געביידע, וואָס ער האַלט אין בויען. פון וויטנס האָט ער שוין געזען דעם גרויסן שילד מיט די אָנזעעוודיקע אותיות, זיין נאָמען, דעם נאָמען פון אַרכיטעקט, און פון דעם אויפזעער איבער די אַרבעטער, און אַלע דעטאַלן און באַ־קוועמלעכקייטן פון די דירות. ער האָט געשמייכלט פון צופרידנקייט.

ער האָט זיך צוגעקוקט ווי די אַרבעט גייט פאָרויס און איז מיט אַ מאָל פאַרשנעלערט געוואָרן, ווי זיי וואָלטן געהאַט דעם פאַרלאַנג אָנצויאָגן די פאַרלוירענע צייט. נאָכן לייגן דעם פונדאַמענט, וואָס איז צוגעגאַנגען לאַנגזאַם, און ס׳האָט אויסגעזען, אַז מ׳וועט דאָס קיין מאָל נישט ענדיקן, האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט מיט אַ פיבערדיקן טעמפּאָ. דאָס הויבן די ווענט איז צוגעגאַנגען שנעל, און איידער מ׳האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט מען זיך געגרייט לייגן דעם דאַך, און יעדעס מאָל ווען מען לייגט דעם דאַך, ווייסט ער, איז ביי די אַרבעטער אַ יום־טוב. זיי ווערן דאַן רירעוו־

דיקער, די אַרבעט אַליין טרייבט און יאָגט, לאָזט זיי נישט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. די עמערס צעמענט מוזן געגאָסן ווערן אייליק און שנעל, איינע נאָך די אַנדערע, און דאָס טרייבט די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן זיך איילן, אונטעריאָגן איינער דעם אַנדערן. ער שטייט דאַן פון ווייטן און האָט אַ געוואַלדיקע הנאה.

מיט אַ טאָג פריער האָט סעניאָר באַרקין באַמערקט, ווי די אַרבעטער האָבן אַרויסגעהאָנגען אין סאַמע פראָנט פון דער געביידע אַ גרין צווייַגעלע, צוגעבונדן צו אַ שטאַנג פון דער רושטאָוואַניע. אַ צייכן, אַז מ׳וועט מאָרגן לייגן דעם דאַך. מ׳וועט מאַכן „אַסאַדאָ״ * מיט ווייַן פאַר אַלעמען. דאָס איז שוין אַ טראַדיציע ביי די אַרבעטער, און סעניאָר באַרקין טוט עס מיט פאַרגעניגן. ער זשאַלעוועט נישט, קאַרגט נישט, גיט זיי נאָך מער וויפל זיי פאָדערן, און צוזאַמען מיטן אַרכיטעקט, בוי־אונטערנעמער, און די אַרבעטער, ווערט די סעודה געפּראַוועט אויף אַ חברלעכן אופן.

ער איז אַריין אין ליידיקן הויף הינטער דער געביידע. אַ געווירצטער ריח פון געבראָטן פלייש איז דערגאַנגען צו אים. דער שאַרפער ריח האָט גערייצט זיין אַפּעטיט. אַלע האָבן געוואַרט אויף אים. ער האָט זיך געפילט געשמייכלט, אַלע גיבן אים אָפּ כבוד, אַלע זענען אונטערגעוואָרפן זיינע באַפעלן, דירעקטיוון און פאַראָרדענונגען. אַ דאַנק אים באַוועגט זיך אַלץ.

מ׳האָט אים דערלאַנגט די ערשטע פּאָרציע „אַסאַדאָ״. ער האָט אָנגעהויבן שניידן שטיקער און קייען מיט גרויס הנאה. די הויפּנס ציגל וואָס זענען געלעגן אַנטקעגן אים, האָבן געגלאַנצט אַנטקעגן דער זון מיט אַ רויטלעכן שיין. דער אָפּגלאַנץ האָט אויך באַלויכטן זיין פאַרשוויצט פּנים, און די טראָפּנס שווייס האָבן איצט געבלינצלט מיט אַ צונטער־דיקער רויטקייט. די אויפגעהויבענע ווענט פון דער געביידע האָבן איצט אויסגעזען משונהדיק הויך, ווי אַ פאַרצאַמטער פּלאַץ, ווו עס איז פאַר־באָטן אַריינצוגיין פאַר פרעמדע, און ער איז דער, וואָס גיט באַפעלן

*) „אַסאַדאָ״ — געבראָטן פלייש אויפן פייער.

אַלע, וואָס געפֿינען זיך לעבן אים, זענען אונטערגעוואָרפֿן זײַנע פֿאַר־אָרדענונגען, זײַן מאַכט, און ער פֿייערט איצט זײַן זיג מיט אַ יום־טובֿדיקער סעודה.

דער קראַנקער

אין דעם רחבותדיקן הויז הערשט שטענדיק אַן אַנגעצויגנקייט, אַ געשפּאַנטקייט, וואָס דריקט אויפן געמיט און פאַרשאַפט אַנגסט און זאָרג. דער קראַנקער זון דרייט זיך אַרום ווי אַ געשפּענסט איבער דער שטוב, טשאַפּעט מיט זיינע שווערע טריט, פאַרפינצטערט דאָס לעבן פון טאַטע־מאַמע, וואָס גייען אַרום ווי שאָטנס, און געפינען זיך קיין אָרט נישט אין דער גערוימער שטוב.

באַלד פון פרימאָרגן שפּרייזט אַרום דער קראַנקער זון איבער די צימערן מיט שווערע דומפּיקע טריט, ווי ער זאָל בכיוון וועלן מאַכן אַ טומל, אַ רעש, אַז קיינער דאַרף שוין איצט נישט שלאָפן, ווייל ער איז שוין אויפגעשטאַנען, און ער וויל מ׳זאָל זיך פאַרנעמען מיט אים. פון נישט שלאָפן גוט די נעכט זענען זיינע אויגן רויט און געשוואָלן, זיין בלאַס געזיכט שלאָגט אַריין אין אַ גרינלעכן קאָליר.

ער הויבט אָן באַלד פון פרימאָרגן שיטן מיט קללות, שילט אויפן הויכן קול די אַלע, וואָס האָבן אים שלעכטס געטאָן, האָבן אים רוינירט, בדיל הדל געשטעלט, זאָלן באַקומען זייער שטראָף, זאָלן האָבן אַ וויסטן סוף, זאָלן זיך מאַטערן מיט אַ שווערן טויט. אַלע, שאָקלט ער מיטן קאָפּ און פאַרשטשעמעט די ציין, פון מויל הויבט אים אָן רינען אַ סלינע, און זיין געזיכט באַקומט אַ גרוילעך אויסזען. אַזוי חזרט זיך איבער טאָג איין, טאָג אויס, פון פרימאָרגן ביז שפּעט ביי נאַכט, ווען ער גייט שלאָפן.

ווען ער ענדיקט אויסשיטן זיינע קללות ווערט אים גרינגער. די פאַרשטשעמעטע קינבאַקן לאָזן נאָך, ער קוקט אַרום זיך מיט אַ צופרידענער הנאה, וואָס ער האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך די אָנגעזאַמלטע פאַרביטערטקייט, צער און פאַרדרוס.

אַ סך מאָל, ווען ער הערט נישט אויף מיט זיינע קללות, בעט זיך ביי אים זיין מוטער:

— נו גענוג שוין, הער שוין אויף צו שילטן, פאַרגעס איין מאָל פאַר אַלע מאָל, מעק זיי אויס פון דיין זכרון, דערמאָן זיי מער נישט.

— וואָס? — בייגט ער זיך אַראָפּ נעענטער צו איר, רעדט אין איר אַריין, שיפּעט מיט זיין הייזעריק פאַרדומפּן קול — איך זאָל פאַרגעסן? אויסמעקן פון מיין זכרון, זאָגסטו? קיין מאָל נישט! פאַרגעסן? קיין מאָל נישט! מוחל זיין? קיין מאָל! פינף יאָר מיר שלעכטס געטאָן, מיך רויִנירט, מיך געמאַכט גיין צו גרונט. קיין מאָל נישט פאַרגעסן, קיין מאָל — שאָקלט ער מיטן קאָפּ הין און צוריק און פאַרקריצט מיט די ציין.

— פון וואַנעט נעמט זיך צו מיין קינד אַזוי פיל בייז, אַזוי פיל שנאה? — רעדט די מוטער צו זיך אַליין אין דער שטיל, ער זאָל נישט דערהערן. זי וווּנדערט זיך ווי אַזוי ער האָט זיך געענדערט נאָך דער קראַנקייט, לעבט נאָר מיט דער פאַרגאַנגענהייט, האָט נישט צו קיינעם קיין צוטרוי, און איין געדאַנק פאַרפאָלגט אים, אַז אַלע האָבן אים שלעכטס געטאָן, אים רויִנירט, דערפירט צו זיין איצטיקן מצב, און ער האָט נאָר איין פאַרלאַנג זיך נוקם צו זיין.

— דאָס איז צוליב זיין איצטיקן צושטאַנד, ער איז נעבעך אומגליקלעך — טראַכט די מוטער פאַר זיך אַליין, וויל אים פאַרענטפערן זיין פאַרביטערטקייט, זיין כעס. אַלץ האָט ער פאַרלאָרן, זיין פאַרמעגן, דאָס ווייב, דאָס קינד, וויל ער אַרויפוואַרפן די שולד אויף אַנדערע פאַר זיין דורכפאַל אין לעבן. ער וויל זיך נוקם זיין.

אַ סך מאָל, אַז ער הערט נישט אויף צו שילטן, ער חזרט איבער נאָך אַנאַנד די קללות, קאָן די מוטער שוין מער דאָס נישט פאַרטראָגן. זי באַמערקט, אַז ער זוכט נאָר איר צו פאַרשאַפן צער, בלייבט זי זיצן פאַרטשמעליעט, אָפּהענטיק און פאַרלאָרן, האַלט פאַרבראָכן די הענט און קוקט פאַר זיך מיט אַ יאושדיקן בליק. אַן אומהיימלעכער גלאַנץ פלעמלט פון אירע אויגן. זי טראַכט, אַז זי וועט לאַנג נישט קאָנען אַזוי אויסהאַלטן, דער זון פאַרקירצט איר דאָס לעבן, נעמט צו ביי איר דאָס

געזונט, די כוחות, זוכט נאָר אויסלאָזן זיין כעס און פאַרביטערטקייט צו איר. ווייל זי פאַרמאַטערן מיט זיינע פינצטערע קללות.

דער פאָטער, וואָס זיצט ביים טיש, הויבט זיך אויף האַסטיק פון זיין פלאַץ, זיין פנים איז בלאַס פון אויפגערעגטקייט און כעס. ער ווענדעט זיך מיט רוגזה צום זון:

—אָבער צו אַלדע טייוול, וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף דער מאַמען צו פאַרפינצטערן איר דאָס לעבן? צו פאַרפייניקן זי? זיך אָנגע־טשעפּעט ווי אַ פּיאַווקע און זויגט דאָס בלוט טאָג און נאַכט, האַלט אין איין מאַטערן, האָט גאָר נישט קיין רחמנות אויף דער אַלטער מאַמען, וואָס קוים ווי זי זשיפּעט. ביסט אַ רוצח! אַ מערדער! — שרייט ער אים אַריין אין פּנים, שטורכעט אים מיט די פינגער אין געזיכט, ווי ער זאָל אים וואָרנען.

דער קראַנקער הויבט אויף דעם קאָפּ, שיקלט מיט די אויגן, די ברעמען ציטערן, זיינע קינבאַקן ווערן פאַרשפּיצט, סטאַרטשען אַרויס, ווי ער זאָל וועלן אָפּשטויסן דעם פאָטערס רייד, וואָס זענען פאַר אים אומ־באַגרייפלעך, ער קאָן דאָס נישט באַנעמען.

ער שטאַמלט מיט זיין הייזעריק פאַרדומפּן קול:

— שילטן, כ׳מוז זיי פאַרשילטן. אַ מיאוסער טויט זאָל אויף זיי קומען, אַ וויסטער סוף. פינף יאָר מיר שלעכטס געטאָן, מיך רויִנירט, מיך פאַר־פאַלגט, אָנגעטאָן יסורים, קיין מאָל נישט פאַרגעסן, קיין מאָל — קלאַפּט ער זיך מיט דער פויסט אין ברוסט.

דער פאָטער גיט אַ ראַזמאַך מיט דער האַנט, ווי ער זאָל זיך פאַר־מעסטן אויפן זון, אים צו געבן אַ קלאַפּ, און ציט זיך באַלד צוריק, פאַר־שטייט, אַז ער טאָר אים נישט דערצערנען. דאָס קאָן אים נאָך מער פאַרביטערן, זיין אויסגעשטרעקטע האַנט דראָט אים נאָר, וואָרנט. ער ווענדעט זיך צו זיין פרוי, וואָס האַלט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און קוקט פאַרצווייפלט אויף איין פונקט. ס׳טוט אים וויי, וואָס זי זיצט אַזוי דער־שלאָגן, דערדריקט. ער ווענדעט זיך ווידער מיט אַ וואָרנענדיקן זשעסט צום זון און זאָגט צו דער פרוי מיט אַ צאָרנדיק קול:

— איך וואָלט אים נישט געהאַלטן אין שטוב, אַזאַ רשע, אַזאַ בלוט־זויגער, איך וואָלט אים דורכגעטריבן פון דאַנעט. וויפל מ׳רעדט צו אים און מ׳גיט אים צו פאַרשטיין, נעמט ער נישט אויף, האָט נישט קיין קאָפּ איינזען מיט אונדז, טאָ זאָל ער זיין ווייט פון אונדז, וועט ער נישט פאַר־קירצן דאָס לעבן.

די פרוי בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ, פאַרשטעלט מיטביידע הענט דאָס געזיכט, און צעוויינט זיך אויפן קול.

— וואָס ווילסטו פון אים? — זאָגט זי צום מאַן מיט אַ פאָרוואורף, — ער איז נעבעך אַזוי געשטראָפט, אומגליקלעך, לאָזט ער אויס זיין ביטער האַרץ צו אונדז, און דיין געדאַנק איז נאָר פון אים זיך צו באַפרייען, — איר וויינענדיק קול פאַרגייט זיך אין אַ העשען, זי קאָן זיך נישט באַ־הערשן, איר גאַנצער קערפּער ציטערט, צוקט, ווי אין קאָנוולסיעס.

דער מאַן פּרובירט זי איינצונעמען, וויל זי באַרויִקן, גיט איר צו פאַר־שטיין — אַז ער פאַרלירט דעם געדולד, ער קאָן זיך נישט באַהערשן, ער קאָן נישט צוזען אירעליידן, דער אַ מאַכט אונדזער שטוב פאַר אַ גיהנום, — ווייזט ער אין דעם זונס ריכטונג.

דער זון קוקט אָנגעשטרענגט, ביסטרע, פינטלט נערוועז מיט די אויגן, די פאַרשפּיצטע קינבאַקן שטעכן דעם חלל, ווי ער זאָל וועלן אָפּשטויסן פון זיך דעם טאַטנס דראָענדיקע רייד, וואָס וואַרפן אָן אויף אים אַ פּחד, ער קאָן אויך נישט פאַרליידן דער מאַמעס געוויין, אָבער ער באַגרייפט נישט, וואָס פאַרוואָס שלעכטס ער טוט, ווען ער שילט די אַלע, וואָס האָבן אַ שולד אין זיין איצטיקן מצב.

ער שאָקלט מיטן קאָפּ מיט עקשנות, מיט איינגעשפּאַרטקייט, און חזרט איבער די זעלבע ווערטער:

— שילטן, שילטן, איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן, קיין מאָל זיי נישט מוחל זיין.

אָפט מאָל קומט צו גיין צו גאַסט דער עלטערער זון מיט דער פרוי און צוויי קליינע טעכטערלעך, וואָס באַגריסן זיידע־באָבע מיט האַרציקער ליבשאַפט, נעמען זיי האַרציק אַרום און טוליען זיך צו זיי.

זיידע־באָבע שמייכלען פון נחת רוח. די מיידעלעך לאַכן און שטיפן אויפן קול. דאָס צימער ווערט אָנגעפילט מיט קינדערשער פרייד און זאָרגלאָזער צעיאַכמערטקייט, וואָס נעמט צו די שטענדיקע געשפּאַנטקייט און די געדריקטע שטימונג, וואָס הערשט אין הויז.

פאַרן עלטערן ברודער האָט דער קראַנקער דרך ארץ, טראָגט נישט אויף אים קיין שינאה. זיין בלאַס געזיכט, וואָס זעט אויס שטענדיק ווי אַ מאַסקע, איז איצט אויפגעלייגט, מילד, גוטמוטיק. אַ מילדער שמייכל באַווייזט זיך אַרום זיינע מוילווינקלען. ער הערט די גלעקלדיקע שטי־מעלעך פון די קינדער און ער פאַרגעסט אין אַלץ. די מיידעלעך, ווען זיי קומען, ברענגען אים שטענדיק אַ מתנה, שמייכלען צו אים, קושן אים, איז ער צופרידן, ער בלייבט רויק, הערט זיך איין מיט אינטערעס צו דעם לעבהאַפטן שמועס, וואָס קומט פאָר אין צווייטן צימער.

אָוונטצייט גייען טאַטע־מאַמע אַרויס שפּאַצירן מיטן קראַנקן זון. דער זון וויל זיך אָנהענגען אין דער מאַמעס אָרעם, דער פאָטער קאָן דאָס נישט צוזען.

— ער קאָן גיין אַליין! — שרייט ער אויס מיט כעס — ער האָט מער כוח פון דיר! — ער שטויסט אָפּ דעם זונס האַנט, שטעלט זיך אַוועק צווישןביידן ווי ער זאָל מאַכן אַ מחיצה.

די מוטער זיפצט אָפּ. זי טראַכט, אַז שטענדיק געפינט זי זיך צווישן צוויי פייערן. ס'איז איר אַ רחמנות אויפן זון. זי קאָן אָבער אויך נישט דערצערנען דעם מאַן.

דעם זונס בלאַס געזיכט איז איצט פאַרצויגן מיט אַ גרינלעכער מראה. ער שטאַמלט אָפּגעהאַקטע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. זיין קער־פּער זעט אויס ווי פאַרשטאַרט, זיינע הענט זענען ווי פאַרקראַמפּט, זיין ביסטרער בליק פול מיט שינאה און פאַראַכטונג איז געווענדעט צום טאַטן.

זיי דערנענטערן זיך צום ים.

זיי זעצן זיך אַוועק לעבן ברעג און הערן זיך איין צו דעם מאָנאָ־טאָנעם גערויש, וואָס וויגט איין און פאַרשלעפערט. די קילע ים־ווינטלעך גלעטן און צערטלען, באַרויִקן דאָס שווערע געמיט, נעמען צו די אומעטיקע

מחשבות. דער קראַנקער איז איצט רויִק, זיין געזיכט מילד, נאָכגעלאָזן, ווי ער וואָלט אַלץ פאַרגעסן.

מיט אַ מאָל ענדערט זיך אַלץ, דער גאַנצער אַרום ווערט אומרויִק און געשפּאַנט. אַ ווירבלדיקער ווינט הויבט זיך אָן דרייען משונהדיק, און פאַרגייט זיך אין אַן אימהדיק וואָיען, שוואַרצע וואָלקנדלעך איילן זיך געשווינד, לויפן אין אַ געיעג ווי זיי וואָלטן זיך געאיילט אַנזאָגן, אַז עס דראָט אַ סכנה. דער ים ברויזט און שטורעמט.

דער קראַנקער ווערט אומרויִק, דערשרעקט זיך, דער שטורעמדיקער ים, דער וואָיענדיקער ווינט וואַרפט אָן אויף אים אַ פּחד. ער ציטערט און ס׳טרייסלט אים פון קעלט.

די מוטער זעט אים באַרויִקן, זי נעמט אים פאַרן אָרעם און זיי איילן זיך צוריק אַהיים.

פ י ש ע ר ס

(ר ע פ אַ ר ט אַ ז ש)

ווייט הינטערן שטאָט לעבן ברעג ים, זעט מען די פישער־שטיבלעך, וואָס יעדער פישער שטעלט עס צונויף לויט זיין גענויקייט און קענטעניש.

די פישערס קומען צו גיין, הענגען אַרויס די נעצן צו טריקענען. קלייבן זיך צונויף, זעצן זיך ברייטלעך אַוועק לעבן זייערע שטיבלעך און שמועסן געמיטלעך צווישן זיך. פון זייערע קערפּערס טראָגט זיך אַ ריח פון קילקייט און געזאַלצנקייט.

מ׳קען אויך זען אַן איינזאַמען הונט, וואָס האָט דאָ פאַרבלאָנדזשעט און האָט דאָ געפונען זיין היים, צווישן די פישערס, לעבן אַ פישער־שטיבל. ער ליגט אויסגעצויגן מיט די פאָדערשטע לאַפּעס, האַלט דעם קאָפּ פאַרוואָרפן, ער קוקט פויל און פלעגמאַטיש, ער ווייס, אַז ער איז דאָ איבעריק, ער האָט דאָ נישט וואָס צום היטן, אויף וועמען צו בילן. ס׳גייען פאַרביי מענטשן מיט אַלערליי ריחות, און זיי רופן נישט אַרויס זיין אויפמערקזאַמקייט, ער איז גלייכגילטיק. ער ליגט אַ שווייגנדיקער האַלט האַלב צוגעמאַכט די אויגן און דרימלט פון לאַנגווייליקייט און אַלטקייט. ער פילט זיך געפאַלן, דערשלאָגן, און לעבט נאָר מיט די דערינערונגען פון אַמאָל. און ער איז דאַנקבאַר וואָס מ׳טרייבט אים נישט פון דאַנען, און ער האָט געפונען אַ מקום מנוחה.

פאַר נאַכט, אַז ס׳ווערט טונקל, גרייטן זיך די פישערס אַרויסצופאָרן מיט די שיפלעך צו פאַרוואַרפן די נעצן אין ים, ווייט פון ברעג. זיי טוען זייער אַרבעט לאַנגזאַם און געלאַסן. זיי ווייסן, אַז זיי האָבן זיך נישט צו איילן. דער פישפאַנג איז ווי ס׳גיט זיך איין, אַ מאָל איז פאַראַן אַ שפע,

פולע נעצן, און אַ סך מאָל טרעפט, אַז מ'ציט אַרויס די נעצן האַלב ליידיקע, און ס'איז נישט כדאי די גאַנצע אַרבעט.

ווען די נעצן זענען פאַרוואָרפן, פאָרן זיי צוריק צום ברעג, און הויבן אָן ציען פאַר די לאַנגע שטריק, וואָס הענגען נאָך פוןביידע זייטן, און גייען לאַנגזאַם הינטער זיך. זייערע קערפּערס זענען פאַרברוינטע פון דער זון, פון דער פרישער ים־לופט. זיי זעען אויס אין טונקעלן בין־השמשות ווי מיסטעריעזע סילועטן וואָלטן זיך באַוועגט איבערן זאַמד, גייען הינטער זיך מיט שטילע טריט, גרייטן זיך אויסצופירן אַ געהיימנישפולע שליחות.

ווען ס'גיט זיך איין און די פישערס ציִען אַרויס אַ פולע נעץ, דאַן ווערט דער טונקעלער אַרום באַלויכטן מיט אַ העלער שיין, דאָס איז דער זילבערנער אָפּגלאַנץ פון די הויפּנס פיש, וואָס שימערירן און לייכטן מיט זייער פּאָספאָרדיקן גלאַנץ, אין טונקעלן פאַרנאַכט.

די שטאַרקערע פיש, ווען זיי דערשפּירן די סכנה, וואָס לויערט אויף זיי, זוכן צו אַנטלויפן, שפּרינגען אַרויס פון דער נעץ צוריק אין ים.

די שוואַכערע בלייבן ליגן מאַכטלאָז מיט אָפענע מײַלער און אַרויס־שטאַרצנדיקע אויגן, וואָס גיבן איבער זייערעליידן, זייערע גסיסה־יסורים. און ס'זעט אויס ווי זייערע פאַרשטאַרטע בליקן וואָלטן געקוקט מיט בענקשאַפט און צער צום אָפענעם ים, זייער געוועזענע היים.

פאַראַן פישערס, וואָס האָבן ליב צו פאַרוואָרפן די נעצן באַלד פון באַגינען, דאַן שפּירן זיי די קילע ים־לופט, וואָס גלעט און לאַשטשעט זייערע האַלב נאַקעטע קערפּערס, זייערע פּנימער. דער פּייכטער זאַמד קילט זייערע טריט. זיי פילן זיך פריש, מונטער, דער גערויש פון ים קלינגט אָפּ אין דעם שטילן באַגינען ווי אַ מעכטיק געזאַנג, וואָס קומט פון די ווייטע טיפענישן, און אָטעמט מיט גבורה און פרייד..

ווען די ערשטע זונשטראַלן הויבן אָן אויפשײַנען אין האָריזאָנט, ווערן די נעפּלען צערונען, דער ים־אויבערפלאַך באַקומט אַ זילבערנעם אָפּגלאַנץ, און דער גאַנצער אַרום ווערט דורכגענומען מיט אַ פאַרוויגנדיקער שלווה, מיט דערוואַרטונג פון אָנקומענדיקן טאָג.

די פישערס פילן זיך לעבן ברעג ים פריי, זעלבשטענדיק, זענען

נישט אונטערגעוואָרפֿן אונטער קיינעמס יאָך. זענען ווייט פֿון שטאָט מיט איר טומל און געררודער, מיט אַלע אירע פּלאָנטערנישן, וואָס באַלאַסטן דעם מענטש, וואָס ווערט געבונדן און געפּענטעט.

דאָ, אונטערן פֿרייען הימל, לעבן אָפּענעם ים און דעם ווייטן כּישופֿדיקן האָריזאָנט, פֿאַרגעסן זיי אין אַלץ. זייערע אַלע רעיונות זענען פֿאַרטאָן וועגן צוגרייטן זיך צום פּישפּאַנג.

די בת־יחידה

מאַוריסיאָ גרויסמאַן איז אַן אָנגעזעענער מענטש, אַ גוטשטייענדיקער פאַבריקאַנט, וואָס איז באַוווסט אין אַלע סוחרישע קרייזן, צווישן די גרעסטע פירמעס פון שטאָט. אויך די בענק נעמען אויף זיינע טשעקן, וועקסלען און אָנווייזונגען מיט גרויס רעספּעקט, ווייסן, אַז זיין אונטער־שריפט איז געזיכערט.

די גרויסע פאַבריק זיינע, וואָס אַרבעט אַ גאַנצן מעת־לעת, דריי שיכטן, איז אַזוי מעכאַניזירט, אַז אַלץ קלאַפּט ווי אַ זייגער, ווי אַ פּינקטלעך אויסגערעכנטע מאַשין. ער קען דעריבער ליפערן צו דער צייט די באַשטעלונגען. דאָס אַלץ האָט אים געשאַפן אַ גוטן נאָמען. די ראַיעלע נאָכקאָנטראָלירטע סחורות, די פיינע אויסאַרבעטונגען, ווערן געפאָדערט אומעטום, האָבן אַ שם אין דער גאַנצער רעפּובליק.

די פאַבריק פאַרגרעסערט זיך כסדר. ער ברענגט אַלע מאָל אַראָפּ פון אויסלאַנד נייע מאָדערנע מאַשינען, וואָס שאַפן אַליין די מוסטערן, די צייכענונגען, ווי אַן עלעקטראָנישער מוח וואָלט דאָרט אינעווייניק צווישן די רעדעלעך, ציינדעלעך און שרייפעלעך אויסגעקאָמבינירט די מוסטערן און אוזאָרן. די סחורות ווערן דעריבער צעכאַפּט, אויספאַרקויפט איידער זיי ווערן אויסגעפאַרטיקט.

די פאַבריק אַליין איז אויך געבויט מיטן גאַנצן קאָמפאָרט, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, כדי די פּראָדוקציע זאָל נישט ליידן פון קיין שום שטערונגען, עס זאָלן זיך נישט שאַפן קיין זייטיקע מניעות. גרויסע ריזיקע פענצטער פאַרנעמען די גאַנצע וואַנט פון וואַנט ס׳שטראָמט אַריין זון, לופט און ליכט. אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט מיט הויך־רעדערס צעטראָגן איבער דער פאַבריק אַמוזירנדיקע מוזיק, וואָס רופט אַרויס ביי די אַרבעטער מער רירעוודיקייט, זיי באַוועגן זיך פלינקער, אַרבעטן שנעלער.

מאַוריסיאָ גרויסמאַן גיט אַכטונג מען זאָל שפּילן פרײלעכע מאָטיוון, ריטמישע מאַרשן. ס׳זעט אים אויס, אַז סײ די אַרבעטער, סײ די מאַשינען, באַוועגן זיך שנעלער, געשווינדער, האַלטן מיט דעם ריטעם פון דער מיטרײסנדיקער מוזיק.

ביים אַרײנגאַנג, צוגעפעסטיקט צו דער וואַנט, שטייט אַן עלעקטרי־שער זייגער, וואָס קאָנטראָלירט יעדן אַרבעטערס קומען און אַוועקגיין. אויף זיין קאַרטל ווערט אויטאָמאַטיש געניי פאַרצייכנט די דאַטע, און די שעה ווען ער קומט און ווען ער גייט אַוועק. און יעדעס מאָל ווען ער גייט פאַרביי לעבן אַפּאַראַט, טוט אים אַ געוואַלדיקע הנאה. ער קוקט אויפן עלעקטרישן זייגער, אויף די קאַרטלעך מיט די אויסגעשטעלטע נעמען פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, און טראַכט בשעת מעשה, אַז די טעכניק גייט אַלע מאָל פאָרויס. די נייע מאַשינען, די מאָדערנע אַפּאַראַטן און דערפינדונגען פאַרגרינגערן דעם מענטשנס לעבן.

איידער ער האָט זיך איינגעשאַפט דעם עלעקטרישן זייגער, האָט ער געהאַט אויסצושטיין אַ סך קאָפּדרייעניש און פאַרדרוסן. די אַרבעטער זענען קיין מאָל נישט געקומען צו דער צייט, פלעגן אָנגעבן פוילע תירוצים: קראַנק, פאַרשלאָפן, פאַרשפּעטיקט דעם אָמניבוס, דאָס ווייב איז געלעגן געוואָרן. ביים אויסצאָלן די געהאַלטן, פלעגן זיין סקאַנדאַלן, ער פלעגט זיי ווען אָנלערנען... זיי זאָלן נישט מאַכן קיין פוילע שטיק, זיי זאָלן וויסן אויף אַ צווייט מאָל, זיי זאָלן אים נישט קריכן אויפן קאָפּ... פלעגט ער זיי אַראָפּרעכענען, דעם צען מינוט, דעם אַ פערטל שעה, אַן אַנדערן אַ שעה, און אין סך־הכל פלעגט זיך אָנקלייבן אַ היפּשע סומע. „ביי מיר אין פאַבריק מוז אַלץ קלאַפּן ווי אַ זייגער, עס מוז זיין דיסציפּלין, פּינקט־לעכקייט... און כ׳האָב זיך שוין אויסגעשלאָגן די הוצאות, די גרויסע סומעס געלט, וואָס עס האָבן מיך געקאָסט די מאָדערנע אַפּאַראַטן״, — האָט ער ליב געהאַט זיך צו באַרימען פאַר זיינע פריינד.

די אַרבעטער פלעגן פאַרבייסן די ליפּן פאַר כעס און פאַרדרוס, וואָס מען מאַכט אַ תל פון זייערע שכירות. צונעמען דעם קאָנווערט מיטן פאַר־קירצטן לוין און אַוועקגיין וואָרטשנדיק אויפגעבראַכט, בייז און אומצופרידן.

ער האָט אויך געהאַט אויסצושטיין פון די אַרבעטער, וואָס פלעגן אַרויספירן פאַרשיידענע געצייג און מכשירים. מ׳האָט זיך אַרומגעזען דער־נאָך, אַז עס פעלן גאַנצע טיילן פון מאַשינען, דאָס האָט אים פאַרשאַפט גרויס זאָרג און עגמת־נפש. ער האָט אַראָפּגעבראַכט אַ נייעם אַפּאַראַט, וואָס איז געווען פאַרזען מיט אַ שטאַרקן מאַגנעט, און אַז עמיצער האָט דורכגעפירט אַ שטיקל מעטאַל, האָט דער אַפּאַראַט אויסגעקלונגען אַן אַליאַרם־סיגנאַל, ווי ער זאָל וואָרענען פון אַ געפאַר... די אַרבעטער פלעגן ווערן רויט, צעטומלט. די ערשטע צייטן, ווען מ׳האָט זיי געכאַפּט ביי דער האַנט, פלעגן זיי אַליין אַרויסשלעפּן פון די קעשענעס די מעטאַלענע טיילן, די שטיקער געצייג, אַרויסלויפן פון פאַבריק ווי אָפּגעשמיסענע, צעטומלטע און פאַרשעמטע.

אַנדערע האָבן געוואָלט איבערקליגן ביים אַרויספירן ווערטפולע זאַכן און כדי נישט אַדורכגיין דעם הויפּט־אַריינגאַנג, ווו ס׳געפינט זיך דער אויטאָמאַטישער קאָנטראָל־אַפּאַראַט, פלעגן זיי זיך אַליין צעקאַליעטשען, זיך מאַכן כלומרשט אַ וווּנד, און לויפן געשווינד אין צימערל פון דער גיכער הילף, כדי זיי זאָלן קענען אַרויסגיין דורך אַ הינטערטיר.

ער האָט זיך געכאַפּט אויפן שפּיצל, און אַז ער האָט נאָר געהאַט אַ פאַרדאַכט, און באַמערקט אַן אַרבעטער שנעל לויפן אין סאַניטאַר־צימערל, האָט ער גלייך מיטגעשיקט אַן אויפזעער, וואָס האָט דעם פאַר־וווּנדעטן רעווידירט, באַטאַפּט, און אַ סך מאָל אַרויסגעשלעפּט ביי זיי פאַרשטעקטע ווערטפולע טיילן פון מאַשינען און געצייג.

די אויטאָמאַטישע קאָנטראָל־אַפּאַראַטן האָבן צוגענומען ביי אים אַ סך קאָפּ־דרייעניש, האָבן אים אויסגעמיטן פיל ערגערנישן. שטענדיק ביים קומען און אַוועקגיין פון די אַרבעטער, איז ער געווען נערוועז, אָנגע־שטרענגט, איבערגעקלערט, פאַרשנדיק זיי נאָכגעקוקט, זיך אויפגערעגט מיט זיי ביים אויסצאָלן די געהאַלטן. מיטן אַריינבאַקומען די זייגערס, איז אַלץ פאַרשוווּנדן ווי דורך אַ כישוף.

ביים אַריינגאַנג, האָט ער זיך אַ סך מאָל אָפּגעשטעלט און געקוקט שמייכלענדיק, מיט צופרידנקייט באַוווּנדערט זייער מעכאַניזם, זייער אוי־

טאָמאַטישע פּינקטלעכקייט, און געטראַכט בשעת מעשה, אַז דער, וואָס האָט דאָס דערפֿונדן, האָט געמוזט זיין אַ גרויסער קאָפּ־מענטש, אַ געניע, און אַ סך מאָל אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער זיי, ווי מ׳גלעט צערטלעך אַ געטריי פֿאָלגעוודיק קינד.

מיטן פֿאַרגרעסערן זיך פֿון דער פֿאַבריק, זעט ער זיך צו באַפֿרייען ביסלעכווייז פֿון די פֿליכטן. נעמט ער צו מערער מענטשן, אָנגעשטעלטע. עס שטייט אים נישט אָן און עס פּאַסט אים שוין נישט, אים דעם אָנגע־זעענעם פֿאַבריקאַנט, זיך פֿאַרנעמען מיט די אַרבעטער, האָבן צו טאָן מיט זיי. ער בלייבט נאָר אין ביורא, זיצט ברייטלעך אין ווייכן פֿאָטעל, קוקט אַריין אין די ביכער, גיט אַרויס באַפֿעלן, פֿאַראָרדענונגען, פֿילט זיך חשובער ווי אַרומדרייענדיק זיך אין פֿאַבריק צווישן די אַרבעטער. די אָנגעשטעלטע פֿון ביוראָ טראָגן אים אונטער מיט הכנעה אונטערצושרייבן די טשעקן, וועקסלען און ווערטפּאַפּירן.

ער בייט אַלע טאָג די מלבושים. די נעגל פֿון זיינע הענט זענען מאַניקירט. ער טראָגט שטענדיק אַ ווייס אויבערהעמד מיט אַ שרייאיקן קראַוואַט, פֿון וועלכן ס׳פֿינקלט אַרויס אַ ברילִיאַנטענע שפּילקע, וואָס בליצט מיט רעגנבויגנדיקע קאָלירן, באַשיינט זיין אויסגעקעכלט געזיכט.

אָוונטצייט פֿאָרט ער אַהיים. ער שמייכלט צו זיך אַליין פֿון צופֿרידנ־קייט, דערמאָנט זיך אין די פֿריערדיקע שווערע יאָרן ווי ער מיטן וויב זענען געשטאַנען אַליין ביי די האַנטמאַשינען, ביי די שפּולמאַשינען און אַריינגעהאָרעוועט ביז שפּעט אין דער נאַכט, קיין מאָל נישט געוווּסט פֿון קיין רו, פֿון קיין שבת און יום־טוב. זיך אַרויסגעטאָן פֿון אַלץ און אַלעמען, געלעבט נאָר מיט דער פֿאַבריק, מיט די מוסטערן, מיט די באַשטעלונגען.

די מאַשינען, וואָס האָבן געוועבט די באַלן סחורות, וואָלענע מלבושים, געמוסטערטע סוועדערס, האָבן אַ גאַנצן טאָג געררוישט מיט אַ ריטמיש מאָנאָטאָנעם געזאַנג, און ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די מאַשינען שפּילן אויס פֿאַר אים לאָקנדיקע געזאַנגען, וואָס פֿאַרוויגן אים, רוימען אים איין צוזאָגנדיקע גליקן, דערמאָנען אים נאָך אַנאַנד, אַז מיטן אַריינ־אַרבעטן אין די שפּעטע אָוונט־שעהן, אַז מיטן כסדרדיקן גאַנג פֿון די

מאַשינען, ווערט זיין קאַפּיטאַל פאַרגרעסערט, ס׳שטייגט זיין אָנזען, זיין חשיבות.

היינט גייט שוין די פאַבריק אַליין. ער דאַרף נאָר אַכטונג געבן, האַלטן די קאָנטראָל. און אַז ער שליסט די פאַבריק, וואַרט שוין אויף אים נעבן טיר אַ לוקסוסדיקער קאַדילאַק. ער זעצט זיך אַריין אין אים מיט אַ חשיבותדיקער ברייטקייט. אַ שטיל געוויש זינגט אַרויס פון מאָטאָר. ער גליטשט זיך מאַיעסטעטיש איבערן גלאַטן אַספאַלט, האָט אויך נישט קיין מורא פאַר די גריבער, וואָס מען טרעפט איבערן צע־שעדיקטן ברוק. דער קאַדילאַק איז פאַרזען מיט אַ ספּעציעלן מעכאַניזם, וואָס גיט זיך נאָך מיט אַן עלאַסטישער בויגעוודיקייט, אַז די, וואָס פאָרן אין אים, זאָלן נישט פילן דעם מינדעסטן טרייסל.

מאָוריסיאָ גרויסמאַן איז אָפט מאָל פאַרבעטן אויף שמחות, אויף חתונות ביי פריינד, משפחה, לאַנדסלייט, און אַז ער זעט, אַז זיינע באַ־קאַנטע פאַרשולדיקן זיך איבערן האַלדז, שטרענגען זיך אָן פיל מער ווי זייערע מעגלעכקייטן, כדי אַלץ זאָל זיין מיטן גאַנצן פאַרנעם, פון שענסטן און בעסטן, דאַן פאַרטראַכט ער זיך וועגן זיין טאָכטער, זיין בת־יחידה זשודיט, וואָס איז שוין אַ כלה־מיידל, שטייט אין שידוכים, און ער באַשליסט, אַז צו איר חתונה וועט ער אַראָפּנעמען די האַנט פון האַרצן, אַלץ וועט זיין פון טייערסטן, פון בעסטן און לוקסוסדיקן, זאָל עס פאַרכאַפּן אַלעמענעס בליקן און ער באַשליסט פריער איבעררעדן מיטן ווייב, זי איז מער באַהאַוונט אין די ענינים.

אָוונטצייט זיצןביידע אין ליכטיקן עסזאַל און שמועסן געמיטלעך, ווי אַזוי זיי זאָלן צוגרייטן דער טאָכטערס אויסשטייער. ביידע באַשליסן איינשטימיק: — מ׳זאָל פריער קויפן אַן אַפּאַרטאַמענט, און דערנאָך אָנהויבן איינקויפן דאָס מעבל, די שטובזאַכן, קליידער און געשיר, די גאַנצע ווירטשאַפט.

דער געקויפטער אַפּאַרטאַמענט איז געוואָרן לוקסוסדיק אויסגעשטאַט, מיט געשמאַק און עלעגאַנץ, ווי מאָוריסיאָ גרויסמאַן האָט אָנגעזאָגט, מ׳זאָל נישט קאַרגן, זשאַלעווען קיין געלט.

אין אַ פרייען מאָמענט כאַפּט ער זיך אַריין אין אַפּאַרטאַמענט, קוועלט אָן פון דער לוקסוסדיקער אויסשטאַטונג, פון די ליכטיק געראַמיגע צימערן, פון דעם שפּיגלדיקן מעבל, וואָס פאַרכאַפּט דאָס אויג. דאָס קריסטאַלענע געשיר פינקלט אַרויס פון די גלעזערנע שענקלעך, עס שיינען די אַראָפּהענ־גענדיקע בלישטשנדיקע לאָמפּן. ער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, ווײַל זיך פאַרשטעלן אין געדאַנק דאָס רײַכע חופּה־קלייד, וואָס ער וועט קויפן, ווען זײַן טאָכטער וועט אין אַ מזלדיקער שעה ווערן אַ כּלה, ווי אַזוי זײַן טאָכטער וועט אויסזען אין פּרעכטיקן חופּה־קלייד, דער גרויסער זאַל וועט זײַן באַגאָסן מיט ליכט, די געסט וועלן זי באַוווּנדערן, בלײַבן פאַר־חידושט. פילם־אַפּאַראַטן וועלן זײַן אָנגעשטעלט אַראָפּצוכאַפּן יעדן ריר, פּאָזע און באַוועגונג, און ווי זיי וועלן גיין מיט געמאָסטענע געציילטע טריט, פירן די טאָכטער צו דער חופּה.

☆

זשודיט, דאָס צעפּיעשטשעטע אויסגעקעכלטע מיידל, די בת־יחידה, איז נישט געווען צופרידן מיט איר באַקוועם לעבן אין דעם רײַכן לוק־סוסדיקן הויז. אַלץ, וואָס זי פאַרלאַנגט, קומט איר אָן גרינג. וואָס זי רעדט אַרויס ווערט גלײַך דערפילט, אונטערגעטראָגן. זי האָט נישט קיינע פליכטן, קיין דאגות, קיין שום עול. שטייט אויף שפּעט אין די פרימאָרגנס, און גייט אַרום און גענעצט, נודזשעט זיך, פילט זיך לאַנגווײַליק. אַפילו דאָס לערנען פּיאַנאָ פאַרשאַפט איר נישט קיין גענוס, זי שפּילט, וואָס זי דאַרף אויסלערנען צו די עקזאַמענס, אָן חשק, אָן געפיל. אירע לאַנגע פינגער באַוועגן זיך מעכאַניש אויף די קלאַווישן. טאַטע־מאַמעס צושטיין צו איר זי זאָל לערנען, חזרן די לעקציעס, זיך צוגרייטן צו די עקזאַמענס, רופן אַרויס בײַ איר אַ קעגן־געפיל, זי פילט זיך בכלל נישט געבונדן מיט קיין זאַך, האָט נישט קיין פליכטן, סײַ ווי סײַ וועט זי בײַ די עקזאַמענס באַקומען די בעסטע אויסצייכענונגען, אַלע שילערינס באַקומען מערסטן טייל גוטע נאָטעס, און זי געפינט נישט פאַר נייטיק זיך אָנצושטרענגען, לערנען, שטודירן.

זשודיט, דאָס צעפּיעשטשעטע מיידל, איז מיט אַ מאָל געוואָרן פאַר־ענדערט. פון זינט זי האָט זיך באַקענט מיט אַ יוגנט־גרופּע איז זי געוואָרן אַנדערש. די לאַנגווייליקייט איז פון איר פאַרשוווּנדן. זי איז געוואָרן ערנסטער, פאַרטראַכטער, זי איז זייער אָפט נישטאָ אין דער היים, און אַז זי קומט, ברענגט זי מיט זיך ביכער, בראָשורן, אין וועלכע זי פאַר־טיפט זיך, לייענט כסדר, ווי זי וואָלט וועלן עפּעס אָניאָגן פאַר דער גאַנצער צייט.

דאָס מיידל האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן קריטיקירן די עלטערן, פאַר וואָס זיי האָבן זיך דערווייטערט פון יידישקייט, פון יידישער טראַדיציע און מנהגים. פאַר וואָס זיי פייערן נישט קיין יידישע יום־טובים... און אַז די מוטער קוקט אויף איר מאָדנע, ווי זי וואָלט זי נישט דערקענט און זאָגט איר מיט אַ פאָרוווּרף: „זשודיט, וואָס איז מיט דיר געוואָרן? איך האָב קיין מאָל נישט געהערט פון דיר אַזעלכע טענות״, ענטפערט אָפּ דאָס מיידל: „כ׳וועל דיך בעטן, מאַמע, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָלסטו נישט פאַרציען מיין נאָמען, כ׳וויל איר זאָלט מיר רופן יהודית, עס איז מיר אַ סך ליבער, נאָענטער...״

טאַטע־מאַמע שאָקלען מיט די קעפּ, ווונדערן זיך אויף דער פאַר־ענדערטער אויפפירונג פון זייער טאָכטער, זיי רעדן איר אויס, וואָס זי פאַרנאַכלעסיקט די לעקציעס פון פּיאַנע, פאַר וואָס מ׳זעט זי ווייניק אין דער היים, מ׳קען מיט איר נישט אויסרעדן קיין וואָרט, זי איז שטענדיק פאַרנומען, אָדער פאַרטיפט אין לייענען, און האָט קיין מאָל קיין צייט נישט. זיי גיבן איר אָנצוהערן, אַז זי איז שוין אַ כלה־מיידל, און דאַרף זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ אַלע אַנדערע געדאַנקען... דאַרף וויסן און פאַרשטיין, אַז היינט מאָרגן וועט זי חתונה האָבן און וועט פאַרגעסן אין אַלע נאַרישקייטן. און אַז זי דאַרף פאַרשאַפן אַ ביסל פרייד טאַטע־מאַמע.

אַז עס איז אַריבער אַ לענגערע צייט און דאָס מיידל האָט נישט געלייגט קיין אַכט צו זייערע רייד, זיך נישט צוגעהערט צו זייערע טענות און פאָרוווּרפן, האָבן טאַטע־מאַמע זיך אָנגעהויבן צוקוקן מיט שרעק און פאַרזאָרגטקייט צו זייער טאָכטער. געוואָרן באַאומרויִקט פון איר עקשנות,

פון איר טראַציקייט, איר וועלן איבערצייגן, אַז זי איז גערעכט, און אַז זי גייט אויפן ריכטיקן וועג. איר נייע אויפפירונג האָט זיי באַאומרויִקט, געשראָקן, זיי פאַרויסגעזאָגט אומאָנגענעמע סיורפּריזן און געשעענישן.

☆

נאָך דעם ווי די טאָכטער האָט געמאָלדן איר פעסטן באַשלוס צו פאָרן קיין ישראל אין אַ קיבוץ, און אַז זי וועט אַריינגיין זיך צוגרייטן אויף דער הכשרה, זענען טאַטע־מאַמע אַרומגעגאַנגען צעקלעמט, האָבן זיך קיין אָרט נישט געפונען אין דער גערוימער שטוב, אין די ליכטיקע גרויסע צימערן, און האָבן זיך בשום אופן נישט געוואָלט גלויבן, נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דאָס ציטערדיקע קינד, די בת־יחידה זייערע, וואָס ביידע האָבן אַזוי ליב געהאַט, געציטערט און געפלאַטערט איבער איר, שטענדיק איר אַלץ נאָכגעגעבן, — זאָל מיט אַ מאָל נעמען און זיי פאַר־לאָזן, איבערלאָזן זיי אַליין און אַוועקפאָרן ערגעץ אין אַ קיבוץ. די מוטער האָט נישט געוואָלט גלויבן, אַז די טאָכטער זאָל זיך מיט אַ מאָל וועלן שיידן פון זיי, נישט מיטפילן זייער צער, זייערע ליידן.

מאַוריסיאָ גרויסמאַנען האָט די ידיעה אין גאַנצן פאַרטשמעליעט, דערשלאָגן. אַ נאָגנדיקער אומרו און אַ טיפער פאַרדרוס האָט זיך געטראָגן פון זיינע זשעסטן און באַוועגונגען.

די אַרבעטער, די אָנגעשטעלטע, די סוחרים, וואַיאַזשאָרן און קונים, האָבן אים נישט דערקענט, ער איז געוואָרן צעטראָגן, פאַרטראַכט, פאַר־דימיונט, אַ סך מאָל נישט באַנומען וואָס מ׳רעדט צו אים, אָדער ער האָט נישט געענטפערט אין גאַנצן, ווען זיי האָבן זיך געווענדעט צו אים. זיין שטענדיק צופרידן פּנים איז איצט געוואָרן פאַרדאגהט, מיט אַ טיפער זאָרג, וואָס נאָיעט נאָך אַנאַנד. אַלץ האָט אים איצט אויסגעזען איבעריק, נוצלאָז. זיינע שטענדיקע שפּאַסן, זיין אויפגעלייגטקייט, האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים. ער האָט געטריבן פון זיך די קונים, אויפגענומען אומגעדולדיק די סוחרים, אַגענטן, געענטפערט גראָב די אַרבעטער, ווי ער זאָל וועלן וואָס גיכער אָפּפּטרן און זיך באַפרייען.

פון שטוב האָבן אים געטריבן דער ווייבס זיפצן און קרעכצן, איר פאַרוויינט פּנים. ער פלעגט אויסלאָזן זיין האַרץ צו דער טאָכטער, אויס־רעדן איר, אַז זי האָט נישט קיין סענטימענטן צו דער היים... צו טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן שטענדיק געזאָרגט וועגן איר... זי געוואָרנט, אַז צוליב איר אַוועקפאָרן קען נאָך די מאַמע קראַנק ווערן... ער פלעגט זיך אויפ־רעגן, אַרויסגעזאָגט שאַרפע דראָענדיקע ווערטער אָן אַ זין, זיך געשעמט דערנאָך פאַר זיך אַליין, חרטה געהאַט, מורא געהאַט, אַז דער שאַרפער איבעררייד וועט אַרויסרופן ביי איר אַ קעגן־געפיל. זי וועט נאָך ווערן מער דערווייטערט פון זיי...

די רויִק אויפגערוימטע שטוב, די געמיטלעכע היים, ווו מ׳האָט קיין מאָל נישט געהערט קיין הויך קול, איז איצט פול געוועזן מיט קריגערייען, פאַרווורפן און באַשולדיקונגען. דאָס האָט אים געטריבן פון שטוב. ער פלעגט אַנטלויפן אין פאַבריק. ביים אַריינקומען אינעווייניק, פאַרגעסט ער אין אַלץ, דאָס וואַרטן אויף אים, אויף זיינע אונטערשריפטן, פאַר־אָרדענונגען, באַשלוסן, ציט אים אָפּ פון זיין געשפּאַנטקייט, צעשטרייט אים אַ ווײַלע. ער ווערט האָפערדיק דערהויבן פון דעם אַרום... ס׳טוט אים הנאה, וואָס דאָ באַוועגט זיך אַלץ דורך אים... זיין וואָרט איז דאָ אַ געזעץ... זיין מאַכט איז אומבאַגרענעצט, קיינער וואַגט נישט קעגנ־שטעלן זיך זיין באַשלוס, אַלץ איז געהאָרכזאַם צו זיין באַפעל...

נאָכן אונטערזיין אַ קורצע צייט אין פאַבריק באַפאַלן אים ווידער די שווערע מאַטערנדיקע רעיונות. ווי זיי וואָלטן אים געגעבן אַ קורצע אָפּרו־פויזע, כדי אים ווידער צו אַטאַקירן. עס טויכט אויף פאַר אים דאָס וויינענדיקע פּנים פון זיין פרוי, ער זעט זיין טאָכטער, וואָס האַלט אין איין דיסקוטירן, דערווידערן, וואָס ענטפערט אים אָפּ טראָציק, קידער ווידערדיק, וויל איבערצייגן, אַז זי איז גערעכט... און מיידט אויס לעצטנס צו זיין אין דער היים, ווי זי זאָל וועלן ביסלעכווייז זיך דערווייטערן פון זיי... זיי זאָלן זיך ביסלעכווייז צוגעוווינען.

עס זעט אים אויס, אַז דער טאָכטערס אומזיניקער באַשלוס האָט זיך אַריינגעריסן אין זייער שטילער היים ווי אַ שטורעם, וואָס האָט איבער־

געקערט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ, צעשטערט אַלע זיינע פּלענער און אויס־רעכענונגען. אַלע אירע טענות און אַרגומענטן זעען אים אויס לעכערלעך און אומזיניק... אַ געדאַנק טאַרעט אים, אַז ער טאָר נישט זיצן מיט פאַר־לייגטע הענט, ער מוז עפּעס זען טאָן איידער עס וועט שפּעט.

ער פאַרלאָזט איילִיק די פאַבריק, פאָרט שנעל אַ היים, ער קומט אַריין אין שטוב, דרייט זיך אַ שווייגעדיקער מיט שווערע אומרויקע טריט איבערן צימער. די פרוי קוקט אים אָן צעטומלט, דערשראָקן. אירע פרעגנדיקע בליקן פאָלגן נאָך זיין אויפגערעגטקייט, זי מיידט אויס אים עפּעס צו זאָגן, זי פאַרשטייט, אַז דאָס וועט אים נאָך מער דערצערנען.

ער דערנענטערט זיך צו איר און זאָגט מיט אַ דראָענדיק קול, ווי ער זאָל וואָרנען:

— איך גיב דיר מיין ערנוואָרט, אויב זי פאָרט אויף דער הכשרה וועט מיין פוס דאָרטן קיין מאָל נישט קומען, כ׳וויל פון איר מער נישט וויסן.

און אַז דאָס מיידל האָט פאַרפאַקט אירע זאַכן אין אַ רענצל און איז אַוועקגעפאָרן אויף דער הכשרה, האָט מאָוריסיאָ גרויסמאַן באַלד חרטה געהאַט. עס האָט אים אַרומגענומען אַ בענקשאַפט נאָכן קינד, נישט געקענט שלאָפן די נעכט, איינגעדרימלט און געחלומט דערנאָך שווערע חלומות, געהאַלטן אין איין אַרויסזיפצן פון שלאָף. ער איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי און זיך אַרומגעדרייט ווי אַ פרעמדער איבער דער שטוב, געקוקט מיט פאַרדרוס אויף דער פיאַנע, וואָס איז געשטאַנען אַ פאַרשלאָסענע, אַ פאַר־לאָזענע, געטראַכט וועגן אַפּאַרטאַמענט מיטן שיינעם מעבל, וואָס ער האָט איינגעקויפט פאַר דער טאָכטער, און נישט געהאַט קיין חשק צו גיין אין פאַבריק.

ער האָט געבראָכן זיין וואָרט, אויפגעוועקט זיין פרוי און איר געזאָגט, אַז ער וויל פאָרן צו דער טאָכטער, אַז ער בענקט נאָכן קינד... און אַז זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל, האָט ער זיך באַמיט צו טרייבן מיט דער גאַנצער שנעלקייט, זיך געאיילט אָנצוקומען וואָס גיכער ווי ער וואָלט מורא געהאַט עפּעס צו פאַרשפּעטיקן.

ער האָט געטראָפן די טאָכטער אָנגעטאָן אין אַרבעטס־מלבושים, אין אַ פּאָר אויסגעקרימטע טשאַפּעטעס אויף די פיס, זי האָט געטשאַפּעט איבער די בלאָטעס און אַנטקעגנגעלאָפן זיי מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס.

— נו, וואָס טוסטו דאָ? דו וואַשסט וועש און גראָבסט די ערד — האָט מאַוריסיאָ גרויסמאַן פּרובירט חוזק פון איר הילוך, פון איר הלבשה, געוואָלט צולויפן צו איר זי אַרומנעמען און זיך אָפּגעהאַלטן...

זי האָט זיי אָנגענומען פאַר די הענט, אַרויסגעפירט אויף אַ פריי פעלד, וואָס איז געווען פריש צעאַקערט און געוויזן:

— דאָס איז אונדזער אייגנס, דאָס האָבן מיר אַליין באַאַרבעט — האָט זי געזאָגט מיט אַ שיינענדיק פּנים. זי האָט זיי אויך געפירט וויזן דעם גאָרטן, די אויפגעגאַנגענע צעבליטע גרינסן.

אַרום און אַרום איז געווען רויִק שטיל. אַ שלווהדיקע בלויקייט האָט זיך געשפּרייט איבערן פרייען פעלד. לינדע ווינטלעך האָבן געלאַשטשעט, געגלעט און באַרויִקט, און וואַרעמע יערנדיקע ריחות זענען אויפגעגאַנגען פון דער צעאַקערטער ערד, פון די אָנגענומענע זריעות, און אַ דערפרישנ־דיקע קילקייט, וואָס איז געקומען פון די צעבליטע גרינסן, האָט זיך געשפּרייט אין לויטערן חלל. די גרינקייט פון אַרום האָט געקילט דאָס געמיט.

מאַוריסיאָ גרויסמאַן איז אַרומגעגאַנגען און באַטראַכט די ווירטשאַפט, געפּאָרשט, נאָכגעקוקט און געקרימט מיט דער נאָז, באַדויערט וואָס זיין טאָכטער ווערט אַזוי פאַרשוואַרצט, וווינט אין אַן ענג צימערל מיט אַ בלעכענעם דאַך, האָט באַקומען אַ פּאָר געשוואָלענע שאָרסקעוואַטע הענט מיט פּעמפּעלעס, טוט שווערע אַרבעט און... איז צופרידן. אין דער היים וואַרט אויף איר איר צימער מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, און דער לוקסוס־דיק אויסגעשטאַטער אַפּאַרטאַמענט שטייט און פוסטעוועט...

ער האָט זיך געזעגנט קאַלט מיט דער טאָכטער, און האָט זיך אַריינ־געזעצט מיט כעס אין אויטאָ, געדריקט שטאַרק דאָס נאַפּטערדל, געפּייפט מיט דער טרובע, ווי ער זאָל וועלן אַלעמען איבעריאָגן, אַנטלויפן וואָס גיכער. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַלע ווייזן אָן אויף אים, טײַטלען

מיט די פינגער: אָט פאַרט דער גרויסער פאַבריקאַנט מאַוריסיאַ גרויסמאַן, וואָס זיין איין און איינציקע טאָכטער האָט אים פאַרלאָזן... האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין גאַנצן רייכטום און וויל אַנטלויפן פון דער היים.

די פרוי איז געזעסן נעבן אים און געשוויגן. געווען פאַרטראַכט, דער טאָכטערס פריילעכקייט און צופרידנקייט, איר שיינענדיק געזיכט, האָט איר באַוויגן נאָכצודענקען...

— נו, וואָס שווייגסטו די גאַנצע צייט? רעדסט גאָר נישט אויס קיין וואָרט, — האָט דער מאַן איר פאָרגעוואָרפן.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן — האָט די פרוי זיך אָנגערופן — איך טראַכט, אַז אפשר פאַרשטייען מיר נישט אונדזער קינד. מעגלעך, אַז מיר דאַרפן איר נישט שטערן, זי איז נישט אין גאַנצן אומגערעכט... אפשר איז איר גליק דאָרטן, אין קיבוץ, — האָט די פרוי געזאָגט מיט אַ שטיל פאַרטראַכט קול.

— דאָס איז ביי דיר אַ גליק? — איז ער אויפגעשפרונגען פון כעס — אַ וואַזשנער גליק, אַרומגיין מיט צעריסענע טשאַפּעטעס, פאַרקאָדערט, פאַרשמאָדערט, מעלקן קי, אַקערן די ערד און טאָן שווערע אַרבעט.

— אַבי דאָס קינד איז צופרידן. וואָס נאָך קענען מיר ווינטשן אונדזער טאָכטער אויב נישט איר גליק? — האָט די פרוי זי פאַרטיידיקט.

— וואָס הייסט, וואָס מיר קענען איר ווינטשן? — האָט ער אויסגעשריען מיט כעס — דאָס קינד איז דאָך אונדזער גאַנץ לעבן, פאַר וועמען איז אונדזער גאַנצע פּראַצע אויב נישט פאַר איר? מיר האָבן איר איינגעשאַפט דעם שענסטן אַפּאַרטאַמענט, דעם רייכסטן אויסשטייער, דאָס טייערסטע מעבל. אַלץ פון שענסטן און בעסטן! וואָס וואָלט איר געפעלט? זי וואָלט חתונה געהאַט און מיר וואָלטן דערלעבט אַ ביסל נחת און פרייד. דאַרף זי אונדז טאָן צו להכעיס, פאַרשאַפן טאַטע־מאַמע אַזוי פיל עגמת־נפש, אַזוי פיל צער...

— מיר וועלן נאָך האָבן נחת פון אונדזער טאָכטער — — האָט די פרוי פּרובירט אים איינגעמען, זעענדיק זיין אויפגערעגטקייט — נעם זיך נישט

אַזוי צום האַרצן, מאַך נישט פון דעם קיין טראַגעדיע. איבעריקנס, זאָג איך דיר, דעם אמת, אַז מיר אַליין הויבט אָן געפעלן ווערן דאָס לעבן. מ׳איז נישט אַזוי פאַריאָגט, מ׳האָט נישט אַזוי פיל קאָפּדרייעניש, און מ׳לעבט אַ סך רויִקער, נאַטירלעכער — האָט זי צוגעגעבן, אַרויסרעדנדיק די ווערטער געלאַסן און קוקנדיק אויף אים צו זען וואָס פאַראַ ווירקונג ס׳האָט אויף אים געמאַכט.

ער האָט אויסגעגלאָצט אויף איר אַ פּאָר אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן.

— אַזוי? דיר געפעלט שוין אויך דאָס לעבן אין קיבוץ? די מאַמע מיט דער טאָכטער! איצט דאַרפסטו נאָר אָנטאָן אַ פּאָר טשאָפּעטעס, אַריינגעבן דיין גאַנצע גאַרדעראָב אין קאָלעקטיוו, מאַכן „שיתוף", ווי עס הייסט ביי זיי, אַרומגיין פאַרקאָדערט און גיין אַקערן די ערד. וועסטו ווערן אַזאַ חלוצה ווי דיין טאָכטער...

די פרוי שווייגט, וויל אים נישט צוריקענטפערן. זי זעט זיין אויפ־געדרעגטקייט און וויל אים נישט פאַרשאַפן קיין צער. זיי פאָרן דעם גאַנצן וועג שווייגנדיקע אַהיים,ביידע זענען פאַרטיפט אין די רעיונות.

מאַוריסיאָ גרויסמאַן האָט איינגעלייגט וועלטן, ס׳איז אים געגאַנגען אין לעבן, אַז די טאָכטער זאָל זיך אָפּזאָגן פון איר פאַרעקשנטן געדאַנק וועגן אַוועקפאָרן אין קיבוץ. ער האָט געטראַכט אָנצונעמען פאַרשידענע מיטלען און פון אַלע פּלענער און אויסטראַכטענישן איז גאָרנישט אַרויס־געקומען. ער האָט נישט געקענט ברעכן איר עקשנות. און ביז וואָס ווען, איז די טאָכטער אַוועקגעפאָרן.

☆

ס׳איז אַריבער אַ קורצע צייט, טאַטע־מאַמע האָבן אָנגעהויבן באַקומען האַרציקע בריוו אין וועלכע זי שרייבט, אַז זי איז איבערגליקלעך, זי איז צופרידן, זי האָט ענדלעך געפונען איר ריכטיקן וועג, דערגרייכט איר אידעאַל... זי פאַרלאַנגט נאָר, אַז זיי זאָלן נישט איבערקלערן, איבער־טראַכטן, זי אַנטשולדיקט זיך פאַר פאַרשאַפן זיי אַזוי פיל פאַרדרוס און

עגמת־נפש, זי פילט זיי מיט... זי האָט אָבער אַנדערש נישט געקענט האַנדלען... און זי האַפט זיך מיט זיי אין גיכן צו זען.

און מיט אַ מאָל אַן איבערראַשנדיקער סורפּריז. די טאָכטער גיט זיי צו וויסן אַ פריילעכע בשורה: זי האָט זיך באַקאַנט אין קיבוץ מיט אַ בחור, זיי וועלן אין גיכן פראַוועזן די חתונה, און זי פאַרלאַנגט דורכויס זיי זאָלן קומען צו דער שמחה.

ביידע האָבן געהאַלטן דעם בריוו און געלייענט, געשלונגען די ווערטער, געשלונגען די טרערן, געלייענט איין מאָל, נאָך אַ מאָל, נישט מיד געוואָרן צו קוקן אויף די דראָבנינקע אותיות, וואָס האָט זיי געבראַכט די אומגעריכטע נייעס. ביידע האָבן נישט געקענט קומען צו זיך, אַרויס־רעדן אַ וואָרט פון איבערראַשונג און פרייד.

— לאָמיר זיך צעקושן, זיך אָפּגעבן מזל טוב! — האָט די פרוי אויסגערופן מיט אַ פאַרכאַפּנדיקער עקזאַלטירטער פרייד אין איר קול, וועלנדיק אים אַריינציען, באַווירקן.

מאָורוסיאַ גרויסמאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, זיינע אויגן האָבן געקוקט שטאַר, ווי ער וואָלט נישט באַנומען זיין פרויס שמחה, איר געהויבענע שטימונג... אַלץ איז אַזוי אַנדערש ווי ער האָט אויסגערעכנט און געפּלאַנט: דאָס ווערן פאַרזאָרגן די טאָכטער, זיין טראַכטן שטענדיק וועגן איר. אַלץ איז מיטן איצטיקן בריוול צערונען געוואָרן, ווי זיין טאָכטער וואָלט צוריקגעוויזן זיין האָרעוואַניע פון אַזוי פיל יאָרן... ער כאַפּט נישט אויף קלאָר זיין פרויס רייד, זי טאָרעט אים פאַרן אַקסל, שטייט צו צו אים, ער מוז איר צוזאָגן — אַז זיי ווען פאָרן צו דער טאָכטער אויף דער חתונה. ער ענטפערט איר קאַלט, שטאַמלט, שאָקלט מיטן קאָפּ, וואָס די פרוי נעמט אָן, אַז ער גיט זיין הסכמה.

☆

די רייזע, דאָס אָנקומען אין לאַנד, האָט זיי אויסגעזען ווי אַ וווּנדער־לעכער חלום. די פּרעכטיקע פאַר זיי אומבאַקאַנטע פּייזאַזשן, די כסדר זיך

בייטנדיקע פּאַנאָראַמעס, נייע אויפגעבויטע שטעט און אוראַלטע היסטאָ־רישע מקומות, וואָס דערמאָנען דעם יידישן עבר, מאָדערנע געביידעס און אַלטערטימלעכע איבערבלײַבענישן פון אַמאָליקע צייטן, די גלאַטע גע־פלאַסטערטע „כבישים”, וואָס האָבן געפירט צו די דערפער, ישובים, קיבוצים און מושבים, אַלץ האָט זיי אויסגעזען ווי אויפטויכנדיקע מיי־ראַזשן... אומעטום האָבן זיי באַגעגנט ליבשאַפט צו דעם לאַנד, צוגע־בונדנקייט צו דער אייגענער ערד, איבערגעגעבנקייט און מסירת־נפש פאַר דעם היימלאַנד... דער אימפּעטיקער ריטעם פון בויען דאָס לאַנד, די אַלע דערגרייכונגען האָט זיי פאַרכאַפּט, מיטגעריסן, זיי באַוויגן זיך צו פאַר־טראַכטן.

אין קיבוץ זענען זיי אָנגעקומען פאַר נאַכט. פון ווייטנס האָבן זיי שוין באַמערקט די ווייסע הייזקעלעך, אַרומגערינגלטע מיט גרינע גערטנד־לעך מיט בלומען, אַ שלווהדיקע שטילקייט און רויִקייט האָט זיך גע־שפּרייט אין דעם אַרום, וואָס איז געקומען פון די אַרומיקע פעלדער. פון די פּרדסים זענען אויפגעגאַנגען פאַרשיכורנדיקע ריחות פון די צייטיקע פּרוכטן.

די טאָכטער איז זיי אַנטקעגן געלאָפן מיט אַ צעשטראַלט פּנים און אָפענע אָרעמס. אירע אויגן האָבן געלויכטן פון פרייד, פון גליק. אַ יונגער־מאַן, וואָס האָט זי באַגלייט, האָט זיי שמייכלנדיק באַגריסט. זי האָט אים פאָרגעשטעלט: „דאָס איז מיין בחור, מיין חתן...”

זיי האָבן זיך דערנענטערט צום קיבוץ, אַרײַן אין חדר האוכל, וואָס האָט זיי אויסגעזען ווי אַ טעאַטער־זאַל. ווען זיי האָבן באַגעגנט, האָט זיי פריינדלעך באַגריסט, אָפּגעגעבן שלום און צוגעווונטשן מזל־טוב.

ביי דער חופּה־צערעמאָניע זענען טאַטע־מאַמע געשטאַנען און גע־גאַפט אויף אַלץ, געקוקט. ס׳האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אַז נישט זייער טאָכטער שטייט אונטער דער חופּה, נאָר אַ פרעמד אומבאַקאַנט מיידל, אַז זיי האָבן דאָ צופעליק פאַרבלאָנדזשעט, געפינען זיך אויף אַ פרעמדער חתונה, און די אַלע מענטשן, וואָס שמייכלען צו זיי, גיבן זיי אָפּ מזל־טוב, זענען פאַר זיי ווייט, פרעמד און אומבאַקאַנט.

ביים מאַלצייט, האָט דער גאַנצער עולם זיך צעזונגען. די געזאַנגען האָבן מיטגעריסן אַלעמען, די פּנימער האָבן געשיינט מיט אַ התלהבות־דיקער פרייד פון דעם יום־טוב. דערנאָך האָבן אַלע פאַרזאַמלטע זיך אויפגעהויבן פון זייערע פלעצער, אַרויס אין דרויסן אויפן פרייען פעלד. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרמירן גרופּעס, גזעמלעך, העגט האָבן זיך פאַרוואָרפן אויף אַקסלען, זיך געשלאָסן אין אַ קייט, די רעדלעך האָבן זיך געדרייט, געוויגט, געטאַנצט, געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן, פאַר־וואָרפן די קעפ און ווי פאַרדבקהטע חסידים צוגעהאָפקעט מיט עקסטאַז, צום טאַקט פון דער מוזיק.

דער עולם האָט געטאַנצט הוראַס, יולאַס, תימנער טענץ, בוכאַרער טענץ, אַנדערע האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען משונהדיק גיך געשווינד. ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ ראָד פון מענטשלעכע קעפ דרייט זיך מיט אַן אומגעהויערן שוווּנג, וועט אַלץ אַריינציען, מיטרייסן.

מאַוריסיאָ גרויסמאַן איז געשטאַנען פון ווייטנס, זיך צוגעקוקט צו דעם פאַרכאַפּנדיקן בילד, ווי אַרום אים דרייט זיך אַלץ אין אַ וויגנדיקן טאַנץ, ס׳דוכט זיך אים, אַז די ערד וויגט זיך אונטער אים.

ער ווערט מיטגעריסן פון דער פרייִלעכקייט און יום־טובדיקייט פון דעם אַרום, און טראַכט, אַז זיין איינלייגן וועלטן, זיין קעגנשטעלן זיך דער טאַכטערס אַוועקפאָרן, אין קיבוץ, זיין ערגערניש און זיין עגמת־נפש, איז געווען אומזיסט... זיין פרוי און טאָכטער זענען צופרידן און גליקלעך, און אים אַליין זעט אויס דאָס לעבן דאָ אַנדערש ווי ער האָט זיך פאָר־געשטעלט.

ער ווערט אָנגעשטעקט פון דער לעבעדיקייט און צעזונגענקייט פון דעם גאַנצן עולם, פון דעם אַרום, פון די טאַנצנדיקע גרופּעס. פון איין גרופּע רופט מען אים ער זאָל נישט שטיין פון דער ווייטנס, ס׳איז זיין טאָכטערס שמחה, און ער דאַרף זיך מיטפרייען. ער שפּירט מיט אַ מאָל ווי הענט שליסן זיך אַרום אים, פאַרפלעכטן זיך ווי אַ קייט איבער זיינע אַקסלען, מ׳נעמט אים אַריין אין מיטן, ער ווערט אַריינגעצויגן אין אַ ראָד פון טאַנצנדיקער יונגוואַרג, וואָס טאַנצט און זינגט מיט יוגנטלעכן ברען

און התלהבות. ער באַמיט זיך נאָכצוגיין זייער אימפּעטיקן ריטעם, זינגט מיט מיט אַלעמען, און זיין געזיכט שיינט, שטראַלט מיט אַ פּאָטערלעכן נחת־רוח...

אַ נאָמען פאַרן קינד

דאָס גיין באַזוכן די טאָכטער אין סאַנאַטאָריע איז געווען פאַר זיי אַ פרייד און אַ נחת־רוח. זיי שפּירן נישט די צייט, וואָס לויפט שנעל אַריבער. אַ ליבלעכע וואַרעמקייט שפּרייט זיך איבערן צימער, וואָס איז האַלב טונקל, די לופט איז אָנגעפילט מיט צאַרטע ריחות פון אַ ניי געבוירן קינד. קוישן בלומען שטייען צעשטעלט אין די ווינקלען, ביים אַריינגאַנג, וואָס ציִען צו דאָס אויג מיט זייערע ליכטיקע פאַרבן און אָנגענעמע ריחות, וואָס שפּרייטן זיך אין חלל, און גיבן צו אַ יומטובדיק אויסזען.

זיידע־באָבע קאָנען זיך זאַט נישט אָנקוקן אין קינד, וואָס די שוועסטער ברענגט צו פירן אין אַ ראָז וועגעלע. זיי שפּיגלען זיך אין אייניקל, קוקן זיך איין אין ראָזלעך פאַררויטלטן פּנימל, אין די אָפענע שוואַרצע אויגע־לעך. דאָס קינד באַוועגט מיטן קעפּעלע אין ביידע זייטן, קוקט זיך אַרום, ווי ס׳וואָלט זיך געחידושט איבער דעם, וואָס עס דערזעט.

אין וועמען איז דאָס קינד געראָטן? וויל דער זיידע טרעפן. ער בייגט זיך צו נאָענט צום קינד און קוקט זיך איין, ער וויל זען די שטריכן.

— מ׳קאָן נאָך נישט וויסן — זאָגט די באָבע — ס׳איז נאָך צו קליין, אַ קינד בייט זיך.

אָוונטצייט קומט דער מאַן. ער איז פאַררויטלט, צעיאָכמערט און צעפלאָמט, ער צעקושט זיך האַרציק מיטן ווייב, דערנאָך מיט שווער און שוויגער, און נעמט אַרויס פון קעשענע אַ קליין איינגעוויקלט קעסטעלע, גיט דאָס דער פרוי און זאָגט מיט אַן אויפגעהייטערט קול:

— דאָס איז פאַר דיר, אַ מתנה, צוליב אונדזער שיין טעכטערל, וואָס דו האָסט געבוירן.

די פרוי פאַררויטלט זיך. אירע אויגן לייכטן מיט אַ פייכטן גלאַנץ. זי קוקט צום מאַן מיט ליבשאַפט און דאַנקבאַרקייט. זי נעמט אַרויס פון

קעסטעלע דעם גאָלדענעם בראַסלעט און ווייסט עס טאַטע־מאַמע.

ביידע נעמען אָן פאַרזיכטיק דעם בראַסלעט, באַטראַכטן דאָס און שמייכלען פון צופרידנקייט, קוקן צום איידעם מיט ליבשאַפט און אי־בערגעגעבנקייט, וואָס ער איז אַזוי געטריי דער טאָכטער.

— מיר ווינטשן אייך — זאָגן ביידע אַרויס מיט איין קול — איר זאָלט זוכה זיין צו געבן מתנות אייער טעכטערל, ווען מ׳וועט זי פירן צו דער חופה.

פאַר נאַכט הויבן אָן קומען געסט, פריינד, משפחה, קרובים און באַקאַנטע. דאָס צימער ווערט פול מיט אַ שטילער פליסטערנדיקער גע־רעדעריי. די פרויען צעקושן זיך מיט דער געווינערין, מיטן מאַן, באַ־גריסן שמייכלענדיק זיידע־באָבע, און דערלאַנגען איינגעוויקלטע פעק־לעך, זאָרגפעליק איינגעפּאַקטע מתנות פאַרן קינד, פאַר דער געווינערין.

— נו, זיידע־באָבע — רופט זיך אָפּ איינער פון די געסט, אַ קרוב פון דער משפחה — אייער טאָכטער, דאַנקען גאָט, איז איבערגעקומען בשלום, ס׳איז אייער ערשט אייניקל, און אַז איר האָט דערלעבט אַזאַ שמחה, דאַרפט איר מאַכן אַ גרויסן יום־טוב.

— אַז ס׳ווערט געבוירן אַ מיידל, דאַרף מען גיין אין שול געבן אַ נאָמען דעם קינד. אַזוי פירט זיך — רופט זיך אָן אַ צווייטער פון די געסט, דאָס וויל ער שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט דעם זיידן, וויסנדיק, אַז ער איז אַ פרייער מענטש מיט פּראָגרעסיווע אידייען.

אַלעמענס בליקן זענען געווענדעט צום זיידן. אַ ווײַלע בלייבט אַן אָפּוואַרטנדיקע שטילקייט, וואָס נעמט צו די פריילעכע שטימונג, וואָס האָט געהערשט ביז איצט. דעם זיידנס געזיכט ווערט ערנסט, ער וויל עפּעס זאָגן און האַלט זיך אָפּ, ער גיט אַ הויב מיט די אַקסלען און מיידט אויס צו געבן אַ קלאָרן ענטפער.

ווען אַלע געסט זענען אַוועק, און אויך זיידע־באָבע הויבן זיך אָן געזעגענען, רוימט עפּעס איין די טאָכטער דער מאַמען אין אויער, די מוטער שאָקלט מיטן קאָפּ, זאָגט איר צו, אַז זי וועט דערפילן איר בקשה.

גייענדיק צוריק פון סאַנאַטאָריע שווייגן ביידע. זיי זענען באַרוישט

פון דער יום־טובדיקער שטימונג, פון די באַגריסונגען, פון די געסט. די פרוי וויל עפּעס זאָגן און טראַכט ווי אַזוי אָנצוהויבן. זי ווייסט, אַז ס׳וועט איר נישט אַזוי לייכט אָנקומען צו ברעכן זיין עקשנות.

— ווייסט — הויבט זי אָן מיט אַ שטיל קול, — אונדזער טאָכטער האָט מיך געבעטן, נישט אַנדערש, זי וויל, אַז דו זאָלסט גיין אין שול און געבן אַ נאָמען דעם קינד, אויך די געסט האָבן דיר געגעבן אָנצו־הערן וועגן דעם.

— די געסט, — קרימט ער איבער אירע ווערטער — זיי ווייסן, אַז איך בין ווייט פון דעם, דעריבער האָבן זיי מיר דאָס געגעבן אָנצוהערן, פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן ליב יענעם ווײ צו טאָן, שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט.

— און וואָס וועט זיין, אַז דו וועסט יאָ גיין אין שול געבן אַ נאָמען דעם קינד? טאָן דעם פאַרלאַנג פון אונדזער טאָכטער? און פאַרגעס נישט, אַז זי איז אַ קימפּעטאָרין, און מ׳טאָר איר נישט פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש — גיט זי אָן אַ מאָטיוו ס׳זאָל אויף אים ווירקן.

— אָבער דו ווייסט דאָך, אַז איך גיי קיין מאָל נישט אין שול, און האַלט נישט פון די אַלע צערעמאָניעס, וועל איך מיט אַ מאָל אַריינפאַלן אין שול דאַווענען. די וואָס קאָנען מיך, וועלן לאַכן און חוזקן, כ׳בין געוואָרן אַ פרומער ייד אויף דער עלטער.

די פרוי גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי זי זאָל מבטל זיין זיין אַרגומענט.

— דיינע פריינד וועלן לאַכן פון דיר? דאָס איז דיין מאָטיוו? ווי זאָגט אַ שפּריכוואָרט, זאָלן אַנדערע לאַכן און איך וועל גוט מאַכן, אַבי אונדזער קינד וועט זיין צופרידן. זי האָט מיך געבעטן, אַז דו זאָלסט איר צוליב טאָן, ווען נישט, מיין איך, אַז ס׳וועט איר פאַרשאַפן צער און עגמת־נפש...

—איך וואָלט איר צוליב געטאָן — וויל דער מאַן זיך פאַרענטפערן

— כ׳בין גרייט פאַר אונדזער טאָכטער צו טאָן אַלצדינג אין דער וועלט. אָבער אין דעם פאַל איז מיר שווער נאָכצוקומען איר בקשה, ס׳איז קעגן

מיינע איבערצייגונגען, פאַרשטייסט? ס׳קומט אויס ווי מ׳זאָגט, אויסלאַכן זיך אַליין...

— קיינער וועט דיך נישט אויסלאַכן, און מיט דעם וואָס דו וועסט איין מאָל אין אַ יובל גיין אין שול, וועסטו נישט ברעכן דיינע פּרינציפּן. אונדזער מחותן, אונדזער איידעמס פאָטער, ווען ער וואָלט געווען געזונט, וואָלסטו פאַרשפאָרט צו גיין, אָבער דו ווייסט דאָך, אַז ער איז קראַנק, ליגט צו בעט, און קאָן זיך נישט רירן, איז אויף דיר געפאַלן דער גורל.

ביי די ווערטער ווערט דער מאַן נאָך מער אויפגערעגט:

— וואָס הייסט איך מוז? — שרייט ער אויס מיט כעס — דו וועסט מיך צווינגען? מאַכן פון מיר לייטיש געלעכטער?

— נאָר רעג זיך נישט אויף — זאָגט די פרוי, וויל אים באַרויקן — קיינער וויל דיך נישט צווינגען, און קיינער וויל דיך נישט מאַכן צום נאַר, ס׳איז נישט קיין קאַפּריז, מיין טייערער, ס׳איז אַ מנהג, אַ טראַדיציע, און אַזוי ווי דו ביסט דער זיידע איז דיין פליכט דאָס צו טאָן.

— איך וועל נישט גיין אין שול! דאָס איז נישט מיין פליכט! — האַלט ער זיך ביי זיינס, ער וויל נישט נאָכגעבן.

די פרוי האַקט איבער די רייד, וויל נישט פאַרציען דעם שמועס, זי ווייסט, אַז סוף כל סוף גיט ער נאָך, צו וואָס דאָס אַמפּערן זיך?

ווען זיי קומען אַהיים בלייבט דער מאַן זיצן אַ ברוגזער ביים טיש. רעדט נישט אויס קיין וואָרט. דער גאַנצער ענין איז אים נישט צום האַרצן. ס׳פאַרדריסט אים דער איבעררייד מיט זיין פרוי, וואָס פאַרטונקלט די פרייד מיט דעם ניי געבוירענעם אייניקל, און ער פאַרשטייט, אַז בדי נישט צו פאַרשאַפן קיין ליידן דער טאָכטער וועט ער מוזן נאָכגעבן.

ס׳איז געווען אַ לויטערער פרימאָרגן, ווען די ערשטע זונענשטראַלן הויבן אָן אַריינדרינגען אומעטום, אָנזאָגנדיק מיט פרייד דעם ניי געבוירענעם טאָג.

מענדל גוטמאַן איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, זיך אָנגעטאָן יום־

טובדיק, זיך געגרייט אַרויסצוגיין. די פרוי האָט אים שווייגנדיק נאָכ־געקוקט.

ער איז געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט, ווי ער זאָל וועלן בכיוון, אַז דער וועג זאָל דויערן וואָס לענגער. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אין געדאַנק: אָט קומט ער אַריין אין שול, ער פילט זיך פרעמד צווישן גאַנצן עולם מתפללים, ער געדענקט שוין נישט די תפילות, מ׳וועט אים אויפרופן צו דער תורה, ער וועט דאַרפן מאַכן די ברכה, אַלע וועלן קוקן אויף אים מיט נייגעריקייט, די וואָס קאָנען אים, וועלן זיך שושקען אין דער שטיל.

ווען ער איז אַריין אין שול האָט מען שוין געדאַוונט, דער גאַנצער עולם איז געווען איינגעוויקלט אין די טליתים, מיט סידורים אין די הענט, דער ניגון פון די תפילות האָט אים אָפּגעצויגן פון זיינע רעיונות, אים דערמאָנט זיינע קינדער־יאָרן אין דעם קליינעם שטעטל, ווען דער פאָ־טער זיינער פלעגט אים מיטנעמען אין בית־המדרש, געהייסן אים מיט־זאָגן די תפילות.

מ׳האָט אים אָפּגעגעבן מזל־טוב, אָנגעוויזן אים אַ פּלאַץ און געגעבן אים אַן אַלטן טלית מיט אַ סידור. ער האָט זיך איינגעוויקלט אין טלית און געשפּירט ווי ער דערנעטערט זיך צו דער עדה יידן, וואָס געפינען זיך אין שול, פאַראייניקט זיך מיט זיי...

ער האָט אָנגעהויבן אַריינקוקן אין סידור. געלייענט די תפילות, און זיך פאַרטראַכט וויפל פּאָעטישע שיינקייט ס׳איז פאַראַן אין די ווערטער, וואָס פאַראַ דערהויבנקייט און געלייטערטקייט ס׳ווערט גע־פאָדערט פון דעם מענטש, און די בקשות צום רבונו של עולם זענען נישט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַרן כלל, פאַר די קראַנקע און שוואַכע, פאַר די אָרעמע און געפאַלענע, פאַר די נויטבאַדערפטיקע און געליטענע...

ביים אויפרופן אים צו דער תורה, ביים מאַכן די ברכה, איז ער געוואָרן גערירט, געפילט אַ דערהויבונג אין זיין געמיט, זיין קול האָט געציטערט, זיך געבראָכן פון עמאָציע און יראת־הכבוד...

ביים מאַכן דעם מי שברך פאַר דער געווינערין, און דאָס אויסרופן דעם נאָמען פון ניי געבוירענעם קינד, האָט מענדל גוטמאַן מנדב געווען אַ היפשע סומע פאַר דער שול, אַלס צייכן פון דאַנקבאַרקייט.

נאָכן דאַווגען האָט דער עולם אים נישט אָפּגעלאָזט, ווי זיי זאָלן וועלן זיך משתתף זיין מיט זיין שמחה. מ׳האָט געטיילט לעקעך מיט בראָנפן, און יעדער איינער האָט אים געווונטשן מזל־טוב, מיט האַרציקע ברכות.

מענדל גוטמאַן איז געווען גערירט. צווישן עולם, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, איז אויך געווען אַן אַלטער ייד, אַ זקן מיט אַ ווייסער באָרד און קינדיש ליכטיק פּנים, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו אים, לאַנג אים געדריקט די האַנט, און געהאַלטן אין איין ווינטשן, און צום סוף פאַרענדיקט — „איך ווינטש אייך, מיין ליבער ייד, פיל נחת און איר זאָלט דערלעבן אור־אייניקלעך״.

„אמן״, האָט מענדל גוטמאַן אַ שמייכלענדיקער געענטפערט, געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף דעם זקנס ווינטשערייען.

אויף צוריקוועגס איז ער געגאַנגען מיט אַ האָפערדיקן גאַנג. ער איז געווען ווי באַרוישט. ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז ער הערט נאָך דעם ציקלדיקן אָפּקלאַנג פון די האַרציקע ניגונים פון חזן, די תפילות, די ווינטשערייען און ברכות פון די מתפללים, און ווי ער האָט נאָר געעפנט די טיר פון זיין הויז, איז די פרוי אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט אַ דאַנקבאַרן שמייכל.

— מזל־טוב! — האָט ער אויסגערופן מיט אַ מונטערדיק קול — אונדזער אייניקל איז שוין געבענטשט מיט אַ נאָמען!

ביידע האָבן זיך אַרומגענומען, זיך האַרציק צעקושט, און טרערן פון פרייד איז זיי אַנגעלאָפן אין די אויגן.

די באַגעגעניש

דער דיכטער יהודה שאַפּראַן איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען ווי באַרוישט. ער האָט זיך געשפּירט ווי אויפגערודערט, און ס'האָט אים באַהערשט אַ טיפע שפּאַנונג. דאָס אַפּגעשוואַכטע האַרץ זיינס האָט זיך אַלע מאָל צונויפגעקלעמט פון עמאָציע און דערוואַרטונג. דער געדאַנק, אַז ער דאַרף זיך טרעפן היינט מיט זיין יוגנט־חבר, וואָס ער האָט אים שוין נישט געזען עטלעכע צענדליק יאָרן, האָבן אויפגעוועקט אין אים זכרונות און דערינערונגען פון דער יוגנט, פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווען ביידע זענען געווען חברים אין דער באַוועגונג, געחלומט וועגן וועלט־אויסלייזונג, וואָס וועט אויך באַפרייען דאָס יידישע פאָלק...

ווען די לאַגע האָט זיך אַלע מאָל מער פאַרערגערט און עס זענען געווען אַרעסטן, פאַרפאָלגונגען, שיקאַנעס און דערצו נאָך זענען אַרומגעגאַנגען אומרויִקע קלאַנגען וועגן דער אָנקומענדיקער מלחמה, האָבן ביידע באַשלאָסן אויסצוּוואַנדערן, און זייערע וועגן זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. דער חבר האָט אויסגעוואַנדערט אין אַ דרום־אַמעריקאַנער לאַנד, וואָס האָט אין יענע יאָרן אויפגענומען אַלעמען מיט אָפענע אָרעמס.

אים האָט געצויגן צום לאַנד פון די אבות, צו ארץ ישראל. זיין איבערצייגונג איז געווען, אַז נאָר דאָרטן קאָן דאָס יידישע פאָלק אויפגעריכט ווערן, פירן אַ נאָרמאַל געזונט לעבן, און נישט זיין שטענדיק אונטערגעוואָרפן די חסדים פון אַנדערע פעלקער, וואָס וואַרפן דיר דעם גט אין פּנים, אַז דו ביסט אַ פרעמדער, אַן אומגעבעטענער גאַסט...

די ערשטע צייטן האָט ער געטאָן אַלע אַרבעטן, וואָס ס'איז אים אונטערגעקומען אונטער דער האַנט און כאָטש ס'איז אים געווען שווער צו טאָן די פיזישע אַרבעט איז ער געווען צופרידן וואָס אויף דעם אַלטן היסטאָרישן באָדן גייט אויף אַ ניי לעבן. דאָס לאַנד, וואָס איז

געווען אַזוי פיל יאָרן וויסט און פאַרוואָרלאָזט, וואַכט אויף... ווערט אויפ־געריכט, אַ נײַ פאָלק ווערט געבוירן, און ער איז אויך פון די בויער...

אין די אָוונטן פלעגט ער שרייבן זיינע איינדרוקן און איבערלעבונגען, אויסזינגען אין פערזן זיין פרייד און זיין באַגייסטערונג, זיין ליבשאַפט צום לאַנד, צו די דערגרייכונגען, די פאַרוואָרצלטקייט אין דער ערד. אַלץ האָט ביי אים אַרויסגערופן אויפמונטערונג און התרוממות הנפש.

זיינע שאַפונגען האָבן זיך געמערט, זיך געצייטיקט, אַלע מאָל איז דערשינען אַ נײַ בוך, וואָס האָט אַרויסגערופן התעוררות און באַגייסטערונג ביי די לייענער און פאַרערער. ער איז געווען ווי באַרוישט פון פרייד, פון דאַנקבאַרקייט און גייסטיקער באַפרידיקונג, רו און שלווה...

פון זיין חבר האָט ער אָפּגענומען גרוסן, אַז ער האָט זיך גענומען צו מסחר, פּירט גרויסע געשעפטן, האָט זיך דערווייטערט פון זיינע חברים, און איז אַוועק אויף אַנדערע וועגן, לעבט נאָר מיט זיינע פאַבריקן און געשעפטן, וואָס ברענגען אים אַריין גרויסע ריווחים.

איצט האָט ער באַקומען פון אים אַ טעלעפאָנישן רוף, אַז ער איז געקומען צו פאָרן קיין ישראל אויף אַ לוסטרייזע, און ער וויל זיך מיט אים זען.

דער דיכטער יהודה שאַפּראַן איז געגאַנגען מיט אייליקע טריט און אַלע ווילע זיך געמוזט אָפּשטעלן, ס׳האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרץ, און ער האָט זיך געמוזט אָפּרוען, ביז די וויטיקן זענען אים איבער־געגאַנגען.

דעם דיכטערס פרוי, וואָס האָט אים באַגלייט, האָט געקוקט אויף אים מיט מיטלייד, וואָס ער איז אַזוי עמאָציאָנירט, און דאָס ווירקט שלעכט אויף זיין געזונט־צושטאַנד, זי וויל אים באַרויקן.

— דאַרפסט זיך באַהערשן — זאָגט זי צו אים — טאָרסט זיך נישט לאָזן באַאיינפלוסן פון דיינע געפילן און עמאָציעס, דאַרפסט טראַכטן פון דיין געזונט.

— מיר איז שווער זיך צו באַהערשן — וויל ער זיך פאַרענטפערן פאַר איר — עטלעכע צענדליק יאָרן ווי מיר האָבן זיך נישט געזען,

די אַלע זכרונות, איבערלעבונגען, דערינערונגען טויכן אויף אין מיין זכרון...

זי נעמט אים אַן פאַרן האַנט אוןביידע דערנענטערן זיך צום האָטעל מיט לאַנגזאַמע טריט.

אַ לעבהאַפטיקע באַוועגונג פון געסט, טוריסטן, לאַקייען און באַדינערס איז אָנגעגאַנגען לעבן לוקסוסדיקן האָטעל.

די אָנקומענדיקע אויטאָס מיט טוריסטן זענען באַגעגנט געוואָרן פון די באַדינערס, וואָס זענען געשטאַנען ביים אַריינגאַנג, גרייט מיט געשיקטער העפלעכקייט אויפצונעמען די חשובע לייט.

אין דעם אויפנאַמזאַל האָבן די לאָמפּן געבליצט מיט אַ טונקל רויטלעכן אָפּשיין. פון סופיט האָט אַראָפּגעשיינט אַ שימערירנדיק ליכט, וואָס האָט אויסגעזען ווי פינקלענדיקע שטערנדלעך וואָלטן דאָרטן געווען אַריינגעפּאַסט אין זשיראַנדאָלן און גלימערן מיט זייער שיין.

אויף די ווייך אויסגעבעטע פאָטעלן זענען געזעסן מענער און פרויען מיט זאָרגלאָז אויסגערוטע פנימער, זיך איבערגעגעבן די פּאַסירונגען פון טאָג, די איינדרוקן און איבערלעבונגען פון די שפּאַצירן צו די הייליקע פּלעצער, די היסטאָרישע מקומות און די שיינע ישראל־פּייזאַזשן, און די אַלע דערגרייכונגען, וואָס האָבן ביי זיי אַרויסגערופן ענטוזיאַזם און פרייד.

אַריינקומענדיק אין האָטעל האָט דער דיכטער יהודה שאַפּראַן און זיין פרוי זיך געפילט פאַרלאָרן צווישן דעם גרויסן אומבאַקאַנטן עולם מיט די בלישטשענדיקע ליכטער, וואָס האָט זיי געבלענדט די אויגן.

— זיי רויִק און באַהערש זיך, איך בעט דיך — האָט די פרוי אים געזאָגט מיט אַ צערטלעך קול.

ער האָט דערזען זיין חבר דערנענטערט זיך צו אים מיט אויסגע־שפּרייטע אָרעמס און מיט אַ שמייכלענדיק פּנים. ביידע האָבן זיך האַרציק אַרומגענומען, זיך אָנגעקוקט אַ ווײַלע, ווי זיי וואָלטן אין דעם אויגנ־בליק געוואָלט דערקענען די שטריכן פון אַמאָל... ביידע האָבן אַ ווײַלע געשוויגן, נישט געקענט אַרויסברענגען אַ וואָרט.

— האָסט זיך גאָרנישט געענדערט, די זעלבע שטריכן, דער זעלבער פּאַרחלומטער פּאָעט, ווי מ׳האָט דיך גערופן — ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ מאָדנעם געלעכטער, וואָס האָט אָפּגעקלונגען שפּאָטיש, אָפּלאַכעריש.

— קומט מיט מיר! — האָט ער ברייטלעך אויסגערופן, — איר זייט היינט מיינע געסט!

ער האָט זיי אַריינגעפירט אין גרויסן עסזאַל, ווו ס׳איז געווען האַלב באַלויכטן, אויף די טישלעך האָבן געברענט ליכט, ווי צו אַ פייערלעכער סעודה.

אויבן אָן לעבן אַ גרויסער פּיאַנע איז געזעסן אַ דיק מענטשל מיט אַ גלאַנציקן פּליך און געשפּילט פרייליכע מוזיק צו פאַרווילן דעם עולם, וואָס איז געזעסן ביי די טישלעך און געגעסן. דאָס מענטשל ביי דער פּיאַנע האָט אויסגעזען נעבעכדיק און באַטריבט, ווי דאָס שפּילן פאַר דעם עולם וואָלט אים נישט געווען לרצון...

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל. אַ קעלנער איז צוגעקומען גרייט צו באַדינען.

— זאָגט וואָס איר ווילט באַשטעלן, — האָט דער חבר זיך געווענדעט צום דיכטער און זיין פרוי — איר קענט אויסקלייבן פון דער ליסטע, וואָס איר פאַרלאַנגט, וואָס אייער האַרץ גלוסט, איר זייט היינט מיינע געסט, דאָ זענען פאַראַן די בעסטע מאכלים און פּאָטראַווועס — האָט ער געזאָגט באַרימעריש, מיט שטאָלץ.

דער דיכטער און זיין פרוי האָבן זיך מיט אַ מאָל דערפילט פרעמד אין דעם גרויסן עסזאַל. דער אופן ווי דער חבר האָט זיי פאָרגעלייגט די ליסטע מיט מאכלים האָט זיי שאָקירט.

— שוין לאַנג ווי מיר עסן נישט די אַלע מאכלים, — האָט דער דיכטער געענטפערט מיט אַ שטיל קול — מיר זענען צמחונים, מיר ווילן בעסער טרינקען אַ פּרוכטנזאַפט.

דער גביר האָט געגעבן אַ ביטולדיקן מאַך מיט דער האַנט און געזאָגט מיט אַ חוזקדיקן טאָן: — ווי איך זע, האָסטו זיך גאָרנישט

געענדערט אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט, שוועבסט אין די הימלען, גייסט אַרום ווי אַ פאַרחלומטער פּאָעט און פאַנטאַזירסט...

ער האָט גענומען די ליסטע, זיך איינגעקוקט מיט התמדה און אָנגעהויבן געבן באַפעלן דעם באַדינער, וועלכע שפּייזן און מאכלים מ׳זאָל אים דערלאַנגען. ער האָט געגעסן מיט אַ שטאַרקן אַפּעטיט זיך פאַסמאַקעוועט פון די געריכטן און פאַטראַוועס, זיך אַלע מאָל אָנגעגאָסן אַ גלאָז ווייך, און געקוקט מיט ביטול אויף דעם דיכטער און זיין פרוי, וואָס זיצן אַנטקעגן אים און זופּן פאַמעלעך דעם פּרוכטנזאַפּט. זיינע אויגן זענען געווען פאַרגאָסן, ער איז געוואָרן באַרעדעוודיק, אָנגעהויבן דערציילן פון זיין פאַרמעגן, פון זיינע געשעפטן, וואָס ברענגען אים אַריין גרויסע ריווחים.

— פאַרשטייסטו מיך — האָט ער אים אָנגענומען ביים אָרעם און געזאָגט: — אַמאָל האָבן מיר געטראַכט צו באַזאָרגן די וועלט, באַפרייען די מענטשהייט. האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז מ׳דאַרף בעסער טראַכטן וועגן זיך. נישט זיין קיין פאַרחלומטער בטלן, וואָס קוקט אין הימל און זעט נישט וואָס ס׳טוט זיך אויף דער ערד, און דו וואָלסט זען ווי מ׳נעמט מיך אומעטום אויף — האָט ער צוגעגעבן מיט פאַרריסנקייט — וואָס פאַר אַ כבוד מ׳גיט מיר אָפּ. אַלע טירן עפענען זיך פאַר מיר.

ער האָט זיך צוגעבויגן צום פענצטער, אַרויסגעקוקט אין דרויסן, אָנגעוויזן אויף אַ הויכער געביידע און געזאָגט:

— זעסט דעם וואָלקן־קראַצער? אַזאַ בנין פאַרמאָג איך, און די געביידע אַליין ברענגט מיר אַריין גרויסע איינקונפטן אַלע חודש.

דער דיכטער יהודה שאַפּראַן איז געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקער. אין זיינע אויערן האָבן נאָך אָפּגעקלונגען די פוסטע רייד פון זיין געוועזענעם חבר, זיין איינגעגלייבטקייט אין זיך, זיין גרויסן זיך מיט זיין פאַרמעגן, מיט זיין רייכטום, זיין חוזק מאַכן פון אַלץ...

— נייך, — האָט ער געטראַכט — ער וועט אים גאָרנישט ענטפערן, נישט כדאי, און אַוודאי וועט ער אים גאָרנישט דערציילן וועגן זיך, וועגן זיינע שאַפונגען, וועגן זיינע דערשינענע ביכער, און אויך נישט, אַז זיינע

לייענער און פאַרערער גרייטן אַ סורפּריז, אַרויסגעבן אַלע זיינע שריפטן, ווי אַ מתנה פון זיינע פריינד און פאַרערער. און דאָס איז אים פאַר אים די גרעסטע פרייד. ניין, ער וועט אים גאָרנישט זאָגן. ער וועט זיך נישט טיילן מיט אים מיט זיינע געפילן, ער קאָן נאָך אויפנעמען זיינע רייד מיט שפּאָט און חוזק, און דאָס וועט זיין פאַר אים אַ פּחיתות־הכבוד, אַ דערנידערונג. זיין יוגנט־חבר איז איצט ווייט פון אים, און ער וועט אים נישט פאַרשטיין.

זיי האָבן זיך געזעגנט קאַלט ווי צוויי פרעמדע אומבאַקאַנטע מענטשן, וואָס האָבן זיך קיין מאָל נישט געקענט און האָבן זיך היינט באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל.

ב ר ו י ט

(דערינערונג)

שוין אַ צייט, ווי מיר האָבן נישט פאַרזוכט קיין ברויט. כ׳זאָג ברויט: אייגנטלעך, אין יענער צייט פון הונגער, קראַנקייטן און עפּידעמיעס, — נישט נאָר ברויט פלעגט דעמאָלט פעלן, נאָר מיר פלעגן בכלל קיין מאָל נישט אָפּעסן צו דער זעט. ס׳איז נאָר צום שטוינען. מיר פלעגן אָפּעסן, און באַלד ווידער דערפילן הונגער...

אָבער יענעם טאָג איז אוודאי כדאי, אַז מיר זאָלן אים דערמאָנען. פון אין דער פרי אָן האָבן מיר גאָרנישט געהאַט געגעסן. שפּעטער איז מיין טאַטע געקומען און געבראַכט מיט זיך אַ פּעקל. מיר זענען אים באַפאַלן ווי די בינען. ס׳איז געווען אַ פּעקל געזאַלצענע הערינג. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר געשלונגען די הערינג און פאַרטרונקען מיט וואַסער; געטרונקען וואַסער און פאַרביסן מיט הערינג. דאָס איז געווען אַ טייוולשע שפּיל...

כ׳הויב זיך אָן צו באַוועגן — פּלום פּלום... — פונעם וואַסער אינע־ווייניק שאַפן זיך אַזעלכע מאָדנע קלאַנגען, ווי מיינע פינגער וואָלטן באַ־רירט קלאַווישן פון אַ פּיאַנע... איך הייב אָן גיין אַהין און צוריק. די קלאַנגען חזרן זיך איבער אָפּטער. עס געפעלט מיר: סאָראַ אויסטערלישע קאָמפּאָזיציע עס שאַפט זיך ביי מיר אינעווייניק...

כ׳פיל ווי ס׳ברענט אין מיר אינעווייניק. די צונג איז ווי אַ שטיקל פאַררייכערטע גלאָוניע, די ליפּן שפּאַלטן זיך מיר פון פאַרטרוקנטקייט, און עפּעס איז ביי מיר אַזאַ מאָדנע ביטערקייט אין מויל...

מיינע צוויי קליינע ברידערלעך האָבן זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל און וויינען ביידע מיט איין קול...

כ׳זעץ זיך אַוועק אַן אומצופרידענער און נישט געזעטיקטער. מיין בליק פֿאַלט אויפֿן רונדן סלופּעק, וואָס שטייט ביי אונדז פּונקט אין מיטן צימער און האַלט אונטער דעם סופיט, און כ׳דערמאָן זיך, אַז דאָס האָט מיין טאַטע אַזוי קונציק אונטערגעשפּאַרט דאַן, ווען ס׳האָט געהאַלטן דערביי דער סופיט זאָל זיך איינברעכן...

איצט ווען איך קוק אַזוי אויפֿן סלופּעק, וואָס שטייט אין מיטן, מאַכט עס אויף מיר אַ מאָדנעם איינדרוק, און כ׳הייב אָן צו טראַכטן: ווען מ׳זאָל נאָר צונעמען די האַלב איינגעפאַלענע נאַסע ווענט און לאָזן די סלופּעס, וואָלט אונדזער שטוב אויסגעזען ווי אַ טריומף־טויער...

לאַנג קען איך אָבער נישט טראַכטן. דאָס רייצנדיקע וואָרט „ברויט״ פּייניקט מיך. אַ קליין שטיקעלע ברויט ווען איך האָב... כאָטש אַ ברעקעלע נאָר, כאָטש צו פילן דעם טעם בלויז...

— מ׳דאַרף אַ זוך טון — פאַלט מיר איין אַ געדאַנק — אפשר פּאַר־וואַלגערט זיך ערגעץ אַ שטיקל ברויט.

כ׳הייב אָן צו זוכן, אָבער אומזיסט. כ׳נישטער דורך אַלע ווינקעלעך, גישטאָ אַפילו קיין זכר. כ׳גיי צו דער שאַפקע און אין אַ ווינקל טאַפּ איך אָן עפּעס אַ האַרטע זאַך. כ׳הייב אויף דאָס פּאַפּיר און גיב אַ געשריי — כ׳האָב געפונען!

כ׳דריי זיך אויס. אין דער האַנט האַלט איך אַ פאַרדאַרט שטיקל ברויט.

מיינע ברידערלעך הערן אויף צו וויינען. זיי קוקן אויף מיר מיט קנאה... כ׳גיי צו צום פענצטער, און כ׳בלייב אַנטוישט. דאָס ברויט איז האַרט ווי אַ שטיין, עס האָט עפּעס אַזאַ מאָדנע טונקעלן קאָליר, וואָס איז שווער צו באַשטימען, פון וואָסער פאַרב דאָס איז. אין אייניקע ערטער גרינע פלעקן; אַ פאַרדאַרט און פאַרשימלט שטיקל ברויט, וואָס איז געלעגן ווער ווייסט ווי לאַנג.

כ׳פּרוביר דאָס קייען. אָבער מיינע ציין, דאַכט זיך, שפּרינגען אָפּ. עס הערט זיך פון דעם אַ שווערער טוכלער ריח. מיט כעס שליידער איך דאָס אַוועק, און כ׳בלייב שטיין אַזוי קוקנדיק אין פענצטער. מיין פאַר־דרוס איז גרויס...

אַ ווײַלע שפּעטער רופט מיך מײַן מאַמע כ׳זאָל גיין צום טיש.

כ׳גיי אָן חשק, איך בין שטאַרק אומצופרידן... מײַנע ברידערלעך, זע איך, זיצן שוין גרייט און האַלטן די לעפֿעלעך אין די הענט. כ׳קוק אויף זיי מיט כּעס.

דער טאַטע זיצט פּונקט אַנטקעגן מיר. ער איז בלאַס, פֿאַרזאָרגט. ער קוקט נישט אויף אונדז, ווי ער וואָלט וועלן אויסמײַדן דאָס באַגעגעניש מיט אונדזערע הונגעריקע בליקן...

ער נעמט דעם ערשטן לעפֿל. ער שלינגט אַראָפּ, רוט זיך אָפּ אַ ווײַלע, און זיפֿצט אָפּ. פֿאַר מיר שטייט שוין אויך אַ טעלער. כ׳נעם עסן. עס האָט אַזאַ מין טונקעלע פֿאַרב, ס׳איז געדיכט און קלעפּיק, און אַן אויסזען האָט עס ווי שיטערע בלאָטע.

כ׳הייב אָן צו עסן שנעל. אָבער נאָך יעדן לעפֿל, וואָס איך שלינג אַראָפּ, קומט מיר אַ ווידערגעפֿיל.

וואָס איז דאָס פֿאַר אַ טעם? עפּעס אַזאַ שטעכעדיק מעל, עס דאַכט זיך ווי עס וואָלטן קליינע נאָדעלעך מיר געשטאָכן אין האַלדז. איך ווייס אָבער, אַז קיין אַנדער זאַך צום עסן איז נישטאָ און כ׳שלינג דעריבער אַ לעפֿל נאָך אַ לעפֿל.

די מאַמע פֿרעגט מיך, צי כ׳בין זאַט. כ׳ענטפֿער איר מיט אַ שאָקל פֿון קאָפּ, כ׳זע ווי דער טיש ווערט ליידיק. מ׳נעמט אַראָפּ די טעלערס. דאָך בלײַבן מיר אַלע זיצן בײַם טיש, ווי מיר וואָלטן נאָך געוואַרט אויף עפּעס! אויף וואָס ווייסן מיר אַליין נישט.

קיינער רעדט נישט אַ וואָרט. עס קומט אויס, אַז נאָך דער שיטערער בלאָטע, וואָס מיר האָבן זיך אַלע אָנגעשלונגען, איז מען נישט אויפֿגעלייגט צו רעדן. דער טאַטע שווײַגט אויך; פֿון צײַט צו צײַט נאָר, הער איך, ווי ער זיפֿצט אָפּ.

כ׳גיי צו צו אים. כ׳פֿרעג אים גאָרנישט. מיט מײַן נאָענטקייט וויל איך אים ווײַזן אַז כ׳פֿיל אים מיט... ער באַמערקט עס, קוקט אויף מיר מיט ליבשאַפֿט. ער גלעט מיך איבערן קאָפּ און אַ קוים באַמערקבאַרער

שמייכל באַוויזט זיך אויף זיינע בלאַסע ליפּן. ער ווערט באַרעדעוודיק און הייבט מיר אָן דערציילן ווי עס האַלט אין שטאָט:

— מ׳הונגערט. ס׳איז נישטאָ קיין ברויט, נישטאָ קיין שפּייז. קינדער ווערן געשוואָלן, קראַנק...

עס פילט זיך אַ פאַרביטערונג אין זיין רעדן. און דערנאָך גיט ער צו:

— שולדיק אין אַלץ זענען די שפּעקולאַנטן. פריִער פאַרבאַהאַלטן זיי גאַנצע שפּייכלערס מיט עסנוואַרג, און נאָך דעם נעמען זיי דערפאַר וויפל זיי ווילן אַליין... האָבן נישט קיין גאָט אין האַרצן.

מיין מאַמע שלאָגט אים איבער די רייד, און דערציילט, אַז ס׳גייען אַרום קלאַנגען, אַז מען וועט מאַכן אויף זיי אַ חרם.

ביים וואָרט „חרם״ ציטער איך אויף. כ׳דערמאָן זיך די גאַנצע גרויִ־לעכקייט פון דער סצענע, וואָס איך האָב שוין אַמאָל געזען, דאָס האָט אויף מיר איבערגעלאָזט אַ פיינלעכן איינדרוק. אָבער פון מיין טאַטנס ווערטער ווער איך באַרויִקט.

— חרם, שמירעם, אַזעלכע האָבן אַפילו פאַר גאָט אַליין אויך קיין מורא נישט... — דערקלערט מיין טאַטע אין אַ סקעפּטישן טאָן.

מיין מאַמע ווערט בייז. זי זאָגט:

— וואָס רעדסטו? אַ חרם! מען וועט זיי דאָך מיידן ווי די פּעסט...

אָבער דער טאַטע האַלט זיך ביי זיינס: עס וועט גאָרנישט העלפן...

צום סוף דערציילט ער, אַז אין אַ געוויסער בעקעריי וועט מען מאָרגן פאַרקויפן ברויט. איך הייב אָן צוצושטיין, אַז איך וויל גיין. מיין טאַטע קווענקלט זיך. דערנאָך איז ער מסכים. עס בלייבט, אַז איך זאָל מאָרגן גאַנץ פרי אויפשטיין און גיין ברענגען ברויט.

אויפכאַפּנדיק זיך אין דער פרי, האָב איך באַמערקט, אַז עס איז נאָך גוט פינצטער. אָבער דער געדאַנק, אַז „כ׳קען נאָך פאַרשפּעטיקן״, האָט מיך געיאָגט כ׳זאָל זיך אָנטאָן. כ׳בין שנעל אַרויס אין גאַס, און באַלד האָב איך דערפילט, ווי די קאַלטע פרימאָרגנלופט נעמט מיך אַדורך, איך הייב אָן ציטערן פאַר קעלט. ס׳קלאַפּט מיר אַ צאָן אין אַ צאָן.

כ׳גיי איבער די פינצטערע ליידיקע גאַסן. ווו נישט ווו, באַמערק איך,

איינצלנע לייכטנדיקע פייערלעך, וואָס זעען אויס אין דער אַרומיקער פינצטערניש, ווי פייערלעך אויפן ים.

כ׳קום צו נענטער צו דער בעקעריי. איך פיל שוין דעם באַקאַנטן וואַרעמען ריח פון פריש ברויט. איך בלייב אַ ווײַלע שטיין. מײַנע נאָז־לעכער צעשפּרייטן זיך. איך אָטעם איין, ס׳איז אַזוי פריש און אַנגענעם. כ׳ווער אַזוי ווי פאַרשיכורט...

פון דער נאָענט שוין באַמערק איך אַ גאַנצע רייע געשטאַלטן, וואָס זעען אויס ווי אַ קייט געפּלאָנטערטע שאָטנס. כ׳גיב זיך אָפּ רעכענונג און איך פאַרכאַפּ באַלד מײַן פּאָזיציע. איך בלייב שטיין דער לעצטער אין דער רייע, וואָס שטייט און וואַרט אויף ברויט...צוליב דער פינצטערניש באַמערק איך נישט קיין פּנימער און כ׳קען נישט גענוי וויסן וויפל מענטשן זענען דאָ פאַר מיר, אָבער איך זע, אַז די ריי איז לאַנג און אַז איך בין דער לעצטער. דאָס ערגערט מיך.

מיט אַ מאָל באַווייזן זיך די ערשטע מאָרגנשטראַלן. עס ווערט העלער און ליכטיקער. מײַן בליק פאַלט אויף דער טיר. ווו עס הייבט זיך אָן די ריי ביז צו מיר, און איך ווער פאַרצווייפלט, און איך טראַכט, אַז בײַ אַזאַ לאַנגער רייע, ווער ווייסט צי עס וועט דערגיין צו מיר?

מײַן שטימונג ענדערט זיך צום בעסערן, ווען עס באַווייזן זיך מענטשן, וואָס קוקן אַ ווײַלע אויף דער לאַנגער ריי, און שטעלן זיך דערנאָך הינטער מיר. איצט איז מיר נישט קאַלט. כ׳בין צוגעפּגעדריקט פון ביידע זײַטן, אַ געמיש פון מענטשלעכע אָטעמס, פון מענטשלעכע ווילנס, וואָס דריקט זיך אויס אין איין פאַרלאַנג: „ברויט״.

מיר הערן אַ רוקן פון אײַזנס. מען ריגלט די טיר. עס ווערט פּלוצלינג אַזאַ געדראַנג צווישן אונדז, אַז עס דאַכט זיך, אַז אָט די גאַנצע מאַסע איז איין מענטש, וואָס וויגט זיך אַהין און צוריק, שטויסט זיך אַלץ נענטער צו דער טיר, וואָס עפנט זיך לאַנגזאַם אויף.

אַלעמענס בליקן זענען איצט געווענדעט אַהין. איינער ווערט אַרײַנ־געלאָזט און באַלד קומט ער אַרויס מיט אַ צופרידענעם שמייכל. אונטערן אָרעם האַלט ער אַ קיילעכיק שוואַרץ ברויטל. ער דערווייטערט זיך מיט

איילנדיקע טריט, ווי ער וואָלט מורא האָבן, אַז מיר קענען אים נאָך באַפאַלן און דאָס צונעמען... ער ווערט באַגלייט פון אונדזערע אַלעמענס בליקן, ביז ער פאַרשווינדט פון אונדז; אַזוי אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער. מיר שטופּן זיך צו נענטער צו דער טיר. עס ווערט אונדז לייכטער. די רייע ווערט שיטערער. מיר גייען שוין ווייטער און אָט זענען מיר שוין נעבן דער טיר. אין געדאַנק טראַכט איך: אָט באַלד, וועל איך אויך ברענגען אַהיים אַזאַ ברויטל...

מיט אַ מאָל ווערט די טיר האַלב צוגעמאַכט. עס באַווייזט זיך אַ פּנים האַלב פאַרשמירט אין מעל, וואָס ווענדעט זיך צו אונדז מיט אַ באַדויערנ־דיקן טאָן:

— ליידער מעלדן מיר אייך, אַז ביז אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר נישט קיין ברויט...

מיר בלייבן שטיין אַ ווײַלע שטום, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט. מיר זענען פאַרגליווערט פון אומגעריכטן קלאַפּ. נאָר מיט אַ מאָל גיט זיך די מאַסע אַ באַוועג ווי ביימער אין אַ וואַלד בשעת אַ שטורעם. עס הערן זיך דראָענדיקע קולות פון אַלע זייטן, און עס דאַכט זיך, אַז אין דעם גאַנצן געמיש פון אַלערליי קולות און קלאַנגען, הערט מען נאָר איין איינציק וואָרט: — „בר־רוי־ט!"

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר רייסן זיך אַריין אינעווייניק, און הייבן אָן צו זוכן אין אַלע ווינקעלעך. עס הערן זיך געשרייען פון אַלע זייטן. דראָענדיקע פויסטן הייבן זיך אין דער לופטן. די ברענענדיקע פּייערלעך פון אונדזערע הונ־געריקע אויגן ווערן אַלץ שאַרפער און דורכדרינגלעכער...

פלוצים ווערט אַ געשריי: „געפונען! ס'איז דאָ!" — עטלעכע קליינע ברויטלעך זענען געווען באַהאַלטן אונטער אַ קעסטל, האָט מען זיי גע־פונען. די גאַנצע מאַסע גיט זיך אַ וואָרף צו יענעם ווינקל. דאָס אָרט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מין שלאַכטפעלד... ס'קומט פאָר אַ פאַרביסענער

גערּאַנגל צוליב די עטלעכע ברויטלעך... כ׳בלייב שטיין אין אַ זייט און באַמערק אַ קליין שטיקל צעטראָטן ברויט ליגט אויף דר׳ערד. כ׳בייג זיך איין, גיב דאָס אַ כאַפּ ווי עס וואָלט געווען אַ ווערטפולע זאַך, שטופּ עס אַריין אין קעשענע, אַז קיינער זאָל דאָס נישט באַמערקן און כ׳שאַר זיך אַרויס מיט איילנדיקע טריט.

שוין זייענדיק אויף דער גאַס, נעם איך דאָס זאָרגפעליק אַרויס, האַלט דאָס אַ ווײַלע אין דער האַנט, דערנאָך הייב איך דאָס אָן צו קייען, לאַנגזאַם, כדי איך זאָל וואָס לענגער פילן דעם טעם פון ברויט.

די אַריסטאָקראַטישע געגנט

(רעפּאָרטאַזש)

ווייט פון צענטער פון שטאָט געפינט זיך די אַריסטאָקראַטישע געגנט מיט דער רחבותדיקער פליאַזשע, וואָס אונטערשיידט זיך פון די איבע־ריקע דערמיט וואָס זי איז אָפן פריי, און ציט זיך קילאָמעטערס לאַנג, אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף. ווי רחבותדיק עס זענען דאָ די ווילעס, אַלייען און פּאַרקן.

פון ווייטנס טיילט זיך אויס די גרויסע האָטעל־געביידע, מיט דער רחבותדיקער טעראַסע, און אָן אַ שיעור פענצטער, וואָס קוקן מיט גדלות צום אָפענעם ים אַנטקעגן. ביי די זייטן סטאַרטשען אַרויס רונדע טורעמלעך מיט קליינע פענצטערלעך, און פון ווייטנס זעט אויס די געביידע ווי אַן אַלטערטימלעכע פעסטונג, מיט טורעמלעך פאַר וועכטער, וואָס היטן דעם צוטריט פאַר פרעמדע.

ווען מ׳גייט דורך די שטילע גאַסן, די באַשאָטנטע אַלייען, וואָס זענען פול מיט עקאַליפּטוס־ביימער, מיט נאָדלביימער, וואָס רינגלען אַרום יעדע ווילע, יעדעס הויז, פילט מען אַ פאַרשיכורנדיקן ריח, וואָס מידט איין און פאַרשלעפערט. די שטילקייט פון די גאַסן, די גרינקייט פון די ביימער, די אַרומיקע שלוה באַרויקט דאָס געמיט, מ׳הערט דאָ נישט דעם שטאָ־טישן רעש און געפּילדער, אַ געמיטלעכע רויקייט טראָגט זיך פון די ליידיקע גאַסן, פון די לוקסוסדיקע ווילעס, מיט די אָפענע טעראַסעס און אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן, און ס׳מאַכט דעם איינדרוק — ווי די ווילעס וואָלטן איינגעדרימלט פון דער אַרומיקער שטילקייט. פון צייט צו צייט גייט דורך אַן אויטאָבוס, שלייכט זיך דורך שטילערהייט איבער די ליידיקע גאַסן, ווי ער זאָל נישט וועלן שטערן די חשובע איינוווינער פון דער

געגנט, וואָס האָבן פאַרלאַנגט ביי די הויכע באַהערדן, עס זאָלן צירקולירן וואָס ווייניקער אויטאָבוסן, כדי די געגנט זאָל זיין וואָס ווייניקער צו־טריטלעך פאַר דעם פשוטן המון...

די שלוהדיקע רויקייט, וואָס טראָגט זיך פון די אָפגעזונדערטע ווילעס, פון די ליידיקע גאַסן, מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַרלאָזטער נישט באַוווינטער געגנט, אָן איינוווינער, נאָר דער בלוילעכער רויך, וואָס שלענגלט זיך פון די רויטע קוימענדלעך אין די פרימאָרגנס, אָדער אין די פאַרנאַכטן, די גערטנער, וואָס גייען אַרום די ווילעס, שניידן אַרום דעם גראָז, רייניקן אויס די בלומענבייטן, גלייכן אויס די קוסטעס, זאָגן עדות אַז די „טשאַלעטן" זענען באַוווינט, און זענען אויסגעשטאַט מיטן גאַנצן קאָמפאָרט און לוקסוס.

דער סטיל פון די ווילעס און הייזער איז אַ פאַרשידנאַרטיקער, לויט די קאַפּריזן און איינפאַלן פון די אייגנטימער, אָבער מערסטן טייל זענען די ווילעס געבויט מיט משופּעדיקע דעכער באַדעקט מיט רויטע דאַכעוו־קעס, מיט קוימענדלעך, וואָס קוקן פאַרריסן אין הימל אַריין, מיט קליינע פענצטערלעך, וואָס סטאַרטשען אַרויס פון די בוידעמלעך, מיט גרויסע טעראַסעס און קילע באַשאָטנטע גאַניקלעך.

אַנדערע זעען אויס ווי פויערישע הייזקעס, מיט דעכער פון שטרוי, מיט פאַרקאָוועטע הילצערנע לאָדנס, נאָר די אויטאָס, וואָס שטייען מיט גדלות ביי די טירן, גיבן איבער, אַז אינעווייניק איז אַלץ לוקסוסדיק אויס־געשטאַט, און דאָס בויען די ווילע אין אַ סטיל פון אַ פויערישער כאַטע איז נאָר אַ קאַפּריז אַזאַ.

אַנדערע הייזער האָבן די פאָרעם פון אַ שיף, מיט קליינע רונדע פענצטערלעך, מיט פאָרענטשן ביי די זייטן, טורעמלעך אין מיטן, וואָס זעען אויס ווי שיפסקוימענס, און קוקנדיק פון ווייטנס דוכט זיך אויס, אַז באַלד וועט מען דערהערן אַ סירענע, מאַטראָסן וועלן צונעמען די אַנקערס, די לייטערס, און די שיף וועט ביסלעכווייז אַוועקשווימען אין טיפן ים.

דער גרעסטער טייל געביידעס איז געבויט מיטן גאַנצן קאָמפאָרט און לוקסוס. אַ גרויסער פאַרק רינגלט אַרום דאָס הויז, שטילע באַשאָטנטע אַלייען ציִען זיך פון אַלע זייטן, און שאַפן אַ געמיטלעכע רויִקייט, אַ שווימ־באַסיין קוקט אַרויס פון אינעווייניק און חנדלט זיך שטיפעריש, לאָקט און רופט מיט דער דערפרישנדיקער קילקייט פון זיינע וואַסערן. וויגשטולן און הוידעס זענען צעשטעלט אונטער די שאָטנדיקע ביימער, זענען גרייט אויפצונעמען די אייגנטימער און געסט, איינצוּוויגן זיי אין אַ לייכטן דרימל. די געביידע וועלכע געפינט זיך אין סאַמע מיטן, האָט אַן אַ שיעור פענצטער, פאַסאַדן, טעראַסעס, גאַניקלעך, און באַלקאָנען, אויפצונעמען זון און קילע דערפרישנדיקע ים־לופט. דאָס רחבותדיקע הויז קוקט אַרויס פון אינעווייניק מיט אַ מאַיעסטעטיש חשיבותדיקן בליק. די טעראַסע, וואָס געפינט זיך ביים אַריינגאַנג אין סאַמע פראָנט אָנגעשפּאַרט אויף סלופּעס, מיט אַ טיפן ברייטן אַריינגאַנג מאַכט דעם איינדרוק ווי אַ טריומף־טויער גרייט אויפצונעמען די בעלי־בתים און חשובע געסט. הינטער דער געביידע געפינט זיך דער גאַראַזש פאַר די אויטאָס, דער אויבערשטער שטאָק נוצט פאַר אַ דירה פאַרן שאָפער אָדער פאַר דער דינערשאַפט.

אַ טייל הייזער זענען געבויט אויפן סאַמע אולטראַ מאָדערנעם סטיל, גרויסע ריזיקע פענצטער, וואָס פאַרנעמען די גאַנצע וואַנט, (אויף די פענצטער ווערן נישט אויפגעהאַנגען קיין פאָרהאַנגען, כדי מ׳זאָל קענען זען פון דרויסן די גאַנצע אויסשטאַטונג פון אינעווייניק, די מעבל און די איינריכטונגען), אַרויסשטאַרצנדיקע קאַרניזן, בלאָקן, פילאַרן און קאָ־לומנעס, מיט הילצערנע שטאַרן אין סאַמע פראָנט, וואָס פאַררוקן זיך אין דער גאַנצער לענג. אָפּגעפאַרבטע אויף שרייענדיקע קאָלירן, זעען אויס די הייזער פון ווייטנס ווי גרויסע פּירקאַנטיקע קאַסטנס.

אין די ווינטער־חדשים שטייען די ווילִיעס און פּוסטעווען, די טויערן זענען פאַרהאַקט און פאַרריגלט, און אַרום דעם אַריינגאַנג זאַמלען זיך הויפנס מיסט, אויסגעטריקנטע פאַרגעלטע בלעטער, וואָס דער ווינט פאַר־טראָגט אַהער. דאָס זענען ווינונגען, וואָס די אייגנטימער נוצן נאָר

אין די זומער־חדשים, און דעם גאַנצן ווינטער שטייען זיי ליידיק, און קוקן אַרויס מיט אַ טיפן אומעט אין גאַס אַריין...

אין די האַרבסט־חדשים, זעט אויס, ווי די פּאַרלאָזטע הייזער וואָלטן זיך מתקנא געווען אין די באַוווינטע ווילייעס, ווו מ׳זעט אין די פריי־מאָרגנס ווי ס׳ציט זיך אַ וואַרעמער רויך פון די קוימענס, ס׳הערן זיך מענטשלעכע טריט אויף די אומעטיקע אַלייען, די ליידיקע גאַסן, און קינדיש זאָרגלאָז געלעכטער הילכט אַרויס מיט פרייד פון אַן אָפענעם פענצטער. אין די ווינטיק־רעגנדיקע נעכט, שורשען די בלעטער פון די ביימער אַרום די פּאַרלאָזטע „טשאַלעטן״ מיט יאָמערנדיקע שעפּטשערייען פול מיט לעכצנדיקער בענקשאַפט נאָך מענטשלעכע שטימען.

אָוונטצייט, ווען די בליצלאָמפּן לייכטן אַרויס, פון די געראַומיגע זאַלן, פון די געמיטלעכע ליווינגס, פון די שטייענדיקע לאָמפּן מיט די זיידענע אַבאַזשורן, דאַן שטראָמט אַ יום־טובדיק ליכט איבער די שטילע גאַסן, די גערטנדלעך ווערן באַלויכטן פון די אָנגעצונדענע פּאַראָלן, און די האַלב באַשאָטנטע ביימער און קוסטעס באַקומען אַ מיסטעריעזן, פאַרכישופטן אויסזען.

די אָנגעצונדענע ליכטער שאַפן אַ געוואַלדיקן קאָנטראַסט מיט דער אַרומיקער טונקלקייט, וואָס קומט פון די פאַרלאָזטע ווילייעס, פון די באַ־בוימערטע אַלייען, און ס׳זעט אויס, ווי די גאַנצע געגנט וואָלט געפייערט אַ יום־טוב, אַ לאַנג דערוואַרטעטן נצחון מיט אָנגעצונדענע פאַקעלן.

פון ווייטנס הערט מען דעם שטורמישן גערויש פון די ים־כוואַליעס, וואָס דערנענטערן זיך צום ברעג מיט אַן איינגעהאַלטענער פליעסקעריי, אַפּלאָדירנדיק מיט אַ יובל־אויסגעשריי די יום־טובדיקע פרייד, וואָס שטראָמט אַרויס פון די באַלויכטענע זאַלן, פון די לוקסוסדיקע ווילייעס...

צווישן בלינדע

(רעפּאָרטאַזש)

ווייט הינטער דער שטאָט, צווישן נישט ברוקירטע גאַסן און טונקל גרויע פאַבריק־געביידעס, געפינט זיך אַ בלעכערנער באַראַק, ווו ס׳אַרבעטן מענטשן, האַלבע אינוואַלידן אָדער בלינדע.

דער באַראַק איז האַלב פינצטער. פון די קליינע דאַכפענצטערלעך שיינט אַריין אַ ביסל ליכט, וואָס באַלייכט די טונקל גרויע ווענט און די אומעטיקע דערשלאָגענע פּנימער פון די בלינדע, וואָס זיצן ביי די טישן פאַרטיפט אין דער אַרבעט.

באַלד פון באַגינען זעט מען זיי אָנקומען פון אַלע זייטן שטאָט. זייערע אויגן קוקן שטאַר הינטער די טונקעלע ברילן. זיי באַוועגן זיך מיט די ווייסע שטעקנס, מאַכן אַ קליינעם צירקל און שאַרן פאָרזיכטיק די טריט, זיי זאָלן זיך נישט אָנשטויסן אין עפּעס.

דער ערשטער קומט שטענדיק סעדיה דער תימנער. ער איז שטיל און באַשיידן, טראָגט אַ כיפה און רויטלט זיך ביים רעדן ווי אַ יונג מיידל. ער איז צופרידן און דאַנקבאַר, און ענטפערט שטענדיק הכנעהדיק: ברוך השם, ברוך השם.

נאָך אים קומט נעמי, אויך אַ תימנערין. מ׳רופט זי די רביצין. זי גייט שטענדיק אָנגעטאָן אַ טיכל אויפן קאָפּ און האַלט זיך זייער באַשיידן און צניעותדיק. זי קען נישט פאַרליידן וואָס די אַנדערע אַרבע־טער, וואָס זיצן לעבן איר, רעדן כסדר ניבול פּה.

שפּעטער קומט אַן כאַדזשאַץ. ער שטאַמט פון איראַק. ער איז אַ הויכער, אַן איבערגעוואַקסענער, גייט מיט אַ געשטרעקטן גאַנג, זשמורעט כסדר מיט די אויגן צוליב זיין קורצזיכטיקער ראיה. ער איז אָבער צופרידן

וואָס ער קען גיין אַליין און דאַרף זיך נישט באַנוצן מיטן ווייסן שטעקן ווי די אַנדערע. ער פילט זיך דעריבער האָפערדיק וואָס ער קען אַ סך מאָל אַרויסהעלפן די, וואָס זעען גאָרנישט.

די שוועסטער, רבקה און זהבה, קומען שטענדיק צוזאַמען. צוליב זייער דיקקייט און צעווירנקייט איז זיי שווער צו גיין. זיי טשאַפּען מיט זייערע שווערע טריט און זייערע מוטנע שוואַרצאַפּלען פינטלען נאָך אַנאַנד הינטער די טונקעלע ברילן, ווי זיי זאָלן זיין באַהערשט פון אַ שטענדיקן פּחד זיך נישט אָנצושטויסן אין עפּעס...

אין אַ ווינקל ביי אַ טישל זיצט רפאל. ער איז אַ דיקלעכער, מיט אַ פול גוטמוטיק פּנים, פליישיקע נאַשער־ליפּן. ער זעט זייער ווייניק, ער דאַרף זיך שטאַרק אָנבייגן ער זאָל קענען זען די פאַרשידענע מכשירים און טיילן, וואָס ליגן אַנטקעגן אים, און ער דאַרף זיי צוזאַמענשטעלן. מ'רופט אים דער חזן, ווייל אַ סך מאָל דאַווגט ער פאַרן עמוד אין בית־הכנסת פון יוצאי פּרס, וואָס האָבן זייער שול אין אַ הילצערן שטיבלביים זייט פון כביש. מ'היט זיך אין זיין קעגנוואַרט נישט צו רעדן קיין פּראָסטע רייד. אַלע האָבן פּאַר אים דרך ארץ. ער איז אַ שטילער, אַ שווייגער, נאָר פון צייט צו צייט זינגט ער פאַר זיך שטיל אַ ניגונדל, ווי ער זאָל איינחזרן די תפילות.

מחמוד אַבוזאַדי איז אַ בעדויִנער. ער איז אַ קליין געוויקסיקער, מיט אַ טונקל ברויִן געזיכט, דער אויסדרוק אַ בייזער, אַ ביסטרער, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ כעס אויף אַלעמען. ער גייט איינגעבויגן, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ שווערע משא אויף זיך. ער גייט שטענדיק אָן אַ שטעקן. זיין געזיכט איז שטענדיק פאַרכמורעט, און דערשלאָגן, ווי ער וואָלט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט זיין גורל, און ער האָפט, אַז ס'וועט נאָך קומען אַ טאָג, און די ראיה וועט זיך צו אים אומקערן, און ער וועט זיין ווי אַלע מענטשן.

מיכאל שטאַמט פון רומעניע. ווי ער דערציילט, האָט ער דורכגעמאַכט די שווערע מלחמה־יאָרן אין די לאַגערן. די אומשטענדן, דער הונגער, האָבן אַ תל געמאַכט פון זיין ראיה. ער איז אַ מענטש אין די

מיטעלע יאָרן, ער גייט מיט פעסטע טריט, קלאַפּט הילכיק מיטן שטעקן אין אַלע זייטן, ווי ער זאָל וואָרנען מ׳זאָל אים אָפּטרעטן דעם וועג. ער גייט גלייך מיט אַ געשטרעקטן גאַנג. זיין הויכע פיגור, די ברייטע אַקסלען דייטן אָן, אַז ער איז פול מיט לעבנסקראַפט, מיט ענערגיע, און אַז ער באַמיט זיך איבערשפּאַנען זיין מצב... ער וויל נישט מ׳זאָל אים באַדויערן... מ׳זאָל אויף אים רחמנות האָבן... ער זעצט זיך באַלד צו דער אַרבעט, איילט זיך, ער ווייסט, אַז דאָ אַרבעט מען פון שטיק, קבלנות, און וואָס מער ער וועט אַרויסענדיקן וועט ער מער פאַרדינען.

אַז מ׳דערלאַנגט אים נישט צו דער האַנט, ווערט ער אין כעס, ער שרייט אויפן קול: חומר, חומר! די אַרבעט ברענט אונטער זיינע הענט.

די אַרבעטער טראָגן אויף אים אַ כעס, לאַכן אים אויס, וואָס ער יאָגט פון זיך אַרויס די נשמה, ער וויל אַלעמען איבערשטייגן, איבעריאָגן, און ער רעדט שטענדיק וועגן פאַרדינען וואָס מער געלט.

— אוהב כסף לא ישבע כסף — טייטלט צו אים מיט די פינגער רפאל דער חזן. ער קוקט אויף אים מיט זילזול, מיט גרינגשעצונג, וואָס ער וויל אַלץ אַריינכאַפּן, און ווען ער בעט די אַרבעטער זיי זאָלן אים דערלאַנגען צו דער האַנט, מאַכן זיי זיך נישט הערנדיק, לאָזן אים וואַרטן, ווי זיי זאָלן זיך ווען אָפּרעכענען מיט אים, פאַר זיין געלט־גייציקייט, פאַר זיין וועלן אַלעמען איבערשטייגן מיט דער אַרבעט.

ער בלייבט דעריבער אָפּגעזונדערט פון אַלעמען.

ביי דער הפסקה, ווען יעדער איינער נעמט אַרויס זיין פּעקל עסנ־וואַרג, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך צום פרישטיק, שאַרט מיכאל זיך שטילערהייט אַריין אין ביוראָ צום מנהל מר צבי, און שושקעט זיך מיט אים, באַקלאָגט זיך וואָס אַלע פאַרגינען אים נישט, מ׳איז אים מקנא וואָס ער אַרבעט מער שעהען פון אַלעמען, און נעמט שטענדיק אָפּ אַ גרעסערן געהאַלט, און זיי טוען אים אָן צרות.

אַ יונג מיידל מיט אַ העל ליכטיק פּנים און העל בלאָנדע האָר זיצט ביי אַ טישל און טיילט פונאַנדער פאַרשידענע מאַטעריאַלן אין

באַזונדערע שאַכטלען. אירע אויגן זענען קלאָר און ריין, זי טראָגט נישט קיין טונקעלע ברילן, און ס׳זעט אויס, ווי זי וואָלט געהאַט אַ געזונטע ראיה. זי באַווירקט אַלעמען מיט איר יוגנטלעכקייט, מיט איר פריילעכ־קייט און אירע געזאַנגען. איר קלינגנדיקע שטימע פילט אָן דעם האַלב פינצטערן לאָקאַל מיט פרייד, יוגנט און אָפּטימיזם... זי הויבט אָן זינגען און ציט אַלעמען אַריין אין כאָר, און ס׳זעט אויס, ווי די אינוואַלידן און די בלינדע, וואָס געפינען זיך אין דעם טונקעלן לאָקאַל, ווערן מיטגעריסן פון איר מונטערדיק קול, און זיי שפּירן דעם העלן בלאַסק פון אירע גאָלד בלאָנדע האָר, וואָס באַלייכט דעם גאַנצן אַרום און גיט צו האָפענונג, מוט און טרייסט...

דער לעצטער, וואָס קומט צו דער אַרבעט, איז באַרנעס, וואָס קיינער ווייסט נישט פון וועלכן לאַנד ער שטאַמט. ער דערציילט אַלעמען, אַז אין דער יוגנט איז ער געווען אַ מאַטראָז, אַרומגעפאָרן די גאַנצע וועלט, ער קען דעריבער אַ סך שפּראַכן.

ער איז אַ הויכער, אַ ברייטביייניקער, מיט אַ חוצפּהדיקן בליק. ער גייט מיט אַ שווערן טראַט, קלאַפּט האַסטיק מיטן שטעקן און דונערט אַרויס אויפן הויכן קול זיין „בוקר טוב!", וואָס קלינגט אָפּ הילכיק איבערן גאַנצן לאָקאַל, ווי ער זאָל וועלן אַלעמען מודיע זיין, אַז ער איז דאָ. ער רעדט כסדר ניבול פּה צו די יונגע מיידלעך און ווייבלעך, וואָס ענטפערן אים נישט, פאַרטיפן זיך אין דער אַרבעט, און מאַכן זיך נישט הערנדיק, אָדער לאַכן אַרויס אויפן קול מיט אַ הילכיק קלינגנדיקן געלעכטער, ווי זיי זאָלן וועלן פאַרטויבן און פאַרטושן זיינע פּרעכע רייד.

אין די קאַלטע ווינטערטעג פליען אַ מאָל אַריין דורך די שפּאַלטן פון דעם בלעכערנעם דאַך פלאַטערנדיקע פויגל, וואָס מאַכן קרייזן, זוכנדיק ברעקלעך שפּייז, קרישקעס ברויט, וואָס פאַלן אַראָפּ אויף דער ערד, ווען די אַרבעטער עסן זייער פרישטיק. די פויגלשע צוויטשערייען מאַכן אויפ־לעבן די דערשלאָגענע פּנימער פון די בלינדע, וואָס זיצן איבערגעבויגן איבער די טישן, פאַרטיפט אין דער אַרבעט. זיי רייסן איבער זייער זינגען און הערן זיך איין צו די פויגלשע קולות, וואָס דערמאָנען זיי פון אַ

ליכטיקער וועלט, וואָס איז פול מיט פרייד, מיט זון, מיט לעבן, וואָס לאָקט און רופט. וואָס איז מער נישט געבליבן אין זייער זכרון — ווי אַ ווייטע געדעכעניש...

מתנות פאַר די אייניקלעך

מרים, אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ שאַרפן דורכדרינגנדיקן בליק און ענערגישע געזיכטשטריכן, איז געזעסן אין אַוויאָן אַנגעשפּאַרט אין אַנלען, געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן און זיך איינגעהערט צו דעם פאַרטויבנדיקן גערויש פון די מאָטאָרן, וואָס האָט געזשומעט און גע־גרילצט, ווי עמעצער וואָלט געלאָזן אין גאַנג עלעקטרישע זעגמאַשינען, וואָס סקריפּען פאַרביסן מיט זייערע שטאָלענע ציינער, מאַכן אָן אַ טומל־דיקן רעש, וואָס מאַכט אויפטרייסלען די לופט. דער אַוויאָן האָט געמאַכט עטלעכע קרייזן און זיך אָנגעהויבן אַלץ מער דערווייטערן פון לאַנד, פון איר היים, פון קיבוץ. געשניטן דעם רוים מיט אַ מאַיעסטעטישער גדלות. די מעטאַלענע פליגלען האָבן מיט פאַרריסנקייט זיך געהויבן צום הימל, די שאַרפע וויברירנדיקע טענער האָבן אָפּגעהילכט אין חלל ווי אַ לויב־געזאַנג און אָנערקענונג צו דער מענטשלעכער דערגרייכונג און פּראָגרעס. און וואָס מער דער אַוויאָן האָט זיך דערווייטערט פון איר היים, האָט זי אַלץ מער דערפילט אַזאַ נאָגנדיקע בענקשאַפט, וואָס האָט זי נישט צורו געלאָזן. אין אירע אויערן האָבן נאָך אָפּגעקלונגען די האַרציקע אָפּשיידס־ווונטשן פון אירע קינדער, פון די אייניקלעך, פריינד, חברים.

ביים געזעגענען זיך מיט אַלעמען האָבן אירע אויגן געזוכט אים... יואלן... ער איז אַפילו נישט געקומען זיך געזעגענען ווי אַ פריינד, ווי אַ חבר... אַ פאַרצויגענע ווונד פון אַ סך יאָרן האָט איצט זיך ווידער אויפגעעפנט, איר פאַרשאַפט אַ שאַרפן ווייטאָג. זי האָט זיך באַמיט צו פאַרבאַהאַלטן איר צער און ס'איז איר נישט געלונגען. זי האָט זיך גע־קושט מיט די קינדער, מיט די אייניקלעך און אירע אויגן האָבן גע־בלאָנדזשעט, געזוכט יואלן... איר געוועזענער חבר און פריינד, דעם טיכטיקן קיבוץ־מיטגליד,

זי האָט זיך דערמאָנט — ווען זי מיט יואלן און נאָך אַ גרופּע חברים האָבן געדאַרפט אויפשטעלן אַ נייעם ישוב, דעם איצטיקן קיבוץ. אַרום איז געווען אַ וויסטעניש, שטיינער, דערנער, ווילדגראָזן און שטעכיקע קאַקטוסן, וואָס האָבן אויסגעזען פון ווייטן ווי אַרויסשטאַרצנדיקע קעפּלעך פון גיפטיקע שלאַנגען. זיי האָבן זיך פאַר קיין זאַך נישט געשראָקן. איבער נאַכט זענען אויפגעשטעלט געוואָרןביידלעך, מ׳האָט אָנגעהויבן גראָבן ברונעמער, רייניקן דעם פאַרוואָרלאָזטן באָדן, אַרויסרייסן די שלעכטע געוויקסן, צונעמען די שטיינער — און אַז ס׳האָבן אָנגעהויבן אויפצוגיין די ערשטע זריעהס, די פאַרוואָרלאָזטע ערד איז באַדעקט גע־וואָרן מיט גרינע שפּראָצונגען און פלאַנצען, די פאַרטריקנטע בוימער האָבן אָנגעהויבן בליען און צייטיקן, האָט מען געגאַפט, זיך אַליין נישט געגלויבט, די פּוסטע געגנט איז באַנייט געוואָרן, די וויסטע ערד איז אויפגעריכט געוואָרן און אַ ליכטיק געזאַנג איז אויפגעגאַנגען פון דעם אויפגעלעבטן אַרום.

דער קיבוץ האָט זיך אַלע מאָל פאַרגרעסערט, זיך פונאַנדערגעוואַקסן. ס׳זענען צוגעקומען נייע חברים, נייע מיטגלידער, ניי־געבוירענע קינדער־לעך האָבן אַרומגעשטיפט פריילעך, זאָרגלאָז, דער שטח פון קיבוץ האָט זיך אויסגעשפּרייט, מ׳האָט כסדר צוגעבויט וווינונגען פאַר נייע עולים, די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען פיבערדיק, מיט אַ רעשיקן טעמפּאָ, ווי מ׳זאָל שפּירן אינסטינקטיוו, אַז דאָרטן ווייט אין אייראָפּע גרייט מען עפּעס מוראדיקס אויף אונדזערע אייגענע און נאָענטע און מ׳דאַרף צוגרייטן פאַר זיי אַ מקום־מקלט, אַ היים...

די מורא האָט זיך באַשטעטיקט. צו די ברעגן פון לאַנד האָבן אָנגע־הויבן קומען פאַרפאָלגטע און אַרויסגעטריבענע, יידן מיט צעשראָקענע פּנימער פול מיט גליווערדיקן פּחד. אומעטיקע בליקן האָבן דערציילט ווי אַזוי זיי האָבן באַוויזן זיך צו ראַטעווען...

אין לאַנד האָבן זיי געפונען רו, זיכערקייט, אַ היים.

אין יענער צייט האָט יואל, איר חבר און לעבנס־באַגלייטער, זיך דערווייטערט פון איר. פון די ניי־אָנגעקומענע אין קיבוץ האָט געצויגן

אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט אַ יונג מיידל, וואָס האָט אַלעמען באַווירקט מיט איר לעבנס־לוסטיקייט און פריילעכקייט. איר געלעכטער און געזאַנג האָט אַלעמען פאַרכאַפּט, מיטגעריסן, זי פלעגט טאָן די שווערסטע אַרבעט און קיין מאָל נישט מיד ווערן.

יואל פלעגט פאַרפאַלן ווערן אין די נעכט, שפּעט אין אָוונט זיך אַריינשלייכן אין צימער מיט שטילע שעמעוודיקע טריט, נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט, ווי אַ ווילד־פרעמדער. זי האָט גאַנצע נעכט נישט געקאָנט צומאַכן מיט קיין אויג און ביי טאָג אַרומגעגאַנגען אַ צערודערטע, אַ צעוויייטיקטע פון בענקשאַפט און פאַרדרוס. די אָפּגעפרעמדקייט און דער־ווייטערטקייט פון יואלן צו איר איז געוואָרן אַלץ גרעסער, ביז ער האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעזונדערט פון איר, אַוועק וווינען מיט דער ניי־אָנגעקומענער.

זי איז געבליבן אַליין. די בענקשאַפט צו יואלן האָט זי נישט אָפּ־געלאָזן. גאַנצע נעכט פלעגט זי בלייבן וואַך אויפן געלעגער, אָנגעשפּיצט. ס'האָט זיך איר אַ סך מאָל געדוכט, אַז זי הערט דעם אָפּקלאַנג פון זיין קול, זיינע שווערע, אויפרודערנדיקע טריט, זי שפּירט זיין אָנוועזנקייט, און אַז זי האָט זיך אַרומגעקוקט, געזען, אַז זי איז אַליין, האָט זי אַרומ־גענומען מיט ביידע האַנטפלאַכן די אָנגעצויגענע שלייפן, צונויפגעדריקט די קינבאַקן צו פאַרהאַלטן, דערשטיקן דעם וויטיק, וואָס האָט פון איר אַרויסגעשריגן.

זי האָט אויסגענוצט געלעגנהייטן צו זיין נאָענט מיט אים, אָבער אינסטינקטיוו האָט זי געוווּסט, אַז ס'איז אומזיסט, אַז זי קאָן זיך נישט פאַרמעסטן מיט יענער...

מיט אַ מאָל האָט זי אָנגעהויבן קוקן אויף אירע פאַרהאַרטעוועטע שאַרסטקע הענט, מיט די שפּיצן פינגער האָט זי באַרירט די הויט פון איר געזיכט, זי האָט אָנגעטאַפּט די קנייטשעלעך, וואָס האָבן זיך געוועבט אַרום אירע אויגן־ווינקלען, ווי די קנייטשעלעך זאָלן ווען עפּעס פאַר־שטעלן פאַר איר... פאַרדעקן דעם פיינלעכן סוד פון איר דורכפאַל...

און אַז ס'איז אַריבער אַ געוויסע צייט, האָט זי שלום געמאַכט מיט

איר גורל. די אַרבעט און די פליכטן פון קיבוץ האָבן געמאַכט פאַרגעסן אירע פערזענלעכע לײַדן... די פרייד, אַז דער קיבוץ וואַקסט און פאַרגרעסערט זיך, האָט אַוועקגעשטופּט אַלע אַנדערע רעיונות. ווי אַלץ וואָלט געווען מינדערוויכטיק אַנטקעגן דעם הערלעכן און דעם דערהויבענעם, וואָס ווערט דאָ געשאַפן אויף אייגענער ערד, אַ געזונט־נאַטירלעך לעבן דורך אייגענער מי. גרויס נחת האָט זי געהאַט פון אירע קינדער, וועלכע זענען געוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין קיבוץ, זענען שטענדיק געווען נאָענט מיט איר, אַרויסגעוויזן איר פאַרשטענדעניש און געטריישאַפט. שפּעטער, אַז די קינדער האָבן חתונה געהאַט און ס'זענען אונטערגעקומען די אייניקלעך, האָט זיך אַלץ פון איר אויסגעוועפּט, די קינדער און די אייניקלעך זענען געווען פאַר איר אַ קוואַל פון טרייסט און גענעזונג...

איצט, ווען זי איז געזעסן אויפן אַוויאָן און איז געווען ווייט פון דער היים, ווייט פון די קינדער, האָבן אירע מחשבות איר ווידער דערמאָנט יענע פּיינלעכע איבערלעבונג, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, געטאַטשעט איר אין מוח, נישט צו רו געלאָזן דעם גאַנצן וועג, ביז זי איז אָנגעקומען אין נײַעם לאַנד. אַראָפּגייענדיק דאָס לעצטע טרעפּל פון אַוויאָן, זענען אַלע גריבלענישן און דערמאָנונגען פון יענער פּיינלעכער איבערלעבונג — פאַרשוווּנדן, אַראָפּגעזונקען אין תהום פון פאַרגעסנקייט. אירע געדאַנקען זענען געווען פאַרנומען וועגן דער שליחות, וואָס זי דאַרף דורכפירן, און אַז אַ שווערע אָנגעשטרענגטע אַרבעט וואַרט אויף איר.

די צײַט איז געווען בײַ איר אויסגערעכנט און פּלאַנירט. טרעפונגען מיט פרײַנד און חברים, פאַרלעזונגען און קאָנפערענצן, אויפקלערונגס־אַקטן און שמועסן, אַזוי דעם גאַנצן טאָג ביז די שפּעטע אָוונט־שעהען.

ווי דורכאַקערן אַ פאַרוואָרלאָזטן באָדן, אַזוי איז איר אָנגעקומען צו־צוגרייטן די יוגנט, זײַ דערציִען... מערסטן טייל זענען זיי געווען יוגנטלעכע פון אַסימילירטע רײַכע היימען, דערווײַטערטע און אָפּגעפרעמדטע פון יידישן גייסט און אינהאַלט און מען האָט געדאַרפט אָנהויבן מיט זיי פון בראשית.

שפּעטער, אין אַ צייט אַרום, אַז עס איז איר געלונגען — אַ גרופּע יוגנטלעכע האָבן זיך געגרייט עולה צו זיין, נאָכן דורכמאַכן די געהעריקע צוגרייטונג, — האָט זי געקוקט אויף זיי און זי האָט אירע אייגענע אויגן נישט געגלויבט, אַ סך פון זיי פאַרלאָזן רייכע, באַקוועמע היימען, עלטערן, פריינד, משפחה, רייסן איבער דאָס לערנען און גייען בויען אַ ניי לעבן אין אייגענעם לאַנד, אויף אייגענער ערד, זיי זענען דעצידירט און אַנטשלאָסן צו דערגרייכן זייער ציל...

זי איז געוואָרן מיטגעריסן און פאַרכאַפּט פון אירע פליכטן און אויפגאַבן, וואָס זי דאַרף דורכפירן אין פאַרלויף פון די צוויי יאָר צייט. צוויי יאָר צייט איז איר געגעבן געוואָרן אויסצופירן איר שליחות, און עס דוכט זיך איר, אַז ס׳איז אַזוי ווייניק. די צייט לויפט אומגעהויער שנעל און זי איז פאַרוואָרפן מיט אַרבעט איבערן קאָפּ. פון צייט צו צייט באַקומט זי בריוו פון אירע קינדער, פון אירע אייניקלעך, וואָס שרייבן איר אַזעלכע האַרציקע בריוו, אַז זיי בענקען נאָך איר און וואַרטן מיט אומגעדולד אויף איר קומען.

זי פאָרט פון איין לאַנד אין צווייטן. פאַרשידנאַרטיק זענען די פּייזאַזשן, די פּאַנאָראַמעס, לאַנדשאַפטן, מנהגים, זיטן און געוווינהייטן. אַט איז זי געפלויגן צו די אַנדן־בערג, זיך צו באַקענען מיט אַ נייעם יידישן ישוב, וואָס איז דאָרטן אויסגעוואַקסן. שפּעטער איז איר אויסגעקומען צו זיין אין אַ לאַנד, ווו עס זענען פאַרבליבן שפּורן פון די אַמאָליקע אינקאַ־שבטים, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ הויכע קולטור און ציוויליזאַציע, רעשטן פון טעמפּלען און געביידעס געבויט מיט אַ וווּנדערלעכער אַרכיטעקטאָנישער קונסט. אין אייניקע ערטער האָט מען איר אָנגעוויזן שפּורן פון אינקוויזיציע־מעטאָדן, וואָס מ׳האָט אָנגעווענדעט צו די מאַראַנען, וואָס זענען דאַן געקומען זוכן שוץ אין די לענדער. אָבער די יידישע ישובים פון די אַלע לענדער זענען געווען ענלעך איינער צום אַנדערן, איז זי געקומען צום באַשלוס, נאָכן פאַרענדיקן איר טור. די זעלבע בלאָנדזשענדיקע יוגנט, וואָס דאַרף, מ׳זאָל זי וועקן און דערמאָנען, און דער זעלבער אומרו און בענקשאַפט ביי די עלטערע, וואָס פילן זיך

נישט זיכער מיט זייערע פעסטע איינגעפונדעוועטע פּאָזיציעס.

ס׳האָט זיך דערנענטערט די צייט פון איר אָפּפאָרן. איר מיסיע איז געווען פאַרענדיקט.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי דאַרף ברענגען מתנות פאַר אירע אייניקלעך, ס׳איז איר איינגעפאַלן צו קויפן רעגן־מאַנטעלעך, כדי זיי זאָלן זיך נישט פאַרנעצן, ווען זיי דאַרפן גיין אין שול אין אַ רעגנדיקן טאָג.

זי איז אַריין אין אַ באַקאַנט יידיש געשעפט. דער אייגנטימער, אַ באַקאַנטער היימישער ייד, איז געוואָרן גערירט. ער האָט זי צוגעפירט צו זיין ביוראָ, דערלאַנגט איר אַ שטול, געהייסן איר זיך זעצן. ער האָט זיך איינגעבויגן און געפרעגט מיט הכנעה:

— וויפל אייניקלעך האָט איר, זאָלן זיין געזונט? ס׳וועט זיין פאַר מיר אַ כבוד, אַז איר וועט ביי מיר נעמען די מתנה, איך גיב דאָס אייך אַ געשאַנק — האָט ער אויסגערופן גרויסמוטיק.

— איך האָב אַזוי גוט — האָט זי אָנגעהויבן לאַנגזאַם ציילן, אויסרופן פאַרשידענע נעמען — ווי 68 אייניקלעך.

— וויפל? — האָט ער איבערגעפרעגט מיט שטוינונג, באַלד חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, איר צוגעזאָגט צו געבן אַ מתנה.

— פאַרשטייט איר מיך, — האָט זי געזאָגט מיט אַ באַזאַכט קול, ציילנדיק די ווערטער — אייניקלעך האָב איך מער נישט ווי דריי, נאָר אַז איך וועל ברענגען גומענע מאַנטעלעך נאָר פאַר מיינע אייניקלעך, וואָס וועלן די איבעריקע קינדערלעך אָנטאָן אין אַ רעגנדיקן טאָג? זיי וועלן זיך איינעצן, זיי קאָנען נאָך, חלילה, זיך פאַרקילן. דעריבער וויל איך ברענגען מתנות פאַר אַלע קינדערלעך פון קיבוץ, וואָס גייען אין שול.

דעם סוחרס האַלב איינגעבויגענע געשטאַלט האָט זיך אויסגעגלייכט. ער האָט געגלאָצט און געפינטלט מיט די אויגן וואָס ער איז אַזוי אַריינגעפאַלן. ער האָט געקנייטשט מיטן שטערן ווי ער זאָל טראַכטן צו געפינען אַן אויסוועג און בשעת מעשה געוואָלט פאַרשטיין און באַנעמען דעם טיפן זין פון אירע רייד...

אומעט און טרייסט

מאַן און פרוי זיצן און רעדן צווישן זיך מיט שטילע שעפּטשענדיקע שטימען. אין צווייטן צימער ליגט דער קראַנקער זון און זיי האָבן מורא ער זאָל דערהערן. זייערע פּנימער דריקן אויס זאָרג, אַנגסט, און פאַר־צווייפלונג. פון זינט ס׳האָט פּאַסירט דאָס אומגליק מיטן זון, גייען זיי ביידע אַרום דערדריקט, דערשלאָגן, קאָנען נישט קומען צו זיך פון דעם אומגעריכטן קלאַפּ. די פרוי זיצט מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, אירע אויגן זענען פייכט און פאַרטרערט, זי האַלט פאַרבראָכן די הענט און זיפצט אַלע ווײַלע. זיי פילן אַ נויטווענדיקייט זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן, זיך טיילן מיט זייער צער.

— אַז איך גיב אַ טראַכט וואָס פון אים איז געוואָרן, וואָס ער האָט געמאַכט פון זיך, זיין איצטיקער מצב, ווערט מיר דאָס האַרץ צעריסן, זיין לעבן איז שוין פאַרשפּילט. ער האָט פון זיך געמאַכט אַ תל און אונדז פאַרפינצטערט דאָס לעבן. אַזאַ יונגער בוים, — זאָגט די פרוי מיט אַ וויינענדיק קול.

— ווער איז שולדיק? יעדער מענטש נעמט זיך זיין גורל, יעדער טרעט זיך אויס אַ וועג אין לעבן לויט זיין כאַראַקטער, טעמפּעראַמענט. — זאָגט דער מאַן מיט אַן ענערגיש קול זי צו באַרו:יקן, — ווען ער וואָלט נישט געווען אַזוי פאַרביסן, אימפּולסיוו און ער וואָלט נאָר געטראַכט איין סעקונדע, וואָלט ער דאָס נישט געטאָן.

— דאָס איז ער נישט שולדיק — פּרוּווט די מוטער אים פאַרטיידיקן, — דאָס האָט אים די קראַנקייט געמאַכט אַזוי קאַפּריזנע, געדענקסט דאָך, אַז פון קינדווייז אָן האָבן מיר פון אים קיין גוטן טאָג נישט געהאַט, אַלע קראַנקייטן האָבן זיך צו אים געטשעפּעט, און די דאָקטוירים האָבן גע־זאָגט, אַז איינער פון טויזנט ראַטעוועט זיך ווי ער.

— נו, דעריבער האָט ער שוין נישט געפונען קיין אַנדער אויסוועג?
— זאָגט דער מאַן מיט תרעומות, ווי ער זאָל פאָדערן פון איר אַ דערקלערונג.

— אַלץ צוזאַמען האָט אים צוגעדריקט — פּרוּווט די מוטער אים נע־מען אונטער איר שוץ. — ער איז געווען פאַרצווייפלט, ער האָט זיך געפילט אַנטוישט. וואָס ער האָט געטאָן איז אים נישט געלונגען, ער האָט נישט געזען קיין אויסוועג און ער האָט זיך געוואָלט באַפרייען. איצט פאַרשטיי איך, אַז ער האָט די לעצטע צייט שטאַרק געליטן און מיר האָבן גאָר אַזוי פיל נישט געוווּסט.

— ער איז שולדיק! — שרייט אויס דער מאַן מיט כעס. — וואָס עס זאָל נישט זיין, האָט ער נישט געטאָרט אפילו צולאָזן צו זיך דעם גע־דאַנק צו באַגיין אַזאַ שריט, מאַכן זיך אומגליקלעך און אונדז פאַרפינצטערן דאָס לעבן. דאָס איז עגאָאיזם פון אַ קראַנקן! ער האָט שטענדיק געזען נאָר זיך אַליין...

— טאָרסט אים נישט באַשולדיקן — זאָגט די פרוי מיט אַ דערשלאָגן קול — די ליידן האָבן אים געבראַכט צו דעם. ווי זאָגט מען „אַ מענטש איז אַמאָל שטאַרקער פון אייזן און שוואַכער ווי אַ פליג" און איך גלויב נישט, אַז ער זאָל דאָס האָבן געטאָן באַוווּסטזיניק, מיטן שכל הישר, — גיט זי צו פאַרטראַכט. — ער האָט זיך געפילט אָפּהענטיק, דערדריקט, אַליין, און ער האָט געוואָלט מאַכן אַ סוף צו זיינע ליידן.

— אָבער ווי פאַרצווייפלט אַ מענטש זאָל נישט זיין, דאַרף מען נישט פאַרגעסן די פליכטן צו דער היים, צו דער משפחה, צו ווייב און קינד. נישט פאַרשאַפן אַלעמען אַזוי פיל צער, אַנדערע לעבן דורך די גרעסטע טראַ־געדיעס און פאַרלירן זיך נישט, גיבן זיך נישט אונטער, לאָזן נישט צו צו זיך די פינצטערע געדאַנקען, ווייל אַלץ גייט אַריבער, און מ׳זעט דערנאָך, אַז ס׳איז געווען אַן אומזיניקער געדאַנק.

— פאַרגעס נישט, אַז פון קינדווייז אָן האָט ער געליטן, שטענדיק געקרענקט. דעריבער איז ער געווען אַזוי פאַרביטערט. — הערט נישט אויף די מוטער אים צו פאַרטיידיקן. — אַלס קינד האָט ער זיך שוין

געפילט היגטערשטעליק קעגן אַנדערע, אַ קרענקלעכע קנאה האָט זיך אין אים איינגעוואָרצלט נאָך פון קינדווייז אָן, ווען ער האָט געזען ווי אַנדערע קינדער לויפן, שפּרינגען, לאַכן און ער פלעגט בלייבן זיצן אומעטיק, אַליין. צוליב זיין שוואַכער ראיה האָט מען אים געדאַרפט פירן, באַגלייטן. און די שפּעטערדיקע דורכפאַלן האָבן איבערגעפּולט די מאָס.

— דאָס האָט ער די שולד! — כאַפּט זיך אָן דער מאַן אין די לעצטע ווערטער — זיין פאַרביסנקייט, זיין אָפּגעזונדערטקייט, דאָס נישט לעבן בשלום מיט קיינעם פון דער פאַמיליע, האָט אַלעמען אָפּגעשטויסן, און דערצו איז ער שטענדיק געווען אַ פאַרשלאָסענער אין זיך, קיינעם גאָר נישט דערציילט. טאָ ווי אַזוי האָבן מיר געקענט וויסן ?

— מיר האָבן אָבער אַלץ געטאָן אים צו ראַטעווען דאָס לעבן. —

— פרוווט דער מאַן צו פאַרציען דעם שמועס אין אַן אַנדער ריכטונג. — די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געלעגן באַוווסטלאָז, זיך געראַנגלט צווישן לעבן און טויט, ביסטו נישט אָפּגעטראָטן פון זיין בעט, געוואַכט איבער אים טאָג און נאַכט, אים אָפּגעהיט ביז ער איז אַרויס פון געפאַר. איך פלעג דיך באַוווּנדערן, — זאָגט דער מאַן מיט אַן אויפמונטערדיקן קול — דיין מוט, דיין עקשנות און ענערגיע, דאָס האָט ער דיר צו פאַרדאַנקען זיין לעבן.

— וואָס קומט מיר אַרויס, אַז ער איז איצט אומבאַהאָלפן ווי אַ קליין קינד, — זאָגט די פרוי מיט פאַרלאָפענע אויגן — זיין וועלט בלייבט פאַר אים שוין פינצטער, אָן ליכט און אָן פרייד. די ראיה האָט ער כמעט ווי פאַרלוירן, אויף איין אויג זעט ער קוים עפּעס, ער בלייבט אַן אומגליקלעכער אויפן גאַנצן לעבן...

דער מאַן בלייבט אַ ווײַלע שטיל, פאַרטראַכט, דער פּיינלעכער מצב פון זיין זון, די דערדריקטקייט פון זיין פרוי, דער אומעט, וואָס האָט איינגעהילט זייער היים, מאַכן שווער זיין האַרץ. ער זעט זיין פרוי זיצן מיט פאַרבראָכענע הענט, די פאַרלאָפענע אויגן קוקן מיט צער און

טרויער, ס׳האַרץ פאַרדריקט אים פון מיטגעפיל און רחמנות, ער זוכט זי צו טרייסטן.

— איצט אַז עס איז אים שוין בעסער און ער קען שוין אַרומגיין אַליין, דאַרפסטו זיין צופרידן. אַז איך דערמאָן זיך זיין פריִערדיקן מצב, אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד מ׳האָט אים געבראַכט, גייט מיר דורך אַ שוידער. איך גלויב זיך אַליין נישט, די דאָקטוירים האָבן דאָך נישט געהאַלטן פון אים, אים כמעט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן.

— מ׳טאָר נישט זינדיקן מיט די רייד — זאָגט די פרוי מיט התנצלות. — בשעת זיין לעבן איז געווען אין סכנה, ווען זיין צושטאַנד איז געווען געפערלעך, האָב איך נאָר געבעטן צו גאָט ער זאָל אים ראַטעווען, ער זאָל בלייבן לעבן. דאָס איז געווען מיין איינציקער פאַר־לאַנג און ווונטש און איצט...

— דער עיקר דאַרפסטו זיך נעמען אין די הענט, — זאָגט דער מאַן באַפעלעריש, ווייל איבערהאַקן דעם שמועס, — פאַרגעס נישט, אַז מיר האָבן נאָך קינדער און טייערע אייניקלעך, זאָלן זיין געזונט און שטאַרק, דאַרפסט זיך שטאַרקן, מוזט זיין מוטיק, צוליב אונדז אַלעמען.

— כ׳קען נישט, כ׳קען נישט — פּלאַצט אַרויס די פרוי מיט אַ יאָמערדיק געוויין, — אַ מאַמעס האַרץ בלוטיקט מער ווען איר קינד ליידט, מיין לעבן געהערט מער נישט צו מיר. איך וועל אַלץ טאָן אים צו פאַרגרינגערן זיינע ליידן, ער זאָל זיך נישט פילן הילפלאָז, עלנט.

אַ פלוצלונגדיק קלאַפּן אין טיר רייסט איבער דעם שמועס. באַלד עפנט זיך די טיר, ס׳לויפן אַריין צוויי אויסגעפּוצטע מיידלעך, וואָס פאַרהילכן די שטוב מיט זייערע קלינגנדיקע שטימעלעך און קינדערש געלעכטער. ס׳באַוויזט זיך דער עלטערער זון מיט דער פרוי, זיי פרעגן זיך באַלד אויפן קראַנקן, וואָס ער מאַכט? ווי ער פילט זיך? און אַז זיי באַמערקן די אומעטיקע פּנימער פון טאַטע־מאַמע, בלייבן זיי שטיל, קוקן צו דער טיר פון האַלב באַלויכטענעם צימער, ווו דער קראַנקער ליגט, און מאַכן צייכנס די קינדער זיי זאָלן זיך האַלטן רויִק.

די אייניקלעך לויפן צו צו זיידע־באָבע, נעמען זיי אַרום און קושן

זיי מיט האַרציקער ליבשאַפט, זייערע קינדישע אייגעלעך לייכטן מיט תמימותדיקער פרייד און זאָרגלאָזיקייט, זיי ווילן פאַרטרייבן דעם אומעט, וואָס ליגט אויסגעגאָסן אויף אַלעמענס פּנימער, און מאַכן זיך פאַרגעסן טאַטע־מאַמעס וואָרענונגען, און פילן אָן דאָס צימער מיט אַ פריילעך טומלדיקער שטיפעריי.

די באָבע ווישט זיך שנעל אויס די פאַרטרערטע אויגן, טוליעט צערטלעך די אייניקלעך צו זיך, דריקט זיי מיט ליבשאַפט צו איר האַרצן. איר אומעטיקער בליק לייטערט זיך, באַקומט אַן אויפלעבנדיקן גלאַנץ. עס פאַרשווינדן די פייניקנדיקע רעיונות, דער שווערער טרויער, וואָס קוקט אַרויס פון אַלע ווינקעלעך פון איר הויז. די אייניקלעכס שטיפערייען און טומל מאַכן איר פאַרגעסן אין קראַנקן זון, זיין מצב, זי זעט נאָר זייערע שיינענדיקע פּנימלעך ווי צוויי ליכטיקע שפילנדיקע זונשטראַלן, וואָס האָבן מיט אַ מאָל אַריינגעשיינט אין איר הויז, אויפגעלעבט איר פאַר־פינצטערטע היים.

און בשעת זי טוליעט אַזוי צערטלעך די אייניקלעך צו זיך, קומען איר אויפן געדאַנק עטלעכע שורות פון אַ ליד, וואָס זי האָט אַמאָל גע־הערט זינגען:

די גאָלדענע פּאַווע, די גאָלדענע פּאַווע,
ווען זי קוקט אַרויף אויף איר גאָלדענער קרוין,
פרייט זיך און לאַכט, פרייט זיך און לאַכט;
די גאָלדענע פּאַווע, די גאָלדענע פּאַווע,
ווען זי קוקט אַראָפּ אויף אירע מיאוסע פיס,
יאָמערט און וויינט, יאָמערט און וויינט.

שאַטנס

אין דער דירה וואָס עס פאַרנעמט דאָס אַלטע פּאָרפּאָלק, הערשט שוין יאָרן לאַנג אַן אָפּגעזעצטע אומהיימלעכע שטילקייט, וואָס איז דורכגענומען מיט טוכלע ריחות פון פייכטקייט, שימל און אַלטקייט.

ביי דער זייט שטייען די אַלמערס ספרים און ביכער פון פאַרשידענע מחברים, וואָס זענען צונויפגעדריקט איינער צום אַנדערן, ווי זיי וואָלטן זיך טוליען אין זייער עלנטקייט און פאַרלאָזנקייט... וואָס זעלטן ווען מ׳נעמט אַרויס אַ ספר, אָדער אַ בוך צום לייענען. זעלטן ווען באַרירן זיי וואַרעמע מענטשלעכע הענט.

איבער די אַלמערס ספרים הענגען די חתונה־בילדער פון דעם אַלטן פּאָרפּאָלק, וואָס רופן אַרויס זכרונות, דעריננערונגען פון זייערע יונגע יאָרן. זיי שטייען האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן מיט צערטלעכקייט און ליבשאַפט, זענען פול מיט האָפענונגען וועגן זייער צוקונפטיק לעבן, וואָס זאָגט זיי צו פרייד, גליק און געניוס...

די אָפּגעבליאַקעוועטע בילדער פילן זיך פרעמד אין דער אומהיימלעכער שטילקייט, צווישן די פאַרדומפּענע ריחות פון אַלטקייט און שימל, זיי קוקן מיט רחמנות צו די אַלטע לייט, וואָס דרייען זיך אַרום מיט פּלאָנטערנדיקע טריט איבער די צימערן, קרעכצן אין דער שטיל, באַקלאָגן זיך אויף ווייטיקן, קלעמענישן און זעען אויס ווי שאָטנס.

די פרוי טשאַפּעט אַרום באַלד פון פרימאָרגן איבער די צימערן, זי האָט נישט קיין גלייכגעוויכט און וויגט זיך ביים גיין, ווי אַן אומרו פון אַ זייגער. זי ווערט באַלד פאַרמאַטערט, זי טוט אַלץ מעכאַניש, פון געוווינהייט. די ראיה דינט איר נישט, דער זכרון איז איר שוואַך. די מחשבות פּלאָנטערן זיך אין איר קאָפּ, זי דערמאָנט זיך אין עפּעס, און פאַר־

געסט באַלד. עפּיזאָדן און פּאַסירונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט און פון דער קעגנוואַרט קרייצן זיך צוזאַמען און זי קען זיך נישט פונאַנדערקלייבן.

זי געדענקט נאָר, אַז אַמאָל, שוין גאָר לאַנג, האָט איר מאַן זיך גערעכנט פון די פיינסטע בחורים פון זייער שטעטל. אַן איידעלער, אַ שטילער, איז ער אַלעמען געפעלן געוואָרן, און זי, דעם רבס טאָכטער, איז געווען פון די שענסטע מיידלעך, און אַז דער טאַטעשי, דער רבֿ, וואָס איז געווען באַליבט ביי אַלעמען, האָט זי צוגערופן און געזאָגט, אַז מ׳רעדט איר אַ שידוך מיט דעם און דעם יונגנמאַן, האָט זי באַלד איינגעשטימט. זי האָט אים אַ סך מאָל געזען, ווען זי איז געגאַנגען שפּאַצירן מיט די חברטעס הינטערן שטאָט. ווען זיי האָבן חתונה געהאַט, האָט מען זיי גערופן דאָס ליאַלקע־פּאָרל, אַז מ׳האָט זיי געזען דורכגיין די גאַס, איז מען אַרויסגעלאָפן זיי נאָכקוקן. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיי מקנא געווען. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען נישט קיין צוגעפּאַסטע פּאָר. זי האָט נאָר געוואָלט אַרויסגיין, פאַרברענגען, זיך פאַר־ווײַלן, און ער איז געווען אַ שטובזיצער, זיי האָבן געהאַלטן אין איין אַרומקריגן זיך, און ס׳איז ביי זיי נישט געווען קיין שלום־בית.

זי האָט שטענדיק דערמאָנט איר יחוס, איר טאַטעשי דעם רבֿ, און אַז זי איז געווען דאָס שענסטע מיידל פון שטעטל, און אַלע האָבן זי געוואָלט; אַז זי וואָלט געקענט טאָן דעם בעסטן שידוך און נישט אָפּפינצטערן אירע יונגע יאָרן מיט אים, קיין מאָל נישט אַרויסגיין אין ערגעץ, נישט אָנזען די ליכטיקע שיין, ווערן פאַרשימלט.

איצט, אויף די עלטערע יאָרן, האָבן די קריגערייען, די חילוקי־דעות שוין לאַנג אויפגעהערט. איצט טראַכטן זיי וועגן זייערע מחלות און מי־חושים, וואָס דערקוטשען זיי, לאָזן זיי נישט שלאָפן די נעכט. זיי שטייען אויף באַלד אין באַגינען, דרייען זיך אַרום איבער די פאַרשטיקטע צי־מערן, קרעכצן פון די ווייטיקן, און גענעצן פון לאַנגווייליקייט און איינ־זאַמקייט.

ער, דער מאַן, זעט אויס פיל יינגער פון איר, זיין גלייכער גע־

שטרעקטער גאַנג, די גלאַטקייט פון זיין געזיכט, דער יוגנטלעכער גלאַנץ פון זיינע אויגן, לייקענענדיק אַפּ זיינע יאָרן, און אַנטקעגן אים זעט זי אויס ווי אַ זקנה. אַז ער קוקט אויף איר, וווּנדערט ער זיך ווי אַזוי זי האָט זיך געענדערט, זיך שטאַרק פאַרעלטערט אין דער לעצטער צייט, און ער טראַכט, ווי אַזוי האָט ער געקענט לעבן מיט איר אַזוי פיל יאָרן. באַלד ווי זיי האָבן געהייראַט, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז זי איז ווייט פון אים, פאַרשטייט אים נישט, פילט אים נישט מיט, זי האָט נאָר געטראַכט פון זיך, פון איר פיגור, גיין פאַרברענגען, און נישט געוואָלט אפילו הערן פון אַ קינד... באשר דאָס וועט ענדערן איר קערפּער, איר שלאַנקייט, זי וועט ווערן פאַרשקלאַפּט צום קינד, נישט קענען אַרויסגיין אין ערגעץ, זי וועט דאַרפן ווערן אַ שטוב־זיצערין. דאַן איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אַז זי איז נישט פּאַר אים קיין זיווג, זיי וועלן זיך קיין מאָל נישט פאַרשטיין, און ער האָט זיך געוואָלט מיט איר שיידן... ווען ער האָט אָבער געטראַכט, וואָס פאַראַ ליידן ער וועט מיט דעם פאַרשאַפן זיין שווער, וואָס איז געווען דער רב אין שטעטל, און ער האָט אים שטענדיק מקרב געווען. ער איז געווען אַזאַ איידעלער מענטש, אַ שוואַכער, אַ האַרץ־ליידנדיקער, און כדי אים נישט צו מבייש זיין, ער זאָל נישט האָבן קיין צער, האָט ער דאָס אַלע מאָל אָפּגעלייגט...

איצט אויף דער עלטער פילט ער די איינזאַמקייט און די עלנטקייט, און ער באַשולדיקט זי, וואָס זיי זענען ווי אָפּגעריסן פון אַלעמען, אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט. צוויי עלנטע שטיינער, און אַז צוליב איר שולד לאָזן זיי נישט נאָך זיך קיינעם, וואָס זאָל זיך דערמאָנען אין זיי.... וואָס זאָל זיי געדענקען, און אַז מיט זייער אַוועקגיין וועט אַלץ ווערן אָפּגעמעקט און פאַרגעסן, ווי אַ פאַרוויאַנעטע פלאַנץ, וואָס פאַלט צו דער ערד און ווערט פאַרוואַנדלט אין שטויב...

און ער טראַכט, אַז ער האָט אָפּגעלעבט אַ זינלאָז לעבן, אָן פרייד און אָן גליק, אָן ליבשאַפט און אָן פריינדשאַפט... אין שטענדיקער קריגערייַ, און זיין גאַנץ לעבן איז געווען אַ פאַרזען, אַ מיספאַרשטענדעניש, וואָס

ס׳איז שווער געווען אויסצובעסערן. נאָך זיי וועט נישט בלייבן קיין שום געדעכעניש ווי אַ פאַרבייגייענדיקער וואָלקן, וואָס פאַרשווינדט, ווערט צערונען אין רוים און ס׳בלייבט נישט פון אים קיין זכר...

אַן אומזיניק לעבן

אַראָפּגייענדיק פון קראַנקן בעט, האָט מענדל לערקין געשטעלט קליינע אָפּגעהיטע טריט, אָנהאַלטנדיק זיך אין דער פּרויס אַקסלען. ער האָט געפילט אַ שוואַכקייט אין אַלע גלידער, אַ פּוסטקייט אין מוח און אַ קלעמעניש אין האַרצן. זיינע טריט זענען געווען אומזיכערע, וואַקלדיקע, ווי ער וואָלט געטראָטן אויף אַ נישט־שטאַנדהאַפטיקן באָדן און האָט מורא, אַז ער וועט איינזינקען. ווען ער איז דורכגעגאַנגען עטלעכע מאָל איבערן צימער, האָט זיין דורכזיכטיק בלאַס פּנים באַקומען אַ רויטלעך־שפּילנדיקע פאַרב; זיין מאַטער, האַלב פאַרלאָשענער בליק האָט אויפגעפלעמט מיט אַן אויפלויכטנדיקן גלאַנץ.

די פרוי האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ וואַרעם קול, פול מיט איבערגעבנקייט און געטריישאַפט:

— נו, דאַנקען גאָט דערפאַר, אַז איך זע דיך שוין אַרומגיין צו ביסלעך. איצט, אַז דו וועסט קומען צו די כוחות, דאַרפסטו זען זיך נעמען אין די הענט — האָט זי צוגעגעבן — נישט זיין אַזוי פאַרנאַרט. פאַרגעס נישט, אַז מיר זענען שוין נישט קיין יונגע מענטשן, און מיר האָבן דאָך גאָרנישט גענאָסן פון לעבן, קיין חיי־שעה נישט געהאַט, שטענדיק איז ביי אונדז נאָר געווען די פאַבריק, די באַשטעלונגען, די חובות, די פליכטן און זאָרגן פאַר די קינדער. מיר האָבן דאָך קיין מאָל נישט אָנגעזען די ליכטיקע וועלט. געדענקסט, מיר פלעגןביידע זיצן ביז שפּעט ביי נאַכט ביי די מאַשינען, נישט געוווּסט פון קיין שבת און פון קיין יום־טוב. שטענדיק אַריינגעטאָן אין יאָך פון דער אַרבעט, ווי איינגעשפּאַנטע פערד...

מענדל לערקין, דער אָנגעזעענער אינדוסטריעלער און אונטערנעמער, איז ערשט נישט לאַנג געווען דער גרויסער איינרייסער, געוווינט געווען אַרויסצוגעבן באַפעלן און האַלטן די גאַנצע פאַבריק אויף זיין קאָפּ, אונטער

זיין אָנפירונג. ער איז געווען איינגעגלויבט, אַז ער איז די טרייבקראַפט, וואָס באַוועגט דעם גרויסן מעכאַניזם פון דער אונטערנעמונג, וואָס פּראָ־דוצירט, שאַפט, וואָס האָט פאַרבינדונגען מיט די ווייטסטע געגנטן פון לאַנד און אַלע פירן אויס זיינע באַפעלן, זיינע פאַראָרדנונגען. ער, מענדל לערקין, זעט איצט אויס ווי אַ צעבראָכענער שאַרבן. און דער גאַנצער פריערדיקער הו־האַ, דער גאַנצער טומל, דאָס האַווען און יאָגן, זעט אים איצט אויס ווייט און פרעמד... ווי אַן עכאָ פון אַ פאַרגאַנגענעם שטורעם, וואָס האַלט זיך אין איין דערווייטערן...

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט. אָפּגעצויגן דעם אָטעם, אַ זיפץ געטאָן און געשאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געגעבן זיין איינשטימיקייט צו זיין פּרויס רייד. די גאַנצע צייט פון זיין ליגן צו בעט, האָט ער נישט איין מאָל געזען דעם טויט פאַר די אויגן, מיט ציטער געטראַכט, אַז עס דערנענטערט זיך זיין סוף... און ער האָט באַדויערט, געטראַכט, אַז ער האָט געלעבט אַ נאַריש, אומזיניק לעבן...

איין מאָל האָט ער באַשלאָסן אַוועקצוואַרפן אַלע געשעפטן און זיך אַרומקוקן אַ ביסל אויף זיך, און זיין באַשלוס קיין מאָל נישט דורכגע־פירט, ווי אַ געהיימער כוח וואָלט אים געהאַלטן אין קלעם, שטענדיק אים געשטויסן און געטריבן אין יאָך. אַלע מאָל האָט ער זיך מער פאַר־פלאָנטערט אין אַנדערע מסחרים, נייע חובות און פאַרפליכטונגען. די געשעפטן, די פאַבריק, האָבן אים געהאַלטן אין שפּאַן, ווי ער וואָלט נישט געווען קיין באַלעבאָס איבער זיין אייגענעם גורל... ביז ער איז קראַנק געוואָרן.

— ביסט גערעכט — האָט ער געזאָגט מיט אַ שלאַבעריק קול, — אַז מ׳איז געזונט, וויל מען אַריינכאַפּן די גאַנצע וועלט ; מ׳וויל פאַרזאָרגן אויף שפּעטער, אויף מאָרגן... מען לויפט, מען יאָגט, מען מיינט, אַז מ׳וועט לעבן אייביק... ביז עס קומט אַ מאָמענט, ווען מען זעט אַרויס, אַז אַלץ איז איבעריק און נוצלאָז...

— איצט, מיין מאַן, דאַרפן מיר וויסן ווי אַזוי צו לעבן, — האָט די פרוי ווייטער זיך אָנגערופן, ווי זי זאָל וועלן אים אויפמונטערן, אים

אַרויסנעמען פון זיין דערשלאָגנקייט און פאַרזאָרגטקייט. — דו דאַרפסט זיך מער נישט פאַרנעמען מיט דער פאַבריק, מיט די מסחרים. די זאָרגן, די פליכטן, דאָס איז פאַר דיר סם־המות. געדענק, אַז דער דאָקטער האָט אָנגעזאָגט, אַז דו מוזט האָבן אַ רויק שטיל לעבן, אָן דאגות און אָן פליכטן. נאָר אַזוי אַרום וועסטו קענען גיך קומען צו די כוחות, וועסט זיך גיך דערהאָלן. איבעריקנס — האָט זי צוגעגעבן — האָסטו שוין נישט קיין נויטווענדיקייט דערצו. האָסט שוין גענוג פאַרזאָרגט, אָנגעגרייט... איצט דאַרפסטו נאָר שאָנעווען דיין געזונט, און אַז דו וועסט זיך צוריקציִען פון די געשעפטן, וועלן די קינדער מער וויסן פון די פליכטן, וועלן האָבן מער פאַראַנטוואָרטלעכקייט... זיי זענען יונג, געזונט, זאָלן זיי נישט מיינען, אַז עס קומט אָן אַזוי גרינג, אַז אַלץ פאַלט אַראָפּ פון הימל...

מענדל לערקין האָט געשוויגן, ווי ער זאָל געבן זיין הסכמה צו אירע רייד. ער האָט געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד, ווי ער זאָל זיך פילן שולדיק... ער האָט געקוקט פאַר זיך אויף איין פונקט, ווי אין אָט דעם קליינעם פּינטעלע וואָלט ער געזען פאַר זיך זיין גאַנץ לעבן, וואָס האָט אים אויסגעזען אַזוי נאַריש, זינלאָז און פאַטאַל, ווי עמיצער וואָלט זיך אָפּגערעכנט מיט אים פאַר דער גאַנצער צייט, אָנגעדייט אויף זיין שפּלדיקייט, זיין דורכפאַל...

מענדל לערקינען האָט זיך איצט אויסגעוויזן, אַז נישט זיין אייגענע פרוי, וואָס האָט אים אָפּגעהיט די גאַנצע צייט פון זיין קראַנק זיין, זיצט לעבן אים און רעדט צו אים אַזוינע שאַרפע שטראָפנדיקע רייד, נאָר ווי ער וואָלט זיך געפונען אין אַ גרויסן זאַל, וווּ עס זיצן אויבן אָן שטייפע אָנגעצויגענע ריכטער, וואָס פאַרשן זיין לעבן... זיינע מעשים... ער זיצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק און דער פּראָקוראָר זוכט און גראָבט און דעקט אויף זיינע באַגאַנגענע טעותן. די באַשולדיקונגס־ווערטער האָגלען איבער אים, פאַרשאַפן אים מוראדיקע יסורים. ער זיצט איינגעקורטשעט, ווי ער וואָלט מורא האָבן אויפצוהייבן זיין קאָפּ. זיינע אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען, זיין אומזיכערער צעפלאָסענער בליק, דערציילן, אַז ער באַדויערט זיך אַליין און ס'טוט אים באַנג ווען ער זעט דעם סך־הכל, וואָס איז פון

אים געוואָרן און פאַר וואָס ער האָט זיך קיין מאָל נישט צוגעהערט צו זיין פרויס רייד. זי האָט אים שטענדיק געוואָרנט, אַז ער פטרט אַוועק זיין געזונט, זיין לעבן, זיינע כוחות. איצט זעט ער, אַז זי איז געווען גערעכט...

☆

דער חתונה־געהאַטער זון איז אַלע טאָג געקומען זען דעם טאַטן. געקומען מיט דער פרוי און אַריינקומענדיק מיטגעבראַכט יוגנטלעכן רייץ, פרישקייט, מונטערקייט און לעבנסלוסט. ער האָט מיט זיין קומען אויפ־געפרישט און אויפגעלעבט דאָס פאַרשטיקטע צימער, וואָס איז געווען פול מיט שווערע ריחות פון רפואות, אומעט און מענטשלעכער אומבאַ־האָלפנקייט...

זייערע לעבהאַפטיקע שטימען האָבן געקלונגען איבערן צימער מיט יוגנטלעכער מונטערקייט און זאָרגלאָזיקייט. ביידע האָבן יעדעס מאָל גע־שטעלט די זעלבע פראַגע: — וואָס ער מאַכט? ווי ער פילט זיך? און געגעבן גערעכט דער מאַמען, אַז ער זאָל זיך נישט דערוועגן טראַכטן פון דער פאַבריק. אים פאַרזיכערט, אַז אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג, און ביים אַוועקגיין האָבן ביידע געקוקט אויף אים מיט מיטלייד און געטראַכט אין זיך, אַז דער פאָטער איז געווען אַ פאַרנאַרטער מענטש. שטענדיק געווען אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, זיך אַרומגעטראָגן מיט זאָרגן, מיט קלעמענישן, זיך געגריזשעט ביי יעדער קלייניקייט, ביז ער איז געפאַלן, קראַנק געוואָרן. אָבער ער וועט אַזוי נישט זיין. ער האָט שוין אַביישפּיל... און ס׳איז אַן אומזין צו פטרן דאָס געזונט ביי דער אַרבעט... ער מיט זיין פרוי האָבן אָפּגערעדט, באַשלאָסן אויסצונוצן פון לעבן וויפל מ׳קען. זיך אָנטאָן אַלע פאַרגעניגנס און ווילטאָגן...

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז דער זון געקומען אויף אַ באַזוך, געקוקט אויפן טאַטן, ווי ער גייט אַרום אַן איינגעבויגענער, אַ פאַרזאָרג־

טער, אַ פאַרדאגהטער, קען זיך קיין אָרט נישט געפינען אין שטוב, גייט אַרום איבערן צימער און זיפצט אַרויס אַלע מאָל.

— קום, טאַטע, איך וועל דיך מיטנעמען אין פאַבריק, — האָט דער זון געזאָגט מיט אַן אויפמוטיקנדיקער שטים, ווי ער זאָל וועלן אים אויפ־מונטערן, אַרויסנעמען פון זיין דערדריקטן מצב. — קום, וועסט זיך צע־שטרייען. פון זיין אין שטוב אַליין, קען מען פאַרנודזשיעט ווערן, — האָט ער פאַרענדיקט, ווי ער זאָל רעדן צו זיך אַליין.

ער האָט אָנגענומען פאַרן אָרעם דעם פאָטער, וועלכער איז מיטגע־גאַנגען מיט קליינע קינדערשע טריט, אים צוגעפירט צום אויטאָ, געהאָלפן אַריינשטייגן. ער איז געפאָרן לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, ביז זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דער פאַבריק.

אַריינקומענדיק אינעווייניק האָט מענדל לערקין אויפגעלעבט. ער האָט אויפגעכאַפּט דעם וויברירנדיקן געקלימפּער פון די מאַשינען, וואָס איז זיך צעגאַנגען אין פאַרשידענע טענער און קלאַנגען. פאַר מענדל לערקינען האָט דער גערויש פון די מאַשינען אָפּגעקלונגען ווי אויפשפּילנדיקע מוזיק, וואָס באַגריסט זיין אָנקומען, זיין געזונט ווערן, און די מאַשינען דריקן אויס מיט זייער שטאָלענעם געגרילץ זייער פרייד — אַז ער וועט ווידער קענען פאַרנעמען זיין פריערדיקן פּלאַץ אין דער פאַבריק...

ער איז אַריין אין ביורא. אינעווייניק איז אָנגעגאַנגען דער שטענ־דיקער ריטם פון אויפנעמען באַפעלן, פאַראָרדנונגען און אָנווייזונגען. די טעלעפאָנען האָבן זיך צעקלונגען מיט אַ מאָל, געגלעקלט נאָך אַנאַנד, ווי זיי וואָלטן אָנזאָגן אַ גוטע בשורה. דער אויטאָמאַטישער זייגער, ביים אַריינגאַנג, וואָס קאָנטראָלירט גענוי די צייט פון די אַרבעטערס קומען און אַוועקגיין, האָט ווי אַ געטרייער איבערגעגעבענער שומר, נאָכפאַר־שעריש נאָכגעקוקט יעדערנס אַריינקומען און אַוועקגיין.

☆

נאָך אַ קורצער צייט פון רוען און אָפּהיטן זיך, איז מענדל לערקין ווידער געקומען צו די כוחות, געפילט זיך קרעפטיקער, מונטער און גע־הויבענער, און זיך ווידער אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין יאָך.

מענדל לערקין האָט אָנגעהויבן קומען אין דער פֿאַבריק באַלד פֿון באַגינען, צוגלייך מיט די אַרבעטער, און דערפֿילט, אַז ער פֿאַרנעמט ווידער זיין פּלאַץ ווי פֿריער, און זיך אויפֿגערעגט פֿון דער פֿירונג פֿון זון, וועלכער קומט אַראָפּ נאָך האַלבן טאָג און פֿאַרנאַכלעסיקט די אַרבעט, האָט נישט קיין אינטערעס, אַז די פֿאַבריק זאָל זיך פֿאַרגרעסערן, פּראָגרעסירן, און ס׳ליגט אים נאָר אין זינען זיך נאָכצוגעבן אַלע פֿאַרגעניגנס. ער לאַכט גאָר פֿון אים, ווען ער רעדט אים אויס. דער זון זאָגט, אַז מ׳דאַרף נישט איינרייסן די וועלט, און וואַרפֿט דעם טאַטן גאָר אויף — פֿאַר וואָס ער שטייט גאַנצע טעג אין פֿאַבריק, פֿאָלגט נישט אויס דעם דאָקטערס פֿאַראָרדענונגען און שטעלט אין סכנה זיין שוואַך געזונט.

☆

שוין עטלעכע אָוונטן ווי מענדל לערקין קען נישט צומאַכן מיט קיין אויג, און אַז ער כאַפּט אַ קורצן דרימל, וועקט ער זיך באַלד אויף, ווי עמיצער וואָלט אים אויפֿגעריסן פֿון שלאָף. ער שפּירט אַן אומרעגלמעסיק קלאַפּן פֿון האַרץ, וואָס דערשרעקט אים, ווי עס וואָלט אים געוואָרנט פֿון אַ נאָענטער געפֿאַר... ער שלוכצט אַרויס אויפֿן קול, ווי אַ טיפֿער ווייטיק וואָלט אים געקלעמט און אים פֿאַרשאַפֿט שטאַרקע יסורים.

דעם זונס איבעררעדן פֿאַר אים, אַז ער מיט דער פֿרוי רעכענען צו מאַכן אין גיכן אַ לוסטרייזע, לייגט זיך ווי אַ פֿינצטערער שאָטן אויף זיין געמיט און לאָזט אים נישט צו רו. ער פֿילט זיך געקרענקט און באַליידיקט: דעם זונס אָוועקפֿאָרן — איז ווי אַן אַרויסרוף צו אים... ווייזן פֿאַר אַלעמען, אַז ער פֿאַרשטייט בעסער ווי צו לעבן, און עס זעט אים אויס, אַז ער וועט עס נישט קענען איבערטראָגן — די חרפּה, דער ווייטיק, דער בזיון; ער שעמט זיך דאָס אַפֿילו צו דערציילן פֿאַר זיין פֿרוי. ער באַמיט זיך אויסצובאַהאַלטן און דריקט אין זיך... נאָר אַז די פֿרוי באַמערקט זיין באַזאָרגטקייט, זיין צעקלעמטקייט און שטייט צו צו אים, — קען ער מער נישט אויסהאַלטן און דערציילט איר מיט אַ שטיל שעמעוודיק קול, ווי ער זאָל נישט האָבן קיין מוט אַרויסצוברענגען הויך.

— ווי געפֿעלט דיר אונדזער האַרציקער זון? סאַראַ נחת־רוח ער

פֿאַרשאַפֿט דעם טאַטן. ער האָט מיר שוין עטלעכע מאָל געגעבן אָנצוהערן, אַז ער קלייבט זיך מיטן יונגן ווייבל מאַכן אַ לוסטרייזע. זען די וועלט, ווי ער רופֿט עס. געניסן און זיך אָנטאָן פֿאַרגעניגנס. עס קומט אויס ווי ער רייצט זיך מיט מיר בכיוון — גיט ער צו מיט פֿאַרביטערטקייט — ער שפּילט אויף מײַנע שוואַכע נערוון, ווײַל מיר נאָר פֿאַרשאַפֿן עגמת־נפֿש...

ס'ווייב בלײַבט שטיין מיט אַן אָפֿן מויל, קען נישט אַרויסברענגען קיין וואָרט פֿון איבעראַשונג, קען זיך נישט גלייבן, און אַז עס גייען אַריבער עטלעכע סעקונדן און זי קומט צו זיך, רופֿט זי זיך אָן דערשטוינט:

— וואָס הייסט ער וועט נעמען און אַוועקפֿאָרן, איבערלאָזן די פֿאַבריק אויף הפֿקר, לאָזן אַליין אַ שוואַכן טאַטן? ווי וועסטו מיט דײַן געזונט, קענען אַלצדינג אַליין באַוווײַזן, דורכפֿירן? אַלץ וועט פֿאַלן אויף דיר... דו קענסט נאָך חלילה קראַנק ווערן — האָט זי אויסגערופֿן מיט אַ וויינענדיק קול.

— דו גלויבסט נישט, אַז זיי וועלן עס טאָן? — האָט מענדל לערקין אַרויסגעשריגן מיט פֿאַרביטערטקייט. — ער האָט דאָס מיר שוין עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, ווי ער זאָל וועלן ווײַזן זײַן פֿעסטן באַשלוס און יעדעס מאָל ווען ער זאָגט עס, איז ווי ער וואָלט מיר געבויערט מיט אַ טעמפּער זאַך אין האַרצן. אַזוי זענען זיי די הײַנטיקע קינדער. זיי גייט גאָרנישט אָן, נאָר נאָכגעבן זייערע פֿאַרגעניגנס און ווילטאָגן...

— לאָז דאָס פֿאַר מיר — האָט די פֿרוי זיך אָנגערופֿן מיט אַ באַרויִקנדיק קול. — איך וועל מיט אים רעדן. איך וועל אים געבן צו פֿאַרשטיין, אַז ער טאָר דאָס נישט טאָן. דײַן געזונט איז אין געפֿאַר... מ'טאָר נישט לאָזן אַ קראַנקן טאַטן און זיך גיין פֿאַרווײַלן, מאַכן לוסט־רייזעס.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען מענדל לערקין איז געזעסן אין ביוראָ פֿון זײַן פֿאַבריק און געווען פֿאַרטיפֿט אין די חשבונות, אין די ביכער, האָט ער באַמערקט, ווי דער זון מיט דער שנור זענען אַרײַן מיט צע־יאַכמערטע וווּליונגערישע טריט. ביידע זענען געווען אויסגעפּוצט, אויס־געסטראָנצלט, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן גיין אויף אַ שמחה. זייערע בליקן

האָבן געלויכטן מיט אַן אויסשטראַלנדיקן שימער פון עקזאַלטירטער פרייד, ווי מענטשן, וואָס טוען אָפּ גוטע מעשים און פילן דערנאָך אַ טיפע אינערלעכע צופרידנקייט...

דער זון איז צוגעגאַנגען צו אים, אַרויסגענומען צוויי רייזע־בילעטן און ווייזנדיק זיי האָט ער געזאָגט מיט אַן אַרויסרופערישן טאָן:

— קענסט מיר שוין צווינטשן, אַ גליקלעכע רייזע, טאַטע, מיר האָבן שוין געקויפט די שיפסקאַרטן. אין עטלעכע טעג אַרום גייט אָפּ די שיף. ס'איז אַ לוקסוסשיף — האָט ער צוגעגעבן מיט גדלות, באַרימעריש.

דאָס יונגע ווייבל, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זייט, איז צוגעגאַנגען מיט דראָבנע פויגלשע טריט און צוגעהאָלפן דעם מאַן. און מיט אַ דין צעפּיעשטשעט קול געזאָגט:

— מיר האָבן קוים געקענט קריגן אַ פּלאַץ אויף דער שיף. ווען מיר קומען אַ ביסל שפּעטער, וואָלט מען אונדז אויסגעכאַפּט. מיר האָבן גע־האַט מזל...

מענדל לערקין האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און אַרויס פון ביוראָ. ס'האָט אים אָנגעהויבן שטיקן די לופט. ס'איז אים געוואָרן ענג, דושנע. דאָס פּנים איז געוואָרן בלאַס, דורכזיכטיק, דאָס לינקע אויג האָט אים אָנגעהויבן צוקן, פינטלען. אינעווייניק אין זיך האָט ער געפילט אַן איינגעהאַלטענעם כעס, עפּעס יערט אין אים, וואַקסט און ס'וועט באַלד איבערגיין די ברעגן... ער האָט אָנגעהויבן אַרומשפּרייזן הין און צוריק איבער דער פאַבריק מיט איינגעהאַמעוועטע טריט, זיך אָפּגעשטעלט דער־נאָך ביי אַ רוישנדיקער מאַשין, זיך אָנגעשפּאַרט אין אייזערנעם וואַל און געפילט דעם קאַלטן פאַרזשאַווערטן אייזן, וואָס האָט אים דורכגענומען מיט אַ שוידערנדיקן סקרוך, ווי אַ קאַלטער אָטעם וואָלט געהויכט איבער אים... ער האָט אָפּגעאָטעמט טיף, זיך באַמיט צו באַהערשן, געדושעט אין זיך דעם יערנדיקן כעס, וואָס האָט זיך געריסן מיט אַלע כוחות און זיך אָנגערופן מיט אַ פאַרשטיקט־שטאַמלענדיק קול צום זון, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען:

— וואָס הייסט דו פאָרסט אַוועק? לאָזסט מיך אַליין, און אַלץ וועט

פאַלן אויף מיר... איך וועל דאָס נישט קענען איבערטראָגן; ס׳איז נישט פאַר מיין געזונט, פאַר מיינע כוחות. איך וועל פאַלן... געדענק, וואָס דו טוסט, — ער האָט פּרובירט וואָרענען. ער האָט צענומען בײדע הענט אין דער לופטן, געמאַכט אַ מאָדנעם זשעסט און זיין דראָענדיק קול האָט אָפּגעקלונגען הילפלאָז און פאַרצווייפלט.

— אַזוי צי אַזוי, טאַטע, ווייס איך, אַז דו וועסט זיך מיט דער פאַבריק נישט שיידן... איך קען דיך גוט, — האָט דער זון געוואָרפן די באַשולדיקונגס־ווערטער דעם טאַטן אין פּנים, כדי צו באַרעכטיקן זיין אַוועקפאָרן, — איבעריקנס, וויל איך נישט וואַרטן, אָפּלייגן אויף שפּע־טער, — האָט דער זון פאַרגעזעצט. — איך וויל געניסן פון לעבן. כל־זמן איך בין נאָך יונג... געזונט, נישט אָפּלייגן אויף שפּעטער, ווען איך וועל שוין נישט קענען, ווען איך וועל זיין אַלט און קראַנק...

— אָבער, וואָס הייסט, דו גייסט מאַכן אַ לוסטרייזע? דו גייסט צע־טרענצלען דאָס ביסל אָפּגעשפּאָרטע געלט, וואָס דו האָסט אָנגעקליבן, און בלייבן מיט גאָרנישט? זע, פריער, קום צו אַ תכלית, דערנאָך וועסטו טראַכטן פון פאַרברענגען.

— ביי דיר, איז נאָר פאַרזאָרגן, טראַכטן וועגן אַ תכלית... איך וויל נישט פאַרזאָרגן אויף שפּעטער, זיך פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט געשעפטן. איך וויל לעבן רויִק און געניסן, נישט זיין פאַרנאַרט... זיך אָנטאָן די פאַרגעניגנס כל־זמן מ׳קען נאָך...

פאָטער און זון זענען געבליבן שטיין איינער קעגן אַנדערן מיט אויס־געשעפּטע אַרגומענטן. ביידע האָבן פאַרשטאַנען, אַז איינער וועט נישט איבערצייגן דעם צווייטן, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפענע רייד. אָבער פאַר מענדל לערקינען איז אויסגעקומען, אַז דאָס קומען פון זיין זון מיט זיין שנור אים אָנזאָגן די בשורה דווקא אין פאַבריק איז נאָר כדי אים ווי צו טאָן... אַרויסשטעלן אים צום נאַר... ווייזן פאַר אַלעמען, אַז ער גייט געניסן, פאַרברענגען, האָבן פאַרגעניגן, און ער, מענדל לערקין, דער אַלטער נאַר, פאַרברענגט טאָג און נאַכט אין פאַבריק, און זיין גאַנץ לעבן,

אַלע יאָרן, וואָס ער האָט געהאָרעוועט, געהאָוועט, כדי עפּעס צו דערגרייכן, ווערט פון אייגענעם זון אויסגעלאַכט, אויסגעחוזקט.

מענדל לערקין האָט אַדורכגענומען די גאַנצע פאַבריק מיט אַן אומ־וויליקן בליק, אויפגעכאַפּט דעם טומלדיקן געגרילץ פון די מאַשינען. ס'האָט אים איצט געסווישטשעט אין די אויערן, געראַשט אין קאָפּ.

ער האָט דערזען אַ שטיק אַלט אייזן, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין אַ ווינקל פון פאַבריק. ער האָט זיך האַסטיק איינגעבויגן, אַ נעם געטאָן דאָס שטיק אַלט־פאַרזשאַווערט אייזן און פאַרמעסטנדיק זיך מיט דעם איבער די מאַשינען, איבער די קעפּ פון די אַרבעטער, האָט ער אַרויס־געשריגן מיט אַ פאַרדומפּן הייזעריק קול:

— שטעלט אָפּ די מאַשינען, הייס איך אייך! שטעלט אָפּ די מינוט! איך דאַרף נישט מער קיין פאַבריק. אַש און פּאָרך וועל איך מאַכן פון אַלץ און אַלעמען!

ער האָט געזעצט מיטן גאַנצן כוח מיט דער שטאַבע אייזן איבער די מאַשינען, אָפּגעשטופּט פון זיך דעם זון מיט דער שנור, וואָס זענען צוגעלאָפן דערשראָקענע צו אים און אים געוואָלט באַרויקן, איינשטילן, איינגעמען.

☆

ווען אויף דער ערד זענען דערנאָך געלעגן צעבראָכענע טיילן פון מאַשינען און שטיקער צעטראָטענע סחורות האָבן זיך געוואַלגערט נעבן זיינע פיס, האָט ער פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט און אַריינ־געהעשעט אין זיי מיט אַ יאָמערלעך־באַדויערנדיק געוויין, געקוקט אַרום זיך מיט אַ פאַרחידושטן בליק. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער זעט ווי אַלץ דערווייטערט זיך פון אים... ער איז אַליין... אַלץ איז פאַרצויגן מיט אַ נעפּל, מטושטש פאַרלאָפן און צעפלאָסן, און נעבן זיינע פיס וואַלגערן זיך נישט צעשעדיקטע טיילן פון מאַשינען, שטיקער אייזנס, צעריסענע באַלן סחורות — נאָר צאַפּלדיקע שטיקער לעבן זיינס, וואָס

זענען פון אים אַליין צעטראָטן און צעדעפּטשעט געוואָרן... די אַלע פּאַר־בראַכטע יאָרן אין פאַבריק ביי דער אַרבעט, וואַלגערן זיך איצט נעבן זיינע פיס, פאַרשעמטע, צעטראָטענע און אויסגעלאַכטע... אויסגעהוזקטע יאָרן פון אַן אומזיניק לעבן...

אַ פֿאַרשטערטע פֿרייד

נאָך דעם שאַרפֿן איבעררייד, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן געהאַט מיטן זון, מיט דער שנור, האָבן זיי אויסגעמיטן צו גיין צו זיי צו גאַסט. עס זענען אַריבער עטלעכע וואָכן און די עקשנות האָט אָנגעהאַלטן. עס האָט אויסגעזען ווי דער ברוגז פֿאַרשטאַרקט זיך, וועט לאַנג אָנהאַלטן, ווייל אַפֿילו דער זון מיט דער שנור, מיטן קינד האָבן זיך אויך נישט געוויזן. נישט געקומען געוואָר ווערן, זען טאַטע־מאַמע.

ס'איז געווען אַ יום־טוב־טאָג.

אין דער צייט פֿלעגן טאַטע־מאַמע זיך גרייטן זען די קינדער, דאָס אייניקל, פֿאַרברענגען שעהן־לאַנג מיטן קינד, אַנקוועלן פֿון זיינע חכמות, פֿון זיינע קינדישע איינפֿאַלן, באַוווּנדערן זיין פֿאַרשטאַנדיקייט, זיך מיטפֿרייען און לאַכן מיטן קינד צוזאַמען און אַ היים קומען דערנאָך באַרוישטע, פֿריילעכע און אויפֿגערוימטע.

איצט זענעןביידע געזעסן אין שטילן אויפֿגערוימטן צימערל און זיך געלאַנגווייליקט, געשוויגן, נישט־אָנרופֿנדיק זיך מיט קיין וואָרט. איינער צום צווייטן האָט אויסגעמיטן צו רעדן. ביידע האָבן געוווּסט, אַז יעדער שמועס וועט אַרויף וועגן די קינדער, און דאָס וועט זיי פֿאַרשאַפֿן קרענקונג, ליידן, און דעריבער האָבן זיי זיך אויסגעהיט אַרויסצוכאַפּן מיט אַ וואָרט, ברעכן די שטילקייט, ווי מען האָט מורא זיך צוצורירן צו אַ ווייטיקלעכער וווּנד, וואָס קען אַרויסרופֿן יסורים...

דער מאַן איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער, אַרויסגעקוקט אין גאַס, זיך באַמיט נאָכצוקוקן די פֿאַרבייגייענדיקע מענטשן, וואָס האָבן שפּאַצירט יום־טובדיק־אויפֿגעלייגטע, פֿירנדיק מיט פֿרייד זייערע קינדער ביי די הענטלעך, נאָכגעפֿאָלגט די פֿאַרביילויפֿנדיקע אויטאָס, וואָס איינער דעם צווייטן האָט נאָר געוואָלט איבערלויפֿן, איבעריאָגן.

די פרוי, וואָס איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער, האָט זיך געגודיעט, האָט פּרובירט עפּעס טאָן און נישט געקענט, האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען. ס׳איז איר געפאַלן פון די הענט. אַלץ האָט זיך געטונקלט פאַר אירע אויגן, באַקומען אַ מטושטשדיקן אויסזען: אַ סך מאָל האָט זיך איר געדוכט — זי הערט דאָס אייניקל, זיין קלינגענדיק שטימעלע רופט זי — באַבאַ! — זי זעט ווי ער ציט זיך צו איר מיט די הענטלעך. זי האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער, ווי זי זאָל זוכן פון וואַנען דאָס קול קומט, און האָט זיך טיפער איינגענורעט אין זיך, ווי זי זאָל זיך שעמען פאַרן מאַן מיט אירע מאָדנע מחשבות און געפילן...

דער מאַן, באַמערקט זי, זיצט פאַרטראַכט ביים פענצטער, ווי אים זאָל גאָרנישט אָנגיין. ער קוקט אַרויס פאַרטיפט אין גאַס אַרויס, ווייל נישט אַרויסווייזן זיינע געפילן, ווייל פאַרשטעלן זיין פאַראומערט געמיט.

זי האָט פּרובירט עפּעס טאָן, זיך נעמען צום אויסנייען און דער האַלב אויסגעהאָפטענער טישטעך איז איר אַרויסגעפאַלן פון האַנט. די קאָלירטע בלימעלעך, די אויסגעהאָפטענע צווייגעלעך, די פיגורן, אַלץ האָט איר געטאַנצט פאַר די אויגן, זיך אויסגעצויגן אין משונהדיקע פאַ־רעמלאָזע געדרייטע ליניעס. זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס פּעקל אין אַ זייט און פּרובירט זאָגן שטיל און אומזיכער:

— מענדל, דו בענקסט גאָרנישט צו די קינדער, צום אייניקל? מיר רייסט דאָס האַרץ. טראַכסט גאָרנישט גיין זיי זען, וואָס זיי מאַכן?

— ווילסט גיין, גיי געזונטערהייט! איך נישט, — ענטפערט דער מאַן קאַלט, מיט רוגזה, און גיט באַלד צו — צו וואָס זאָל איך גיין, זאָג מיר? כדי זיך אויפצורעגן, זיך מאַכן שלעכט בלוט. אַז וואָס דו זאָגסט זיי, זאָלן זיי זיך אויסלאַכן, דיר ענטפערן אַנטקעגן. שוין בעסער זיצן אין שטוב.

די פרוי וויל פאַרגלעטן, אים איינגעמען:

— דאַרפסט זיך אַזוי נישט איבערנעמען פון זייערע רייד. זיי זענען יונג, מיינען זיי, אַז זיי פאַרשטייען בעסער פאַר אונדז. אונדזערע מיי־נונגען זענען זיי אויס פאַרעלטערט, צוריקגעשטאַנען...

— דעריבער דאַרפֿן זיי פֿאַרשאַפֿן טאַטע־מאַמע עגמת־נפש — וויל ער נישט נאָכגעבן. — זיך אויסלאַכן וואָס מען זאָגט זיי, אויפֿנעמען מיט שפּאַס אונדזער עצה, אַ מיינונג, אַן אָנווייזונג. מען דאַרף זיך דאָך היטן פֿאַר זיי מיט אַ וואָרט. אַרומגיין כּסדר מיט אַ פֿאַרשלאָסן מויל — שרייט ער אַרויס די לעצטע ווערטער מיט כּעס, וויל באַרעכטיקן זיין עקשנות.

— נו, אַז זיי זענען עגאָיסטיש, פֿאַרשטייען נישט ווי אַזוי זיך צו פֿירן מיט טאַטע־מאַמע, דעריבער דאַרפֿן מיר אויך אַזוי האַנדלען — וויל זי אים טרעפֿן מיט אַן איבערצייגנדיקן אַרגומענט. — אַז זיי באַגייען אַן עוולה, דאַרף מען זיי נאָכטאָן, זיך שטעלן גלייך מיט זיי? זיי זענען נאָך יונג, אומדערפֿאַרן, און האָבן נישט אַזוי פֿיל דורכגעמאַכט ווי מיר, ווייסן זיי נישט, באַגרייפֿן נישט, — פּרובירט זי זיי פֿאַרטיידיקן, פֿאַרגלעטן.

— וואָס הייסט זיי פֿאַרשטייען נישט? — וויל ער נישט נאָכגעבן.

— זיי זענען דאָך שוין אַליין טאַטע־מאַמע און זיי ווייסן דאָך שוין וואָס הייסט האָדעווען און דערציִען אַ קינד... נו, קען מען נישט צוקומען און זען וואָס טאַטע־מאַמע מאַכן, צי זיי דאַרפֿן עפּעס, צי זיי זענען חלילה נישט געזונט? איז לויט דיין שׂכל, פֿאַרשטייסטו, דאַרפֿן מיר אַראָפּבויגן אונדזער כּבֿוד און גיין זיי איבערבעטן, נישט זיי אונדז, ווי עס וואָלט געדאַרפֿט זיין, ווי עס פֿירט זיך ביי לייטן.

— נו, מאַך גאָר נישט די זאַך גרעסער ווי עס איז — וויל זי אים באַרויִקן, — ווייסט דאָך אַליין, ער איז אַ פֿאַרנומענער מענטש, כּסדר פֿאַרדרייט מיט די געשעפֿטן, און זי מיטן קינד. אפֿשר האָבן זיי נישט געקענט, נישט געהאַט קיין צייט. דאָס קינד קיין עין־הרע גיט איר אַזוי פֿיל אַרבעט.

— נישט געהאַט קיין צייט — שאָקלט ער באַדויערנדיק מיטן קאָפּ.

— אַוודאי, ווי אַזוי קען מען האָבן צייט, אַז אַלע נאַכט גייט מען אַרויס הוליען, מען זוכט נאָר זיך נאָכגעבן אַלע פֿאַרגעניגנס, מען טראַכט נאָר וועגן גיין פֿאַרברענגען, איז ווי אַזוי קען מען האָבן צייט צו זען די אַלטע טאַטע־מאַמע?

— אַלע זענען היינט אַזוי — זוכט די פרוי מיט עפּעס צו פאַר־טיידיקן די קינדער און געפינט נישט קיין אַנדערע באַרעכטיקונג... — די גאַנצע יוגנט איז היינט אַזוי. מען וויל נאָר פאַרברענגען און לעבן אַ גוטן טאָג. מ׳האָט קיין מאָל קיין צייט נישט. מ׳איז שטענדיק פאַריאָגט, נערוועז, אָנגעשטרענגט, יאָגן זיי זיך נאָך פאַרגעניגנס. זיי ווילן זיך צעשטרייען, אַרויסשלאָגן דעם זשום פון קאָפּ...

— אַ קנאַפּער טרייסט פאַר מיר — זאָגט דער מאַן סאַרקאַסטיש.

— נו, אַז אַלע זענען אַזוי, ווערט מיר דערפון נישט גרינגער. איך דער־מאָן זיך, אַז פון די אַלע וויזיטן פלעגן מיר צוריקקומען אומצופרידן. כ׳פלעג מערסטן טייל גיין צוליבן קינד, צוליב אונדזער אייניקל...

די פרוי כאַפּט זיך אָן אין די לעצטע ווערטער. זי באַמערקט אַ נאָכ־גיביקייט פון זיין זייט און צילט אים צו טרעפן:

— צוליבן קינד אַליין וואָלט איך אַלץ פאַרבויגן. עס ציט מיר דאָס האַרץ, עס לאָזט מיך נישט רוען.

ביידע הייבן אָן דערציילן „וואונדער" פון קינד. ער דערוואַרעמט זיך, שמייכלט. די פרוי קוקט צו אים מיט אַן אויפלעבנדיקן בליק פול מיט דאַנקבאַרקייט:

— נו, אַז מ׳האָט אַזאַ גאָלדן קינד, אַזאַ טייער אייניקל, ווייס איך נישט ווי מ׳קען האָבן אַ האַרץ און פירן ברוגזן — פּרוווט זי אויסנוצן דעם מאָמענט.

— נו, טאָ גיי, ווער לאָזט דיך נישט? ווער האַלט דיך צו? — זאָגט דער מאַן צוריק בייז און פאַרדראָסיק.

— איך זאָל גיין אַליין, וועט עס זיין פאַר זיי אַ גרויסע באַליידיקונג. זיי וועלן זיך פילן געטראָפן... — זי הויבט זיך אויף פון איר פּלאַץ און דערנענטערט זיך צו אים מיט שטילע לאַטשנדיקע טריט, און זי זאָגט בעטנדיק — טו מיר צוליב, לאָמיר גיין זען די קינדער. צוליבן אייניקל אַליין וואָלסט אַלץ געדאַרפט פאַרבויגן... — זי בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ און עס הערט זיך אַ שטיל געוויין.

מענדל ווערט צעטומלט, גערירט. דער ווייבס טרערן, דאָס בעטן איר

וועקן אויף אין אים געפילן, סענטימענטן, בענקשאַפטן, וואָס בויגן זיין עקשנות, זייך איינגעשפּאַרטקייט; זיין שטייף־אָנגעצויגן פּנים באַקומט אַ מילדן אויסזען. ער קוקט איר אַריין אין געזיכט, ווערט גערירט פון אירע פאַרגאַסענע, פאַרטרערטע אויגן. ער רירט אָן מיט זיין האַנט איר ציטער־ריקע גאָמבע און הויבט אויף איר אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, און זאָגט ווייך, גערירט:

— נו, גיי שוין, גיי, טו זיך אָן. — ער גיט אַ הויב מיט די אַקסלען, ווי אַ זשעסט, אַז ער וואַרפט זיך אונטער איר ווילן...

ביידע גייען אַרויס פון שטוב שווייגנדיקע. די פרוי שטעלט גיכע שפּרייזן. ס׳איז אויסגעקומען ווי זי פאַרלויפט אים דעם וועג אָדער ווי זי וואָלט מורא געהאַט ער זאָל נישט חרטה האָבן.

— וואָס לויפסטו פאָרויס, איילסט זיך אַזוי, אַז איך קען דאָך דיך נישט דעריאָגן, — זאָגט ער האַלב שפּאַסנדיק און האַלב־רוגזהדיק, — דו וועסט גאָרנישט פאַרשפּעטיקן.

די פרוי שמייכלט פאַרלאָרן. זי וויל סימולירן איר צערודערט געמיט, אירע געפילן... זי האָט אַליין נישט באַמערקט אירע גיכע טריט, אירע גרויסע שפּרייזן; זי רויטלט זיך פאַרשעמט, טראָגט אים אַנטקעגן אַ פאַרשולדיקטן שמייכל, פאַרלאַנגזאַמערט אירע טריט און באַמיט זיך אָנצוהאַלטן דעם ריטם פון זיין געלאַסענעם טשאַפּענדיקן גאַנג.

זיי דערנענטערן זיך צום זונס וווינונג. די פרוי קלינגט אָן. עס גיט זיך אַ האַסטיק עפן אויף די טיר און די דינסט — אַ טונקלהויטיק מיידל — נעמט זיי אויף מיט אַ שמייכלדיקן אונטערטעניקן בליק. און אַז דאָס אייניקל דערהערט, אַז זיידע־באָבע זענען געקומען, קומט ער צולויפן מיט אַ פלאַטערנדיקן גאַנג. ער שטרעקט די הענטלעך פאָרויס און פאַלט אַריין מיט הילכיקע צעיאַכמערטע אויסגעשרייען אין דער באָבעס אָרעמס, זי כאַפּט אים אַרום, דריקט אים מיט גרויס ליבשאַפט צום האַרצן און באַדעקט אים מיט אָנצאָליקע קושן. זי האַלט אין איין איבערחזרן — מיין טייער קינד, מיין גאָלדן אוצרל, דו האָסט געבענקט נאָך דער באָבען, האַ? זאָג! — חזרט זי איבער די ווערטער נאָך אַנאַנד.

דער מאַן בלייבט אַ ווײַלע שטיין פֿאַרלוירן, געפֿינט זיך אין אַ פֿאַר־לעגנהייט. ער קוקט מיט קנאה צו זיין פֿרוי, וועלכע האַלט אין איין טוליען דאָס אייניקל צו זיך, קושן און צערטלען. ער ווערט אומגעדולדיק, אייפֿערזיכטיק, און זאָגט האַלב־שפּאַסיק:

— נו, גענוג שוין אויף היינט. זיך צעיאַכמערט אַביסל, זיך צוגע־כאַפּט מיט אַ מאָל... — ער שטרעקט אויס זיינע אָרעמס, ווי ער זאָל רופֿן דאָס קינד צו זיך. דאָס אייניקל הויבט זיך אָן ציִען צום זיידן. דעם קינדס אויגעלעך לייכטן, שיינען מיט אַן אויסשטראַלנדיקער פֿרייד... דער זיידע נעמט אַרום דאָס קינד מיט ביידע הענט, בויגט זיך אַראָפּ און רעדט אַריין אין אים מיט אַ ווייך צוגעלאָזן קול:

— האָסט ליב דעם זיידן? האַ, זאָג! — שטייט ער צו. — זאָג, וועמען האָסטו ליבער — דעם זיידן, אמת?

— ביידע גלייך — פּלאַצט דאָס קינד אַרויס. ווענדט זיינע בליקן פֿון זיידן צו דער באָבען, וויל קיינעם נישט פֿאַרשעמען. זיידע־באָבע צעלאַכן זיך מיט אַ הילכיק־האַרציקן געלעכטער, און דאָס צימער ווערט אָנגעפֿילט מיט קינדערישער שטיפֿערישקייט און פֿרייד... זיידע־באָבע שמעלצן זיך פֿאַר נחת און גליק, קוועלן אָן פֿון אייניקל...

דער זון, די שנור, וואָס געפֿינען זיך אין צווייטן צימער, קומען צו לויפֿן דערהערנדיק די געלעכטערס, די פֿריידיקע אויסגעשרייען. מיט פֿאַרשעמטע בליקן באַגריסן זיי טאַטע־מאַמע, פֿרייען זיך מיט זייער קומען און פֿאַרבעטן זיי צום טיש.

דער זון צינדט אָן דעם גרויסן לאָמפּ. דאָס צימער ווערט באַגאָסן מיט אַ בלענדנדיקן שיין, באַקומט אַ יום־טובדיקן אויסזען.

דאָס אייניקל גוצט אויס די עטלעכע סעקונדן, וואָס זיידע־באָבע זענען פֿאַרנומען מיט טאַטע־מאַמע, לויפֿט אַריין אין צווייטן צימער און ברענגט צו טראָגן מיט אַ שמחה אַ גאַנצע אויסשטאַטונג פֿון אַ קאָוובוי, אַ גרויסע שליאַפּע מיט אַ ברייטן ראַנד, אַ לעדערנעם פּאַס, אָנגעשטאָפּט מיט קוילן, אַ רעוואָלווער און אַ קינזשאַל. ער ציט פֿאַרן אַרבל דעם זיידן, וואָס איז פֿאַרטאָן אין אַ געשפּרעך, און ווייזט באַרימעריש ער זאָל זיך איינקוקן.

ער זאָל זען די שיינע מתנה, וואָס מ׳האָט אים איינגעהאַנדלט. מענדל רייסט איבער דעם שמועס, קוקט אויפן אייניקל, אויף דעם רעוואָלווער, אויפן קינזשאַל, און זיין פּנים ווערט פאַרשאָטנט. ער ווערט אויפגערעגט. ער ווענדט זיך סיי צום זון און סיי צו דער שנור, ווי ער וואָלט ביידע געשטעלט די זעלבע פראַגע:

— ווער האָט דאָס געקויפט דעם קינד די וואַזשנע קלאַפּערגעציייג, די שיינע מתנות, דאָס מעסער, דעם רעוואָלווער?

— איך, טאַטע, — ענטפערט דער זון טראַציק, — דאָס קינד האָט עס דערזען אין אַ שויפענצטער, ווען מיר זענען געגאַנגען שפּאַצירן, האָט ער מיך נישט אָפּגעלאָזן, מיך אַזוי לאַנג געבעטן, ביז איך האָב געמוזט דאָס קויפן.

— מען קויפט נישט פאַר אַ קינד אַזעלכע זאַכן! ס׳איז שעדלעך! דאָס דערוועקט אין קינד ברוטאַלע אייגנשאַפטן, נידעריקע אינסטינקטן... אַ קינד דאַרף מען קויפן שפּילצייג, וואָס זאָל אים לערנען, אַנטוויקלען, שלייפן דעם געדאַנק, און נישט וועקן מערדערישע געפילן... ער זאָל אַרומגיין שטענדיק מיטן רעוואָלווער, מיטן מעסער.

דער זון ווערט בלאַס. זיינע ליפּן ציטערן פון אויפרעגונג און פאַר־דרוס.

— מיר געפעלט עס אויך, טאַטע, אַ יינגל דאַרף זיין בראַוו, דרייסט, קענען שלאָגן צוריק און נישט זיין אַ נעבעכל... אַ צעקראָכענע לעמעשקע... אַראָפּגעבויגן שטענדיק דעם קאָפּ...

— נישט מיט קיין מעסער און רעוואָלווער וועסטו דאָס דערגרייכן... די זאַכן זענען סם־המות פאַר אַ יונג קינד... אַזוי ווערט איינגעפּלאַנצט אין קינד מערדערישע אינסטינקטן, פאַרברעכערישע נייגונגען; זיי ווערן אַגרעסיוו, פאַרדאָרבן...

די מוטער קוקט צעשראָקן אויפן זון, וואָס איז אויפגערעגט, צו איר מאַן, וואָס ענטפערט צוריק, ווייל נישט נאָכגעבן און זי האָט מורא, אַז די האַמפּעריי זאָל זיך פאַרשאַרפן און ס׳וועט קומען צו אַ קריג, ווי שטענדיק. זי וויל פאַרגלעטן, באַמיט זיך איינשטילן די געמיטער:

— נו, געגוג שוין — ווענדט זי זיך צום זון און צום מאַן גלייכ־צייטיק. — ס׳איז נישט געפערלעך, — זאָגט זי, איינגעמענדיק זייביידן. — ס׳וועט אים גאָרנישט זיין, אונדזער איינקל, ס׳וועט אים חלילה קיין שלעכטס נישט געשען... ס׳איז אַ שפּילצייג. דאָס קינד האָט פון דעם הנאה, זאָל ער זיך שפּילן און האָבן פאַרגעניגן. און הער אויף צו זאָגן מוסר... — ווענדט זי זיך באַפעלעריש צום מאַן, — מאַך נישט פון דעם קיין טראַגעדיע! לאָז עס צורו! דו וועסט די וועלט נישט איבערמאַכן...

די אָנגעצויגנקייט פאַרשווינדט. אַלע זעצן זיך אויס ביים טיש. די שנור ווערט רירעווודיק, פאַרשפּרייט אַ ווייסן אויסגעהאַפטענעם טישטעך, וואָס זי אַליין האָט געמאַכט. די אויסגעהאַפטענע קאָלירטע בלומען און פיגורן, אוזאָרן, די געקייטלטע שטעך, די העלע בלאַנקנדיקע ווייסקייט, וואָס פעכלט אַנטקעגן די בליצלאָמפּן, ציט צו אַלעמענס בליקן, מ׳פאַר־געסט אין די אָקאָרשטיקע האַמפּערייען, וואָס האָבן באַשווערט די גע־מיטער...

די באָבע בויגט זיך איין, קוקט פאַרטיפט אין די אויסגעהאַפטענע בלומען, אין די פילפאַרביקע אוזאָרן, באַוואונדערט די אַרבעט, די שיינקייט און זאָגט צו דער שנור:

— אַזאַ טישטעך איז גאָר אַ שאָד צו נוצן אַלע טאָג; ס׳איז דאָך אַ קונסט־אַרבעט — וויל זי ווייזן איר מבינות און גלייכצייטיק לויבן די פעיִקייט און בריהשאַפט פון איר שנור.

די שנור שמייכלט מיט אַ פול מויל. זי איז צופרידן פון דער שוויגערס קאָמפּלימענטן, זי פילט זיך דערהויבן און ענטפערט:

— פאַר אַזעלכע טייערע געסט איז קיין זאַך נישט קיין שאָד.

זי הויבט אָן אויסשטעלן אויפן טיש גלעזער, טעפּלעך, טעלערלעך, לעפעלעך, גאָפּעלעך; שטעלט כיבוד פאַר שווער און שוויגער.

דער זון הויבט זיך אויף פון טיש און גייט צו צום ראַדיאָ־אַפּאַראַט. גיט אַ דריי דאָס קנעפּל און ס׳הערן זיך מיט אַ מאָל ווילדע אויסגע־שרייען, כאַכאָטשענדיקע געלעכטערס, משונהדיקע הירזשערייען, טומלדיקע

געפילדערס, אַרויסבעטשנדיקע קולות, באַגלייט מיט אַ גרימפּלדיקער צימבלערײַ פאַרטויבט צו ווערן.

דער זון הויבט אָן צו פּאַטשן מיט די הענט, פרייליך אונטערצו־שפּרינגען, אונטערהויבן מיט די אַקסלען, באַוועגן מיטן גאַנצן קערפּער. ער פּאַטשט מיט די הענט לויטן טאַקט און שרייט אויס צום קינד: ראָק, ראָק, ראָק. דאָס קינד הויבט זיך אָן דרייען אַרום זיך, אונטערהויבן זיך, אונטערשפּרינגען צום טאַקט פון דער מוזיק.

דער זון קוועלט אָן. ער ווענדט זיך צו טאַטע־מאַמע, גיט זיי צו פאַרשטיין:

— דאָס טאַנצט ער דעם נייעם טאַנץ, ער האָט געפילן צו מוזיק, זעט, זעט, ווי ער דרייט זיך — ווייזט ער אויפן קינד מיט באַגייסטערונג.

מענדל מאַכט אָן אומצופרידענעם זשעסט. ער קען נישט פאַרנעמען די ווילדע קולות, עס זעט אים אויס, ווי אַ בלעקעכץ פון שיכורים. ער הויבט אויף ביידע הענט אין דער הויך, פּאַכעט מיט זיי אין דער לופטן, וויל אָפּשטויסן פון זיך די טומלדיקע קולות און גרימפּלערײַ, און אַז דאָס שפּילן הערט נישט אויף, בעט ער זיך ביים זון: — אפשר וואָלסטו אָנגעשטעלט אָן אַנדער זאַך, אַ קלאַסישע מוזיק, נישט אַזאַ קאַצנײַאָמער. איך קען דאָס נישט פאַרנעמען — איבלט ער זיך — עס ווערט מיר נישט גוט דאָס אויסצוהערן.

דער זון מאַכט זיך נישט הערנדיק, איז פאַרנומען מיטן קינד, קוועלט אָן פון זיין טאַנצן און לייגט נישט קיין אַכט אויפן טאַטנס רייד, איגנאָרירט דעם טאַטנס בקשה...

די שנור הויבט זיך אויף פון איר פּלאַץ, גייט צו צום ראַדיאָ־אַפּאַראַט און גיט אַ דריי דאָס קנעפּל, זי וויל געווינען די סימפּאַטיע פון שווער און שוויגער... מיט אַ מאָל גיסן זיך פונאַנדער איבערן צימער שטילע לירישע טענער, האַרמאָנישע אַקאָרדן שוועבן אַרום אין חלל, ווי שטילע פלאַטערנדיקע טויבן. עס הערן זיך שטילע פאַרוויגנדיקע מעלאָדיעס, וואָס צויבערן און פאַרכישופן.

דער זון צינדט זיך אָן, זיין פּנים ווערט רויט, אָנגעדראָלן, ס׳פאַר־

דריסט אים, וואָס מ׳האָט איבערגעהאַקט אין מיטן, אים איבערגעריסן די מוזיק. ער וויל עפּעס זאָגן, נאָר די שנור לאָזט נישט.

אַ ווײַלע איז נאָך שטיל, אָבער באַלד נעמט די שנור מכבד זײַן די געסט מיט גוטע זאַכן. עס דערהערט זיך אַ קלאַפּן פון גאָפּל, לעפל, מעסער. זײַדע־באָבע פאַרזוכן, טרינקען אַ לחיים און די שטימונג ווערט אַ פריילעכע. מען דערציילט זיך פריינדלעך וועגן די לעצטע רכילותן, וועגן פּאַסירונגען.

די שנור באַמיט זיך, אַז אַלץ זאָל קלאַפּן, אַלע זאָלן האָבן וואָס זיי האָבן ליב און ווען זי דאַרף עפּעס, כדי זיך נישט אויפצוהויבן אַלע מאָל פון פלאַץ, גיט זי אַ קלונג מיטן גלעקל און דאָס דינסטמיידל קומט צו גיין מיטן הכנעהדיק אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, גרייט אויסצופירן אירע באַפעלן. דאָס גלעקל רוט נישט, אַלע ווײַלע דאַרף מען דערלאַנגען אַן אַנדער זאַך און דאָס כסדרדיק קלינגען און רופן הערט נישט אויף.

די באָבע, ווען זי דערזעט אַלע מאָל אַרײַנקומען דאָס דינסטמיידל, ווערט סענטימענטאַל, געריררט... זי קען נישט צוזען ווי אַזוי מ׳באַהאַנדלט אַ פרעמדן מענטש... דעם מיידלס בלייך נישט אויסגעשלאָפן פּנים, איר מידער שלאַבעריקער גאַנג רופט אַרויס ביי איר מיטלייד, רחמנות און זי קען אויך נישט אויפנעמען איר שנורס באַפעלעריש קול... און אַז דאָס מיידל גייט פאַרביי לעבן איר, שטעלט זי זי אָפּ און פרעגט מיט אַ היימיש־פאַמיליאַרן טאָן:

— וואָס ביסטו אַזוי בלאַס, פּילסט זיך פאַרמאַטערט, מיד, אפשר ווייניק געשלאָפן?

דאָס דינסטמיידל ווערט צעטומלט פון די רייד. זי איז איר דאַנקבאַר און האָט מורא דאָס אויסצודריקן הויך אויפן קול... ווייסט נישט ווי אַזוי איר צו ענטפערן. זי איז נישט געווווינט צו הערן אַזעלכע פראַגן, מ׳זאָל זיך אינטערעסירן מיט איר... פון זינט מ׳האָט איר געבראַכט אַהער, ווייסט זי נאָר, אַז זי דאַרף אַלץ אָפּטאָן, באַדינען און קיין מאָל זיך נישט

באַקלאָגן... זי האָט דאָ קיינעם נישט און האָט נישט פאַר וועמען זיך אויסרעדן איר האַרץ...

די שנור, דערהערנדיק דער שוויגערס פראַגן, גלאָצט אויס אַ פּאָר משונהדיקע אויגן; זי ווערט בלאַס און אויפגערעגט.

דער זון, וואָס האַלט אין מיטן זופן די טיי, שטעלט אַוועק דאָס גלאָז מיט אַ בראַזג. זיינע אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן שפּריצן מיט רוגזה:

— איך וועל דיך בעטן, מאַמע, — זאָגט ער וואָרענענדיק — אַז דו זאָלסט נישט פאַרפירן מיטן מיידל קיין געשפּרעכן; נישט זיין גוטהאַרציק צו איר און איר נישט אַרויסווייזן קיין רחמנות־געפילן...

דער פאָטער ווערט אויפגעקאָכט. ס׳פאַרדריסט אים, ס׳טוט אים וויי וואָס דער זון רעדט אַזוי גרינגשעצנדיק צו דער מאַמען, הויבט אויף אויף איר זיין קול.

— וואָס הייסט? דו וועסט שוין פאַרווערן דער מאַמען צו רעדן און ווי אַזוי צו רעדן. האָסט שוין פאַרלוירן דעם גאַנצן רעספּעקט.

די מוטער בייסט זיך די ליפּן. זי האָט שוין חרטה אויף אירע רייד, אויף אירע פראַגן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַזאַ כעס ביי דעם זון, ביי דער שנור; די גאַנצע צייט זעט זי דאָס אויסצומיידן, באַרויִקן, פאַר־גלעטן, און דאָ האָט זי אַליין אַרויסגערופן די צאַנקעריי... זי וויל כאַפּן צוריק, פאַרריכטן, זיך אַנטשולדיקן און זאָגט:

— אָבער וואָס האָב איך אַזוינס געזאָגט? איך בין גאָרנישט אויסן געווען. איך האָב נישט געמיינט קיין שלעכטס — פאַרענדיקט זי מיט אַ נעבעכדיקן קול.

— דו ביסט גאָרנישט אויסן געווען, נאָר האַלטסט אין איין אויס־פרעגן, אַרויסווייזנדיק איר מיטלייד, רחמנות... דאָס וועט זי קאַליע מאַכן און זי וועט אין גאַנצן אַוועקגיין פון אונדז. וואָס וועלן מיר דעמאָלט טאָן? — צענעמט ער זיינע הענט, ווי אַ זשעסט פון אומבאַהאָלפנקייט...

— מ׳טאָר שוין נישט פרעגן אַ מענטשן וואָס ער מאַכט, ווי ער פילט זיך? אַרויסווייזן מענטשלעכקייט... — נעמט דער מאַן איבער די פאַרטיידיקונג פון זיין פרוי.

— מיר האָבן דאָס מיידל אַרויסגענומען פון אַ נידעריקן שטאַנד, אַ טאַטע אַ שיכור, אַ מאַמע אַן אויסגעלאַסענע; זי אַליין איז געווען אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט, וואָס וואָלט פון איר געוואָרן ווען מיר נעמען זי נישט אַריין צו אונדז... — זאָגט די שנור, וועלנדיק מיטהעלפן דעם מאַן.

— דעריבער האָט זי נישט קיין מענטשלעכע געפילן? — פּרווט די מוטער זיך אַריינמישן מיט אַ וואָרט. זי וויל נישט אַנטיילנעמען אין געשפּרעך, אין דער האַמפּעריי און קען זיך דאָך נישט באַהערשן...

— ניין, שוויגער, — פּרווט די שנור אָפּענטפערן, — דאָס מיידל איז נאָר געבוירן געוואָרן צו דעם... איר זיין ביי אונדז איז פאַר איר אַ גליק... ווען מיר נעמען זי נישט אַריין צו אונדז, ווער ווייס וואָס פון איר וואָלט געוואָרן...

— אַ וואָזשנער גליק, — זאָגט דער פאָטער שפּאָטיש, — מען טאָר צו איר נישט אויסרעדן קיין וואָרט און מ׳לאָזט זי קיין מאָל נישט אַרויס פון שטוב... אַ גרויס גליק! איך ווייס נישט ווי מ׳קען אַזוי זיין... ווי מ׳קען זיך אַזוי באַגיין.

— צוליב אייך וועלן מיר זי פאַרלירן. — זאָגט דער זון אויפגערעגט, שטעלט זיך אויף און קלאַפּט מיטן פויסט אין טיש — איר פירט מיר זי איבער! די מאַמע, ווען זי קומט, נעמט זי זי אויף אַ פאַרהער. עס הייבט זיך אָן אַן אויספרעגעניש צי זי איז קראַנק? צי איז זי פאַרמאַטערט? פאַר וואָס איך לאָז זי קיין מאָל נישט אַרויסגיין פון שטוב, האַלט זי פאַר־שלאָסן, פאַרשקלאַפּט. ווער בעט אייך איר זאָלט זיך אַריינמישן אין מיין לעבן? מיר זאָגן דעות ווי אַזוי איך זאָל זיך פירן...

— איך שעם זיך, אַז מיינער אַ זון זאָל זיך אַזוי אויפפירן, זאָל אַזוי באַהאַנדלען אַ פרעמדן מענטש... אַ חיה, אַ בהמה, לאָזט מען אויך פון צייט צו צייט אויף דער פריי נעמען פרישע לופט, — וואַרפט מענדל אַרויס פון זיך די דראָענדיקע ווערטער.

זיידע, באָבע הויבן זיך אויף האַסטיק פון זייערע פלעצער, געזעגענען

זיך שנעל, איילּיק, ווי זיי וואָלטן וועלן וואָס גיכער זיך אַרויסכאַפּן פון שטוב, אַנטלויפן; זיי האָבן מורא, אַז די האַמפּעריי זאָל זיך פאַרגרעסערן און עס זאָל קומען צו אַ ריס, צו אַ רוגז, און זיי ווילן דאָס אויסמיידן... זיי גייען צו צום איניקל, קושן אים מיט ליבשאַפט, קענען זיך קוים אָפּ־רייסן פון קינד, וואָס האַלדזט זיי, קושט און וויל זיי נישט אָפּלאָזן.

די באָבע נעמט אים קוים איין, מוז אים צוזאָגן, אַז זיי וועלן קומען אין גיכן נאָך אַ מאָל.

דערנאָך גייען ביידע אַרויס מיט שווערע אָנגעשטרענגטע טריט און פון זייערע פנימער, פון זייער'ע בליקן ווײַנט אַרויס אַ שטילער צער... פון אַ פאַרשטערטער פרייד...

אַן איינזאַמער מענטש

כּוֹאַן איז דער וועכטער פון דער ווילִיע, וואָס האַלט זיך אין בויען. ער איז אַן עלטערער מענטש, מיט אַ שוואַכער ראיה און אַ שלאַבעריק מידן גאַנג, קוים וואָס ער שלעפּט די פיס. ביי טאָג העלפט ער נאָר צו. אַז מ'דאַרף עפּעס דערלאַנגען רופט מען אים, די אַרבעטער לאַכן פון אים, רופן אים „די טשערעפּאַכע", חוזקן פון זיין קריכנדיקן גאַנג, פון זיין אומגעשיקטקייט.

דערפאַר, אַז די אַרבעטער ענדיקן די אַרבעט, גייען אַוועק און ער בלייבט אַליין, פילט ער זיך מעשה באַלעבאָס, ווי ס'וואָלט געווען זיין אייגנטום... ער שטייט אויף דער וואַך, גיט אַכטונג, היט אָפּ מ'זאָל נישט צוגנבענען די מאַטעריאַלן און אַפילו ווען ער לייגט זיך שלאָפן אין דעם קליינעם צימערל, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון אַלטע בלעכן, ספּעציעל פאַר אים, כאַפּט ער אויף יעדן גערויש, יעדן שאָרך.

און כאָטש ביי נאַכט ווען די אַרבעטער גייען אַוועק, פילט ער זיך חשובער, געהויבענער, קיינער לאַכט נישט פון אים, מ'חוזקט נישט פון זיין אומטויגיקייט... איז אים אָוונטצייט אַ סך טרויעריקער, ער פילט זיך עלנט און איינזאַם... דרייט זיך אַרום אין קליינעם צימערל און געפינט זיך קיין אָרט נישט...

פון דעם סקעלעט פון דער ווילִיע, פון צווישן די אויפגעהויבענע נאַקעטע ווענט, הויערט אַ פּוסטקייט, אַ געדיכטע פינצטערניש, וואָס יאָגט אים פון אינעווייניק, ער זעצט זיך אַוועק אויף אַ הויפן ציגל און קוקט צום ים פון אַנטקעגן.

אַ מאָל, אַז ער דערזעט אַ שיף פון ווייטן אין האָריזאָנט, קען ער נישט אָפּרייסן די אויגן. די ליכטיקייט פון דער שיף באַלייכט דעם אַרום, פילט אים אָן מיט פרייד און יום־טובדיקייט... דאָס ווייטע ליכט כשופט

און בלענדט, רופט אַרויס פאַרגעסענע דערינערונגען... צווישן דער אַרומיקער פינצטערניש זעט אים אויס די לייכטנדיקע שיף, ווי אַ ליכטיקער חלום, וואָס טויכט אויף פלוצלונג און דערווייטערט זיך, פאַר־שווינדט... ער פאַרטראַכט זיך וועגן די מענטשן, וואָס געפינען זיך אויף דער שיף, פאָרן פון איין לאַנד אין צווייטן, וועלן זיך טרעפן מיט אייגענע אָדער פריינד, וואָס וועלן זיי אָפּוואַרטן, זיך פרייען מיט זיי, זיי זענען פול מיט האָפענונגען, חלומות...

ער קוקט לאַנג אויף די שיפן, ביז די פייערלעך ווערן אַלץ קלענער, פאַרשווינדן אין דער ווייטקייט...

אַ מאָל פאַרקוקט ער זיך אויף די ים־צייכנס, וואָס צינדן זיך אָן און פאַרלעשן זיך אָן אויפהער. דאָס אויפבליצנדיקע ליכט, וואָס טויכט אויף איבערן ים, און גיט סיגנאַלן די פאַרבייפאָרנדיקע שיפן וועגן די לויערנ־דיקע געפאַרן, ציט צו זיין בליק. ער קוקט לאַנג אויף די ים־צייכנס, ביז ס׳הויבט אים אָן שווינדלען פאַר די אויגן. ער לייגט אַרויף די הענט אויף די אויגן־דעקלעך און דערשפּירט די קילע ים־לופט, וואָס באַרויִקט אים, נעמט אים איין. די שטילע ים־ווינטלעך גלעטן און צערטלען אים מיט זאַנפטע באַרירונגען, ס׳באַפאַלט אים אַ מידקייט, די אויגן קלעפן זיך אים, דאָס רוישן פון ים, ווי אַן איינוויגנדיק געזאַנג, פאַרשלעפערט אים. מיט טשאַפּנדיקע טריט גייט ער צו זיין צימערל, פאַלט אַוועק אויפן בעטל, שלאָפט באַלד איין.

ביי טאָג איז אים אַ סך היימלעכער. באַלד פון באַגינען באַווייזן זיך שוין די אַרבעטער מיט זייערע קלומיקלעך אויף זיך. דער פוסטער אַרום ווערט אויפגעלעבט פון די וויברירנדיקע קלאַנגען פון מענטשלעכע שטימען, איילנדיקע טריט, ס׳הערט זיך אַ קלאַפּן פון האַמערס, אַ שאַרן מיט די רידלעס איבערן אַספאַלט, אַ שיטן פון זשוויר אין די עמערס, אַן אַרבעטער צעזינגט זיך אויפן קול, די מונטערע טענער הילכן אָפּ צווישן די פוסטע ווענט פון דער ווילִיע מיט אַ קלינגענדיקן עכאָ.

אַ גאַנצן טאָג איז פאַראַן אַ כסדרדיקע באַוועגונג לעבן דער געביידע.

לאַסט־אויטאָס קומען צו פאָרן, לאָדן אויס זעק צעמענט, זשוויר, זאַמד, ציגל און שטיינער.

ס'באַווייזט זיך אויך פון צייט צו צייט דער אַרכיטעקט. ער האַלט זיך ערנסט, וויכטיק, באַגריסט זיך מיט די אַרבעטער מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיי געטאָן אַ טובה, קוקט מיט אַ גדלותדיקן בליק אַרום זיך, ער נעמט אַרויס דעם פּלאַן, פאַרטיפט זיך, גיט אַרויס אָנווייזונגען, פאַראָרדנונגען, וועלכע ווערן אויפגענומען פון „קאַפּאַטאַז"*) מיט געהאָרכזאַמער אויפמערקזאַמקייט.

ס'קומט אויך אָפט דער אייגנטימער פון דער ווילע. ער קומט מערסטן טייל מיט זיין גאַנצער משפחה. זיי שטייגן אויס לאַנגזאַם, מיושבדיק, ציילן די טריט, גייען געלאַסן, זיי פאַררייסן זייערע בליקן צו דער ווילע, קוקן אַרויף מיט גדלות, הויבן אָן קריכן אויף די רושטאָוואַניעס, היטן זייערע קליידער זאָלן נישט ווערן איינגעריכט מיט קאַלך, באַטראַכטן די אויפגעהויבענע ווענט, זאָגן מבינות, גייען דערנאָך אַרויף אויפן באַלקאָן און קוקן צום אָפענעם ים, וואָס שפּרייט זיך רחבותדיק אַנטקעגן דער ווילע, הערן זיך צו צו דעם געריוש פון די כוואַליעס, וואָס דערנענטערן זיך צום ברעג מיט אַן איינגעהאַלטענער געפּלעסקעריי, נישט וועלנדיק שטערן די אַרומיקע שטילקייט.

אָונטצייט. די אַרבעטער, ווי זיי ענדיקן נאָר די אַרבעט, איילן זיך צו גיין אַ היים. דער וועכטער בלייבט אַליין... פּילט זיך אומהיימלעך מיט דער אַרומיקער שטילקייט... ער נעמט צונויפשאַרן די קוילן, וואָס זענען געבליבן פון ביי טאָג, ווען די אַרבעטער האָבן צוגעגרייט זייער „אַסאַדאָ". ער מאַכט אַ פייער, שטעלט צו אַ קליין טשייניקל מיט וואַסער. ס'ווערט אים היימלעכער. דאָס פייער פאַרטרייבט די פינצטערניש, וואָס הויערט צווישן די אויפגעהויבענע ווענט, באַלייכט דעם אַרום, פאַרשפּרייט אַ מחיהדיקע וואַרעמקייט, וואָס דערמאָנט אַ געמיטלעכע היים... אַן אייגן ווינקעלע...

---

*) קאַפּאַטאַז — דער, וואָס פירט אָן מיט די אַרבעטער.

ווען דאָס וואַסער הויבט אָן קאָכן, גרייט ער צו אַ „מאַטע״ *. דאָס פּייער לעשט זיך ביסלעכווייז אויס, ער בלייבט זיצן אין דער פינצטער און טראַכט בשעת מעשה: אַז די אַרבעטער זיצן איצט יעדער ביי זיך אין דער היים. צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס ביים טיש. ס׳איז ליכטיק, וואַרעם און היימלעך. און ער איז דאָ אַליין צווישן די פינצטערע ווענט פון וועלכע ס׳יאָגט אָן אומהיימלעכע קעלט. ער איז איינזאַם, האָט נישט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורייידן, האָט נישט קיין פריינד, קיין משפחה, קיין קרובים צו וועמען ער זאָל גיין...

☆

די אַרבעט פון דער ווילע איז צוגעגאַנגען מיט אַ שנעלן טעמפּאָ, דער באַלעבאָס האָט פאַרלאַנגט, אַז די געביידע זאָל אַרויסגעענדיקט ווערן פאַר ניי־יאָר, כדי ער זאָל קענען פראַווען די יום־טובים אין נייעם הויז און ער זאָל אויך קענען געניסן די זומער־חדשים ביים ברעג פון ים.**

זיינע וויזיטן זענען געוואָרן אָפטער. געשושקעט זיך מיטן „קאַפּאַטאַז״, מיטן אַרכיטעקט, אויך צוגעזאָגט די אַרבעטער, אַז ער וועט זיי פאַר־גיטיקן. זאָלן זיי נאָר נישט אָפּשלעפּן מיט דער אַרבעט און נישט מאַכן קיין יום־טובים, וועט ער זיי גוט באַלוינען.

☆

ס׳האָט זיך דערנענטערט ניי־יאָר.

די ווילע איז געשטאַנען אָן אויסגעפוצטע, אָן אַרויסגעענדיקטע, אַ באַגאָסענע מיט זון, מיט ליכט וואָס האָט אַריינגעשטראָמט דורך די גרויסע פענצטער, דורך די גלעזערנע ווענט, פאַרפלייצט אַלע צימערן, טע־ראַסעס און באַלקאָנען. די ווייסע טירן און פענצטער מיט די בראָנדזענע

---

*) מאַטע — אַ געטראַנק פון גראָזן ביי די דרום־אַמעריקאַנער.

**) אין דרום־טייל פון דער ערד איז ניי־יאָר זומערצייט.

באַפּוצונגען האָבן געגלאַנצט, און געפינקלט. אַלץ איז געווען גרייט אויפ־צונעמען די נייע באַלעבאַטים, די פאַרבעטענע געסט. פון די ליידיקע צימערן האָט זיך געטראָגן אַן אָפּוואַרטנדיקע שטילקייט.

מיט עטלעכע טעג צוריק, איידער די ווילע איז אויסגעענדיקט גע־וואָרן, האָט מען צענומען דאָס וועכטער־שטיבל, וואָס איז געשטאַנען אין סאַמע פראָנט. מ׳וועט דאָך נישט לאָזן אַ בלעכן שטיבל אין דעם אויס־געפּוצטן גאָרטן. ס׳וואָלט צוגענומען די גאַנצע שיינקייט און עסטעטיש־קייט פון דער ווילע... כואַנס בעטל האָט מען אַריינגעטראָגן אינעווייניק. ער איז דאַן געשלאָפן אין דער ווילע. געהיט די ריינקייט, געהיט דעם גאָרטן. דאָס שלאָפן די עטלעכע טעג אין דער ווילע, האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי מ׳זאָל זיך וועלן רייצן מיט אים... בכיוון אים וועלן ווײ טאָן... ביי נאַכט פלעגט ער שוין נישט אַרויסגיין צום ים, נאָר אָנצינדן די ליכט און אַרומשפּאַצירן איבער די גערוימע צימערן, אַרויפגיין אויף די הילצערנע געוועקסטע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום אויבערשטן גאָרן. די הילצערנע טרעפּ האָבן געסקריפּעט, אַרויסגעגעבן אַ בייזערנדיקן געמורמל. דער עכאָ איבער די ליידיקע צימערן האָט אָפּגעקלונגען מיט ירגזון: טרעט נישט! טרעט נישט! די ביסט דאָ אַ פרעמדער! דו דאַרפסט גאָר שטיין און היטן, אַכטונג געבן!

ניי־יאָר. אָוונטצייט, די ווילע איז געשטאַנען אַ העל באַלויכטענע. פון אַלע צימערן האָט דאָס ליכט אַרויסגעשטראָמט אין גאַס, גערופן, צו וויסן געגעבן וועגן יום־טוב.

ס׳האָבן אָנגעהויבן קומען געסט. אויסגעפּוצטע, אויסגעסטראָנצלטע, מיט שיינענדיקע פּנימער, וואָס האָבן ליבלעך געשמייכלט, האַרציק באַ־גריסט, געוווּנטשן גליק די אייגנטימער, וואָס זענען געשטאַנען ביים אַריינגאַנג און העפלעך אַריינגעבעטן אין ליכטיקן זאַל.

אַ באַרוישנדיקע מוזיק האָט זיך געריסן אין גאַס אַרויס. טאַנצנ־דיקע פּאָרלעך מיט צעפלאַמטע פּנימער האָבן זיך געוויגט צום טאַקט, זיך געפלאָכטן איינע אין די אַנדערע, געגעסן זיך מיט די בליקן, גע־וואָרן פאַרשיכּורט פון פרייד און גאַרנדיקער לוסט...

ווען דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוועלף האָבן יובלדיקע אויס־געשרייען פאַרהילכט דעם אַרום. ראַקעטן האָבן אויפגעריסן אין דער לופטן, פאַרטויבט די לופט מיט אַ געקנאַלעריי און זיך צעגאַנגען ווי אַ שפּריירעגן אין רעגנבויגנדיקע קאָלירן. ס׳האָבן זיך געהערט באַגריי־סונגען און גליקווונטשן צום נייעם יאָר. די ווילִיע, אַ באַלויכטענע, האָט געשטורעמט פון פרייד און געיובל.

☆

כּוּאַן דער וועכטער איז געזעסן אויף אַ פעלדז לעבן ים אַנטקעגן דער ווילִיע און זיך צוגעקוקט צום יום־טוב, וואָס ווערט געפייערט אי־נעוויייניק. ער האָט זיך איינגעהערט צו די טומלדיקע אויסגעשרייען, פריילעכע געלעכטערס, ער האָט געקוקט צו די ליכטיקע זאַלן, אויף די שײַנענדיקע פּנימער פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך באַגריסט, זיך אַרומ־גענומען און געווונטשן גליק, דערפּאָלג. ער איז געזעסן אַליין... די באַ־לויכטענע ווילִיע האָט אים איצט אויסגעזען ווי אַ ליכטיקע שיף אויפן ים ווייט אין האָריזאָנט.

☆

באַלד פון באַגינען, ווען מ׳האָט אָנגעהויבן ברענגען דאָס מעבל, האָט מען אים משלח געווען... דער בעל־הבית, אַ צעיאַכמערטער, האָט אים ברייטהאַרציק דערלאַנגט אַ זיס ברויט מיט אַ פלאַש ווייַן, צווינטשנדיק אים אַ גליקלעך ניי־יאָר. ער האָט פאַרלאָזן די ווילִיע. געהאַלטן אין איין האַנט די פלאַש וויין און אין דער צווייטער דאָס זיסע ברויט און גע־טראַכט: וווּ וועט ער איצט גיין? מיט וועמען וועט ער פייערן דאָס אָנקומען פון נייעם יאָר? ווי אַזוי וועט ער איצט פונקט ערב ניי־יאָר פאַרלאָזן די ווילִיע?

ער איז צוגעגאַנגען צום ים. זיך אָוועקגעזעצט מיטן פּנים צו דער

וויליע, ער זאָל קענען אַלץ זען און זיצנדיק אַזוי אַנטקעגן, האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז ער איז אינעווייניק צווישן די געסט, אַלע דריקן אים די האַנט, באַגריסן אים צום נייעם יאָר, דער באַלעבאָס אַליין קלאַפּט אים גוטברודעריש אין פּלייצע. דאַנקט אים פאַר זיין טריי אָפּהיטן די וויליע. ער שמייכלט צעטומלט, פאַרלוירן, דער העלער שיין פון די אָנגעצונדענע לאָמפּן בלענדט אים די אויגן, ער בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ, באַמערקט זיינע אָפּגעטראָגענע מלבושים. אַלע קוקן אויף אים, דערווייטערן זיך פון אים... ווי ער וואָלט געווען אַן אומגעבעטענער גאַסט... לאָזן אים אַליין...

☆

אַ קאַלטער ים־ווינט האָט אים אויפגעוועקט פון זיינע מחשבות. ער האָט אַ לייכטן ציטער געטאָן. געפילט ווי אַ קעלט נעמט אים דורך, די פייכטקייט פון נאַסן שטיין קריכט אים אַריין אין די ביינער. ער האָט אַ שליידער געטאָן פון זיך די פלאַש וויין, וועלכע איז צעפּיצלט געוואָרן אויף שטיקלעך אָנקלאַפּנדיק זיך אין אַ פעלדז. אַוועקגעוואָרפן דאָס ברויט, אויסגעדריקט מיט דעם זיין אומצופרידנקייט, זיין טיפן פאַרדרוס...

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום ים. זיך פאַרשטעלט די אויערן מיטביידע האַנטפלאַכן, ער זאָל נישט קענען הערן דעם ליאַרעמ־דיקן געפילדער, די פריילעכע געלעכטערס פון דער וויליע...

ער האָט זיך פאַרקוקט אויף די ים־צייכנס, וואָס האָבן אַלע ווײַלע אויפגעבליצט און זיך פאַרלאָשן, אויפגעשיינט ווי פלאַקערנדיקע שטור־קאַצן און מיט אַ מאָל אויסגעגאַנגען, פאַרשוווּנדן. די פינצטערניש אַרום איז געוואָרן אַלץ שווער דערדריקנדיקער. אין ווייטן האָריזאָנט האָבן זיך געהויפנט שוואַרצע געדיכטע וואָלקנס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי מחנות ריזיקע מאָנסטערס, זיי שפּאַנען מיט פאַרטייעטע טריט, דערנענטערן זיך אַלץ מער...

צווישן דער אַרומיקער טונקלקייט האָבן די אויפלייכטנדיקע פייערלעך

איבערן ים, אים אויסגעזוען ווי פינקלדיקע שטערנדלעך, וואָס פאַלן כסדר אַראָפּ פון ערגעץ ווייט... בליצן אויף אַ ווײַלע מיט זייער שימערדיקן גלאַנץ, און לעשן זיך באַלד אויס...

אַ סוד

כמעט אַלע טאָג גייען טאַטע־מאַמע באַזוכן זייער פאַרהייראַטע טאָכטער, די בת־יחידה. זיי גייען באַטריבטע, פאַרזאָרגטע, ווייסן פון פריִער, אַז די פּאָר שעה וועלן זיין פאַר זיי אַן אָפּקומעניש, וועלן זיי נישט פאַרשאַפן קיין פרייד. אָבער ווען עס פּאַסירט אַ טאָג וואָס זיי קענען נישט גיין זיי באַזוכן, קענען זיי נישט רוען, ס׳רייסט פון זיי שטיקער, ס׳ווייזט זיך זיי אויס, אַז מיט זייער קומען צו דער טאָכטער פאַרגרינגערן זיי אירע ליידן, זיי טיילן זיך מיט איר שווערן גורל...

שוין עטלעכע יאָר ווי די טאָכטער איז פאַרהייראַט, און טאַטע־מאַמע האָבן נישט פון איר קיין נחת. זיי טראַכטן, אַז זי האָט נישט געטראָפן מיט איר באַשערטן, און אַז ער איז דער שולדיקער. ער איז קאַרג, אויסגערעכנט און ברוטאַל, ווייזט איר נישט אַרויס קיין אויפמערקזאַמקייט, צערטלעכקייט, און קימערט זיך בכלל נישט וועגן איר. זיי ווייסן, אַז זייערע באַזוכן נעמט ער נישט אויף גערן, ער באַגריסט זיי קאַלט, באַגעגנט זיי מיט אַ זויער פּנים, ווי ער וואָלט זיך געפילט באַלעסטיקט אין זייער אַנוועזנהייט, און ווען זיי קומען נעמט ער גלייך אַרויס אַ פּעקל פּאַפּירן, חשבונות, ביכער, וואָס ער ברענגט פון געשעפט, גראָבט איין אין זיי זיינע קורצזיכטיקע אויגן, פאַרצייכנט, שרייבט, רעכנט, רעדט נישט אויס מיט זיי קיין וואָרט, ווי ער וואָלט זיי איגנאָרירט.

דאַקעגן די טאָכטער נעמט זיי אויף מיט אָפענע אָרעמס, און מיט אַ צופרידן שמייכלענדיק פּנים, זי וויל נישט מצער זיין טאַטע־מאַמע.

די קינדער, וואָס שפּילן זיך אין הויף, אַז זיי דערזעען זיידע־באָבע, לויפן צו און טוליען זיך צו זיי, הויבן אָן אַרומלויפן איבערן שטוב, שטיפן און לאַכן אויפן קול, פילן אָן די שטוב מיט אַ פריילעכן געפילדער און קינדישן געלעכטער. זיידע־באָבע פילן זיך אויפגעהייטערט, אויפגעלייגט,

ס׳גייען אַוועק פון זיי די שווערע רעיונות, די באַטריבטקייט, זיי ווערן באַווירקט מיט דער פרייד און זאָרגלאָזיקייט פון די קינדער.

דער איידעם, וואָס זיצט איינגעגראָבן אין די קאָנטע־ביכער, אין די חשבונות, קרימט מיטן פנים, מאַכט אומצופרידענע זשעסטן. דער טומל פון די קינדער דענערווירט אים, שטערט אים אין זיין אַרבעט.

מיט אַ מאָל הויבט ער אויף דעם קאָפּ פון די ביכער, זיינע קורץ־זיכטיקע אויגן זענען אָנגעשטרענגט, זיינע ליפּן ציטערן פון כעס, ער ווענדעט זיך צו זיידע־באָבע, וואָס פרייען זיך מיט די אייניקלעך.

— איר גיט זיי אַלץ נאָך. זיי טוען וואָס זיי ווילן. זיי פאַרלירן צוליב דעם דעם רעספּעקט, קריכן אויפן קאָפּ און שטערן מיר מיין אַרבעט.

— וואָס? מ׳טאָר שוין נישט אויסריידן אַ וואָרט מיט אונדזערע אייניקלעך, האָבן דעם פאַרגעניגן צו פאַרברענגען מיט זיי? — זאָגט די באָבע מיט אַן אויפגערעגט קול.

— אַ קינד דאַרף מען אַרויסווייזן ליבשאַפט, צערטלעכקייט, איידעלע געפילן, נישט פירן זיך מיט זיי דעספּאָטיש, ברוטאַל, דאָס קען ווירקן שלעכט אויף זייער דערציונג, אויף זייער כאַראַקטער — ווייל דער זיידע דערקלערן דעם איידעם.

דער איידעם גיט זיך מיט אַ מאָל אַ שטעל אויף, שטופּט אָפּ פון זיך די רעכנביכער, די פּאַפּירן, און שרייט אויס:

— מיך וועט קיינער נישט לערנען ווי אַזוי איך דאַרף דערציען מיינע קינדער! איך וועל זיך פירן ווי איך פאַרשטיי, לויט מיין איינזען, און לויט מיין איבערצייגונג, קיינער האָט נישט קיין רעכט מיר צו זאָגן דעות! זיך אַריינמישן אין מיין לעבן!

זיידע־באָבע בלייבן זיצן אָפּהענטיק, זיי ווילן נישט אָפּענטפערן, פאַרפירן וויכוחים, כדי נישט צו פאַרשאַפן דער טאָכטער קיין צער. זיי ווייסן, אַז דערנאָך לאָזט ער אויס זיין כעס צו איר... זיי ווילן פאַרציִען דעם שמועס וועגן אַן אַנדער ענין און עס געלינגט זיי נישט. זיי בלייבן זיצן שטיל און קוקן מיט מיטלייד צו דער טאָכטער. אין דער שטילקייט הערט מען דעם געשאָרך פון די פּאַפּירן, פון די רעכנביכער, וואָס דער

איידעם האַלט אין איין בלעטערן, סקריפּעט מיט דער פּעדער, ווי ער זאָל וועלן אויסדריקן מיט דעם זיין כעס, זיין אומצופרידנקייט.

זיידע־באָבע בלייבן נאָך אַ ווײַלע און הויבן אָן זיך געזעגענען מיט די אייניקלעך, צעקושן זיך מיט דער טאָכטער און איילן זיך אַוועקצוגיין.

☆

די טאָכטער איז געגאַנגען זיך באַראַטן מיט דער מאַמען. ווי נאָר זי איז אַריינגעקומען, איז זי איר אַרויפגעפאַלן אויפן אַקסל, און האָט זיך יאָמערלעך צעוויינט. די מוטער האָט זי געפּרווט באַרויִקן:

— טאָכטערל מיינס — האָט זי געזאָגט מיט אַ צערטלעך קול, געוואָלט זי איינעמען און געטוליעט צו זיך, ווי מ׳טוליעט אַ קליין קינד, וואָס קומט זוכן שוץ ביי דער מאַמען.

— מאַמע טייערע, כ׳קען נישט מער, ס׳איז מיר אוממעגלעך מיט אים צו לעבן, און ווען נישט די קינדער וואָלט איך שוין לאַנג געמאַכט אַ סוף... די קינדער זענען מיין אייניציקער טרייסט, אָבער טאָג־טעגלעך זיך מיט אים צו קריגן און אַמפּערן האָב איך אויך נישט קיין כח, טאָג און נאַכט גייט ער אַרום מיטן בלייפעדער, פירט וועגן אַלץ אַ חשבון, אַ רשימה, איז קאַרג און אויסגערעכנט, און אַפילו צו די קינדער ווייזט ער אויך נישט אַרויס קיין שטאַרקע ליבשאַפט, באַגייט זיך מיט זיי ברוטאַל, אַכזריותדיק. אין זיין קעגנוואַרט טאָרן זיי זיך נישט שפּילן, זיך פאַרווײַלן. און דערצו זיצט ער גאַנצע נעכט ביי די ביכער, ביי די חשבונות, ביי די פּאַפּירן, חשבונט און רעכנט, און וויל אין ערגעץ נישט אַרויסגיין. וואָס פאַראַ לעבן איז דאָס? און פאַר דער חתונה האָט ער זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַזאַ גוטער, אַזאַ איידעלער, אַזאַ איבערגעגעבענער.

— באַרויִק זיך מיין קינד, — זאָגט די מוטער, — דאַרפסט זיך האַלטן שטאַרק, נישט אַראָפּבייגן דעם קאָפּ. פאַרגעס נישט, אַז דו ביסט אַ מאַמע פון צוויי טייערע קינדערלעך. דאַרפסט אָבער אויך נישט איבערטרייבן, פאַרגרעסערן די זאַך מער ווי דאָס איז, מאַכן פון דעם אַ טראַגעדיע...

און נישט אַלץ איז גאָלד, וואָס ס׳גלאַנצט — האָט די מוטער צוגעגעבן — אַז מ׳איז חתן־כלה, זעט מען נאָר די מעלות, און נאָך דער חתונה שווימט אַלץ אַרויף ווי בוימל אויפן וואַסער. צוויי יונגע מענטשן מיט באַזונדערע אייגנשאַפטן, כאַראַקטער, געוווינהייטן, און דערציִונג, גייען זיך פאַרבינדן. ס׳איז נישט אַזוי איינפאַך, די ערשטע יאָרן איידער מ׳פּאַסט זיך צו, זענען די שווערסטע, ווייל, מיין טייער קינד, אַלע האָבן מיר אונדזערע שוואַכקייטן, קאַפּריזן, חסרונות, קיינער פון אונדז איז נישט פּערפעקט. איך וויל אים נישט פאַרטיידיקן, — האָט די מוטער געזאָגט באַדויערנדיק, זעענדיק ווי די טאָכטער קוקט אויף איר מיט שטוינונג. — איך ווייס גוט זיינע פעלערן, זיינע חסרונות, אַ סך מאָל גייען מיר אַוועק פון אייך מיט אַ צעקלעמט געמיט, ער האָט אָבער מעלות אויך, און די גליקלעכע צייט ווען מ׳איז חתן כלה גייען שנעל פאַרביי, ס׳קומען דערנאָך די טאָג־טעגלעכע זאָרגן, פליכטן, אינטערעסן, און, מיין טייער קינד, מ׳דאַרף אַ ביסל נאָכגעבן, טאָלערירן איינער דעם אַנדערן, זיך נישט שטעלן אויף יעדער קלייניקייט.

— כ׳וועל דיר דערציילן אַ סוד, מיין טייער קינד — האָט די מוטער צוגעגעבן — דאָס וואָס דו לעבסט איצט איבער, האָב איך אויך איבער־געלעבט די ערשטע יאָרן נאָך אונדזער חתונה, און דאָס רוב פרויען לעבן דאָס איבער, און דיין פאָטער איז דאָך אַ ליבער און האַרציקער מענטש. די ערשטע צייטן נאָך אונדזער חתונה האָב איך נישט איין מאָל זיך אויסגעוויינט שטילערהייט, כ׳האָב געמיינט, אַז מיר וועלן נישט קענען זיך איינלעבן, מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער ווייזט מיר נישט אַרויס די זעלבע אויפמערקזאַמקייט ווי פאַר דער חתונה, ער האָט נישט געקענט פאַרליידן מיינע פאַרוווּרפן, מיינע טענות, מיינע טרערן, מיין פאַרזויערט פנים, מיר האָבן זיך אַלץ מער דערווייטערט איינער פון אַנדערן, פון קלייניקייטן איז געוואָרן אַ באַרג, כ׳האָב אים אַ סך מאָל פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז אַן עגאָיִסט, אַז ער פילט מיר נישט מיט... אַז ער האָט מיך נישט ליב, מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך בין די אומגליקלעכסטע

אין דער וועלט... און כ׳האָב אַ סך מאָל געטראַכט, אַז דער איינציקער אויסוועג וועט זיין מיר זאָלן זיך שיידן... אַזוי האָבן זיך געצויגן די ערשטע יאָרן נאָך אונדזער חתונה.

— דערנאָך, דערנאָך, — זי איז געבליבן שטיל אַ ווײַלע, און פאַר־געזעצט — דערנאָך ביסטו געקומען אויף דער וועלט, און מיר האָבן אַלץ פאַרגעסן, דו ביסט געווען ווי אַ ליכטיקער שטראַל, וואָס האָט באַשיינט אונדזער היים... מיר האָבן זיך ווידער געפילט פאַראייניקט צוליב דיר... די קריגערייען האָבן אויפגעהערט, איך בין כסדר געווען פאַרנומען מיט דיר, און אַלץ האָט זיך געענדערט, די אַלע חסרונות, וואָס איך האָב פריִער אַרויסגעזען ביי אים, האָבן זיך מיר אויסגעוויזן צו ווערן אַלץ קלענער און נישטיקער. כ׳האָב דערזען אין אים פיל מעלות אויך, און אַז כ׳דאַרף זיך באַמיִען צופּאַסן צו אים, מיר האָבן זיך אַרומגעזען, אַז מיר האָבן געמיינזאַמע דאגות, פאַרפליכטונגען, וואָס פאַרבינדן אונדז צוזאַמען, דאָס לעבן, מיין קינד, איז נישט נאָר לויטער גוטס, גליק און דערפאָלג, אַלץ איז געקנופּט און געבונדן צוזאַמען, גוטס און שלעכטס, דערפאָלג און דורכפאַל, נצחון און אַנטוישונג. און מ׳טאָר נישט קוקן אין איין זייט, אין איין ריכטונג. און אַזוי, מיין קינד, האָב איך אָפּגעלעבט מיט דיין ליבן טאַטן דעם גרעסטן טייל פון מיין לעבן... איצט זעט מיר אויס, אַז אָן אים וואָלט מיין לעבן קיין זין נישט געהאַט... און אַז ער פאָרט אַ מאָל אַוועק צוליב געשעפטלעכע ענינים אויף אַ פּאָר טעג, געפין איך זיך קיין אָרט נישט, איך בין פול מיט בענקשאַפט און דערוואַרטונג...

ווען די מוטער האָט געענדיקט ריידן, איז די טאָכטער געבליבן פאַר־טראַכט, פאַרזונקען אין מחשבות. דער מאַמעס ווידוי האָט אויפגעוועקט אין איר רעפלעקסן, און טראַכטענישן, וואָס האָבן אָפּגעשטויסן און דער־וייטערט אירע אייגענע איבערלעבונגען, אירע ליידן...

טונקעלע פאַרנאַכטיקע שאָטנס האָבן זיך גענומען אויסשפּרייטן אויף די ווענט, האָבן זיך אויסגעלייגט פאַרטייעט אין די ווינקלען, ווי זיי וואָלטן זיך איינגעהערט צו דעם פאַרבאָרגענעם סוד, וואָס די מוטער

האָט היינט אַנטפּלעקט פאַר דער טאָכטער... דעם סוד פון דער מוטערס פאַרגאַנגענהייט, פון איר לעבן, וואָס איז געווען אַזוי ענלעך צו די שווערע איבערלעבונגען פון איר טאָכטער, צו אירעליידן, צו איר גורל...

איידזשי

(מלחמה־יאָרן)

נאָך דער מאַמעס דערשיטערנדיקע ווערטער, ווערן מיר אַלע אינטים־נאָענט און צוגעלאָזן צו אונדזער יונגסטן ברודערל, וואָס מיר רופן אים מיט אַזאַ מאָדנעם נאָמען: „איידזשי". ער ווערט פאַרפאָלגט פון אונדזערע בליקן, וואָס דריקן אויס אי מיטגעפיל, אי מורא, ווייל ס׳זעט אונדז אויס באמת שרעקלעך, מיר גלויבן זיך אַליין נישט, אונדזער איידזשי, אונדזער טייערער און ליבער איידזשי, איז קראַנק, געשוואָלן פון הונגער...

כ׳קוק אים נאָך פון ווייטנס, זיין ניט רירעוודיקער גאַנג, אָנגעפוישט בייכל און דיקע פיסלעך, באַשטעטיקן דער מאַמעס רייד. כ׳זוך אויס פאַרשידענע שפילערייען אים צו פאַרשפילן. ער קוקט מיך אָן מיט אַזעלכע מאָדנע פאַרנעפלטע אויגעלעך. אַ וויילע דוכט זיך, ער ווערט מיטגעריסן מיט אונדז. די קינדערשע פרייד און זאָרגלאָזיקייט באַהערשט אים. שפעטער בלייבט ער זיצן, פאַרבויגט דאָס קעפל אויף אַ זייט, אָטעמט שווער און קוקט אויף אונדז מיט אַזעלכע אומעטיקע אויגן...

ס׳ווערט מיר אומהיימלעך קוקנדיק אויף אים... „ער איז געשוואָלן פון הונגער" טראַכט איך, ס׳איז שרעקלעך. כ׳גיי צו צו אים נענטער, און באַמי זיך אַרויסווייזן מיין מיטגעפיל צו אים. כ׳ווייס, אַז ער איז הונגעריק, שוין לאַנג נישט געגעסן אַזאַ זאַך, וואָס זאָל אָפפרישן זיין פאַרשמאַכט קינדערהערצל. צו דער „בלאָטיקער זופ", ווי מיר רופן דאָס, וואָס מיין מאַמע קאָכט אַלע טאָג, ווייזט ער אַרויס אַ ווידערגעפיל. ער קאָן דאָס נישט פאַרזוכן. שפעטער בשעת מיר זיצן אַלע ביים טיש און שלינגען דאָס מיט גרויס הנאה, פרובירט ער אויך פאַרזוכן, אָבער ביים ערשטן לעפל פאַרקרימט ער זיך און רוקט אָפ דעם טעלער.

איך, אַלס דער עלטערער, וואַרף דער ערשטער מיינע בליקן צו אונדזער מאַמען... זי רוקט צו דעם טעלער צו מיר, נעמט דאָס קינד אויף די הענט, דריקט עס צום האַרצן און האַלט אין איין איבערחזרן די ווערטער: „מיין טייער קינד, מיין טייער קינד״, זי באַדעקט אים מיט קושן און וויינט שלוכצנדיק מיט אַ שטיל קול. פּלוצלונג ווערן אירע אויגן גרויס, אויפגעריסן און פאַרגאָסן מיט טרערן. זי ברעכט אויס אין אַ יאָמערלעכן געוויין, ציטערט מיטן גאַנצן קערפּער און דריקט מיין ברודערל מיטן גאַנצן כוח צו זיך. „„מיין אָרעם קינד״ — הערט זי נישט אויף צו שעפּטשען. מיין ברודערל קוקט מיט צעשראָקענע אויי־געלעך, דער מאַמעס געוויין צעטומלט אים, און מיט אַ בעטנדיק קול זאָגט ער אַרויס די קלאַנגען — מאַ־מאַ־מאַ, זי באַרויִקט אים דערנאָך, לייגט אים אַוועק אויף די הענט און שלעפּערט אים איין...

כ׳בין צופרידן. מיין ברודערל שלאָפט. און כ׳נעם זיך מיטן גאַנצן חשק צום צווייטן טעלער, וועלכער שטייט לעבן מיר און קיצלט מיר די נאָזלעכער מיט זיין וואַרעמער פּאַרע. ווי אָנגעהויפנטע רודלעס אין אַ ליידיקן גרוב, וואַרף איך אין אָפּענעם מויל אַ לעפל נאָך אַ לעפל, כ׳פיל אויף זיך דעם טאַטנס צאַרנדיק בליק. ער מורמלט עפּעס צווישן די ליפּן און עס פאַלט אויף מיר אַ באַקאַנט זידלוואָרט: „זולל וסובא״! מיין צווייט ברודערל קוקט אויך אויף מיר מיט קנאהדיקע בליקן... אָבער איך הער אַלעמען ווי דעם קאַטער, כ׳קוק זיך נישט אום, ביז כ׳זע אַ ליידיקן דעק. כ׳פיל אָבער דערנאָך אַ שווערקייט אין גאַנצן קערפּער, און דער בויך איז ביי מיר אָנגעבלאָזן, איך לייג זיך אַוועק, ס׳איז שווער זיך צו רירן... די מאַמע קומט צו, קוקט אויף מיר מיט שרעק און פרעגט — וואָס מיר איז? כ׳גיב אַ שמייכל און ווייז מיטן פינגער אויפן בויך...

כ׳באַמערק, ווי ס׳ווערט פינצטער און ווי ס׳וואָלט זיך געהערט דאָס שאַרכען פון שאָטנדיקע טריט אין דער טונקלקייט. איך הער ווי עפּעס שפּרייזט איבער פּלויטן און דעכער און גרויליקס, שרעקלעכעס וואָלט זיך צו אונדזער שטוב דערנענטערט... דער טאַטע גייט אַרום מיט שווערע

טריט איבערן צימער, מיט אַ שוואַך קול פּרוביר איך אים זאָגן:

— מע דאַרף אָנצינדן דעם קורניק.

— מען דאַרף נישט — ענטפערט ער מיר שנעל און אומצופרידן. — מען וועט היינט גיין פרי שלאָפן.

איך זע מיין טאַטנס פּנים צעקרימט פון כעס, געוווּנדעט צו מיר אין דער פינצטערניש. כ׳צי אַרויף אויף זיך אַן ערנסטע מינע און בלייב ליגן אַזוי מיט אַ שווערן אָנגעפּוישטן בויך, און מיט מאָדנע געדאַנקען, וואָס פּלאָנטערן זיך מיר אין קאָפּ.

ווידער דערמאָן איך מיך אין מיין ברודערל. זיין געשטאַלט שטייט מיר פאַר די אויגן. ער איז קראַנק, געשוואָלן, פאַרשמאַכט, ער שלאָפט איצט. אָבער כ׳זע ווי די מאַמע לויפט אַלע מאָל אַריין אַן אומרויִקע, אַ צעשראָקענע, זי גייט צו צו אים אויף די שפּיץ פינגער, בויגט זיך איין מיטן האַלבן קערפּער צו אים, און הערט זיך איין, ווי ער אָטעמט. איך ציטער אויף... און שרעק זיך...

אַ ווײַלע שפּעטער ליגן שוין אַלע אויף די געלעגערס און שלאָפן. איך אָבער בין וואַך. כ׳קען נישט איינשלאָפן און אין דער פינצטערניש הויב איך זיך אָן צו באַטאַפּן די פיס, די הענט, דעם גאַנצן קערפּער. די שרעק, אַז איך קען אַזוי ווערן געשוואָלן, ווי מיין ברודערל איידזשי, מאַ־טערט מיך און פייניקט אַ לאַנגע צייט, ביז כ׳שלאָף איין...

☆

ווען מיר כאַפּן זיך אויף אין דער פרי איז די מאַמע נישטאָ. דער פאָטער דרייט זיך אַרום איבערן צימער און געפינט זיך קיין אָרט נישט. ער איז בלאַס, בייז און פאַרטראַגן. טונקעלע רינגען קרייזן זיך אַרום זיינע אויגן, קענטיק, אַז ער איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. איך זע, ער שפּירט מיין נאָכפאָלגנדיקן בליק. ער דרייט זיך אויס צו מיר, זיין געזיכט ווערט מילדער, מיט זיינע שפּיצן פינגער באַרירט ער צאַרט מיין קאָפּ, און קוקט מיר גלייך אין די אויגן, ווי ער זאָל זיך וועלן פאַרענט־פערן פאַר מיר... און אין אַ ווײַלע אַרום זאָגט ער מיט אַ שטיל קול:

— ביסט הונגעריק ? !

כ׳שאָקל מיטן קאָפּ, אַז ניין. ער פאַרשטייט מיין ענטפער. און גלעט מיר נאָך צאַרטער איבערן קאָפּ. שפּעטער גיט ער צו מיט אַ ציטערדיקער שטימע :

— דו ווייסט ? דיין ברודערל איז קראַנק... שטאַרק קראַנק...

זיינע אויגן ווערן פאַרנעפּלט. איך זע, ער קען נישט אויסהאַלטן מיין בליק. ער דרייט אויס דאָס געזיכט צום פענצטער און קוקט אַזוי פאַר־שטאַרט.

כ׳גיי צו צו מיין ברודערל. ער ליגט מיט האַלב פאַרגלייזטע אויגן, און דרייט מיטן קעפּל אַהין און צוריק. זיינע דאַרע, בלאַסע הענטלעך ליגן מאַכטלאָז אויפן קישן. ער האַלט דאָס מויל אָפן, אָטעמט שווער, איך פּרוביר אים פרעגן :

— טוט דיר עפּעס ווי ?

דערהערנדיק מיין שטימע, עפנט ער אויף די אויגן, קוקט אויף מיר אַ ווײַלע, און ברענגט אַרויס מאָדנע הייזעריקע קלאַנגען פון צווישן די ליפּן, כ׳דערשרעק זיך און לויף צו צום טאַטן, ווייזנדיק מיטן פינגער אויף אים.

מיר דערהערן דער מאַמעס טריט. מיר וואַרפן זיך אַלע צו דער טיר און באַגעגענען זי מיט אַ פריידיקן אויסגעשריי, זי איז באַלאָדן מיט פּעקלעך פון אַלע זייטן, איר פּנים איז רויט, פאַרשוויצט און פאַרמאַטערט, כ׳באַמערק דעם וואַקלדיקן גאַנג פון אירע טריט, ווי זיי וואָלטן זיך געבראָכן פון מידקייט.

זי וואַרפט אַראָפּ פון זיך די פּעקלעך, און גייט צו צום קינד. זי פאַלט אַנידער אויפן ראַנד פון בעט. בויגט זיך איין און נעמט אים מור־טערלעך אַרום. שפּעטער פּרובירט זי אים געבן עפּעס צו טרינקען. ער טרינקט אויס, פאַרקרימט זיך דערנאָך און גיט עס באַלד אַרויס צוריק. די מאַמע נעמט דאָס קראַנקע קינד אויף די הענט, שפּאַנט דערמיט אַרום מיט נערוועזע טריט איבערן צימער... און אירע אויגן דריקן אויס שרעק און הילפלאָזיקייט.

שפּעטער באַמערק איך שוין גאָר נישט. די פּעקלעך עסנוואַרג, וואָס מיין מאַמע האָט געבראַכט, מאַכן מיך אין אַלץ פאַרגעסן. איך און מיין ייִנגער ברודערל הויבן אָן אַרומטאַנצן אַרום דעם, און אונדזערע קינ־דערשע אויגעלעך, ווי פאָספאָר־פליגעלעך, צינדן זיך אָן און פאַרלעשן זיך...

שפּעט ביי נאַכט הער איך פּלוצלונג מיין מאַמעס האַרצרייסנדיקע קולות, וועלכע מאַכן ציטערן די לופט. איך שפּרינג אַראָפּ פון געלעגער, דער טאַטע, זע איך, שטייט אָנגעשפּאַרט נעבן וואַנט. ער איז שווייגנדיק. אָבער זיינע בליקן דריקן אויס מוראדיקע פאַרצווייפלונג... ער דערזעט מיך, בויגט זיך איין און נעמט מיך צערטלעך אַרום.. איך דערשפּיר זיינע וואַרעמע ליפּן אויף מיין קאָפּ. איך פּרוביר אים פרעגן:

— און איידזשי?

— איידזשי — חזרט ער איבער מיט אַ געבראָכענער שטימע — נישטאָ שוין איידזשי... אַוועק...

כ׳פיל, ווי ער שפּאַרט זיך אָן אין מיר, גיט זיך האַסטיק אַ זעץ אַוועק אויף אַ בענקל און פאַרשטעלט מיטביידע הענט דאָס פּנים...

די צוואה

אַ גרויסער עולם האָט געשטראָמט צו דעם ליכטיקן זאַל, ווו ס'האָט געדאַרפט פאָרקומען די פייערונג פאַרן דיכטער, זייער בן־עיר, צום דער־שיינען פון זיין בוך „צער און טרייסט".

אין דעם בוך האָט דער דיכטער געשילדערט זיינע אַלע איבערלעבונגען אין די מלחמה־יאָרן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט; די אַלע ליידן, פייניקונגען און דערנידערונגען, וואָס ער האָט צוגעזען מיט די אייגענע אויגן, אין די געטאָס, אין די לאַגערן, אין די אומשלאַגס־פּלעצער... ווי אַזוי ער האָט זיך על פּי נס געראַטעוועט, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו די ברעגעס פון דער יידישער מדינה, ווו ער האָט געפונען רו, זיכערקייט, אַ היים.

ער איז געווען פול מיט דאַנקבאַרקייט און ליבשאַפט צום לאַנד, וואָס האָט אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, ווו ער האָט זיך געפילט פריי, געקענט גיין מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט אַ שטאָלצן פרייען בליק, און די גרויסע פרייד צו זען, אַז אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן מיט יידישער מי, מסירת־נפש און אָפּפערווילונג...

דער דיכטער איז געזעסן אויבן אָן, אַרומגערינגלט מיט זיינע פריינד, חברים און פאַרערער. ער האָט געקוקט אויפן גרויסן עולם אין זאַל. צווישן זיי האָט ער דערקענט אַ סך פון די שארית־הפליטה, און אַז זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט אים צו באַגריסן, האָבן אַ בליק געטאָן פאַר זיינע אויגן די געצייכנטע נומערן פון זייערע אָרעמס. דאָס האָט דערמאָנט די יאָרן פון גרויל, הונגער און פּיין...

ער האָט זיי אַלע געקענט. זיי זענען שוין געווען איינגעוואָרצלט אין לאַנד. אויפגעשטעלט משפחות, געפּראַוועט שמחות, געמאַכט יום־טובים. אָבער דאָס פאַרגאַנגענע, דאָס דורכגעלעבטע פון יענע צייטן, האָט שטענ־דיק געמאָנט און געפאָדערט: שטיין אויף דער וואַך! נישט פאַרגעסן

און שטענדיק געדענקען זייער צוואה, ווען זיי זענען געגאַנגען דעם לעצטן וועג...

דער יום־טוב, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן צו באַערן דעם דיכטער, איז דעריבער געווען דורכגענומען מיט צער און אבילות נאָך די, וואָס זענען אומגעקומען על קידוש־השם און ער האָט דערמאָנט און גערופן צו התעוררות, מ׳זאָל נישט פאַרגעסן און שטענדיק זיי געדענקען.

נאָך די אַלע באַגריסונגען, שבחים און רעדעס, האָט דער דיכטער געדאַרפט פאָרלייענען אויסצוגן און פראַגמענטן פון זיין בוך.

ס׳איז אַנטשטאַנען אַן אָפּוואַרטנדיקע שטילקייט. דער דיכטער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, פאַרטיפט אין זיין בוך. ער האָט אָנגעהויבן שטיל לייענען פון זיינע שאַפונגען, דערציילט פון זיינע איבערלעבונגען. ער האָט געהאַלטן געשפּאַנט דעם גאַנצן עולם.

ער האָט פאַרענדיקט לייענען, אַוועקגעלייגט דאָס בוך, און פאַרגעזעצט מיט אַ שאַרף קול, וואָס האָט געקלונגען דראַענדיק, ווי ער וואָלט געוואָרנט: נאָך דעם ווי דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן און די הויפּט־שטאָט ירושלים איז צעשטערט געוואָרן, זענען איינגעפירט געוואָרן געוויסע טרויער־מינהגים ווי אַ זכר לחורבן... אין מאָמענטן פון פרייד, פון חדוה, דאַרף אויך דערמאָנט ווערן חורבן בית־המקדש. וויל איך אויף דער היינטיקער פייערונג פאַר מיין ספר, דערמאָנען די הייליקע צוואה פון די קדושים, וואָס האָבן נישט זוכה געווען צו זען די אויפלעבונג פון יידישן פאָלק אין זיין היסטאָריש היימלאַנד, און האָבן אין די לעצטע מאָמענטן פאַרזאָגט נישט צו פאַרגעסן. זייער געדעכעניש מוז בלייבן אין אונדזער זכרון לדור דורות...

דער גאַנצער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט, געשטאַנען אַ ווײַלע שטיל מיט געבויגענע קעפּ, ווי זיי זאָלן וועלן זיך מתייחד זיין מיט די קדושים, וואָס זענען דערמאָנט געוואָרן... פאַרשטיקטע זיפצן און שלוכצן האָבן זיך געהערט איבערן זאַל. ס׳איז אַנטשטאַנען אַן אומהיימלעכע שטילקייט, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבערן זאַל ווי אַ צייכן פון עצבות, צער און טרויער...

פון דער שווערער, אומהיימלעכער שטילקייט, וואָס איז אַנטשטאַנען

איבערן זאַל, האָט זיך אויסגעוויזן ווי דאָס ליכט פון די לאָמפּן טוקט זיך און ס׳פּאַלט אַ טונקעלער שײַן אויף אַלע פּאַרזאַמלטע ווי אַ צייכן פון באַטריבטקייט און אבילות...

אין דער טיפער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין זאַל, איז דער דיכטער געבליבן אַ ווײַלע פאַרזונקען אין מחשבות. אין איין אויגנבליק האָבן אויפגעטויכט אין זיין זכרון יענע פיינלעכע מאָמענטן, וועלכע ער האָט איבערגעלעבט אין יענע גרויליקע יאָרן פון הונגער, ייאוש, און דערשלאָגנקייט... ער האָט זיך דערמאָנט...

☆

...די ברוינע רוצחים האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אין געטאָ, אַז אַלע יידן זאָלן אין פאַרלויף פון אַ באַשטימטער צייט זיך צונויפזאַמלען אויף אַ געוויסן פּלאַץ. ער איז דאַן מיטגעגאַנגען מיט דער גרויסער מאַסע יידן, יידן פון אַלע שיכטן און קלאַסן, מענער און פרויען, זקנים און קינדער, קראַנקע און שוואַכע, וואָס האָבן מיט אַלע כוחות זיך באַמיט נאָכצוגיין מיט אַלעמען, נישט בלייבן אויפן וועג...

אַנדערע האָבן שטילערהייט געמורמלט תפילות, אַלע ווײַלע אויפגע־הויבן די אויגן צום הימל און געזיפצט שטילערהייט, ווי זיי זאָלן בעטן הילף ביים רבונו של עולם.

ביי אַנדערע האָט דער פּחד אַרויסגעקוקט פון זייערע הילפלאָזע פאַר־צווייפלטע בליקן... זיי האָבן אַרומגעאָרעמט און געטוליעט די קליינע קינדער, וואָס זיי האָבן געטראָגן מיט זיך, ווי זיי זאָלן זיך גרייטן קעגנשטעלן מיט אַלע כוחות ווען מ׳וועט זיי צווינגען זיך שיידן מיט זיי, ווען זיי וועלן דאַרפן גיין דעם לעצטן וועג...

מיט אַ מאָל האָט זיך פון ערגעץ ווייט דערהערט אַ האַרץ־רייסנדיק געוויין פון אַ קליין קינד. דאָס קינדיש געוויין האָט אַלעמען אָפּגעצויגן פון די שווערע רעיונות, פון זייער הילפלאָזיקייט, וואַגלעניש און פּיין. זיי האָבן אויף אַ מאָמענט פאַרגעסן, אַז זיי אַליין ווערן איצט געטריבן, געיאָגט

ווי אַ סטאַדע שאָף און האָבן אויסצושטיין באַליידיקונגען און דערנידערונ־גען... אַז זיי אַליין זענען הילפלאָז...

דאָס קינדיש געוויין האָט געריסן דאָס האַרץ, געבעטן הילף... האָט דערמאָנט פון אַן עלנט יידיש קינד, וואָס איז פאַרבליבן ערגעץ אַליין אין אַ פאַרוואָרלאָזט הויז, אָפּגעריסן און צעשיידט פון טאַטע־מאַמע, פון פריינד און קרובים, וואָס זאָלן דאָס אָפּהיטן און אַכטונג געבן.

דאָס געוויין פון קינד האָט נישט אויפגעהערט אַ לאַנגע צייט, ווי ס׳זאָל רופן, בעטן הילף, מאָנען און פאָדערן, מ׳זאָל דאָס נישט פאַרגעסן און נישט פאַרלאָזן...

✡

און ווען דער דיכטער האָט אויפגעעפנט די אויגן, איז דער גאַנצער עולם נאָך געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ, און ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער עכאָ פון דעם פאַרלאָזטן וויינענדיקן קינד, וואָס האָט אים אָפּגע־קלונגען אין די אויערן, ווען ער האָט דערמאָנט די צוואה פון די קדושים, הילכט איצט אָפּ איבערן גאַנצן זאַל, ווי ס׳זאָל רופן מאָנען און פאָדערן, מ׳זאָל נישט פאַרגעסן, מ׳זאָל זיי שטענדיק געדענקען...

דאָס ליד „ירושלים של זהב"

(רעפּאָרטאַזש)

„גן־מאיר" איז אַ גאָרטן אין תל־אביב, וואָס פאַרנעמט אַ שטח צווישן עטלעכע גאַסן, הויבט זיך אָן פון די גאַסן המלך ג׳ורג׳, החשמונאים און באָראָכאָוו, און פאַרענדיקט זיך ביי די גאַסן שאול טשערניכאָווסקי, ז. שניאור און יוסף טרומפּעלדור. אין די שטילע, באַשאָטנטע אַלייען וואַקסן אַלערליי ביימער. זייערע ברייטע שטאַמען און געדיכטע, צע־וואַקסענע צווייגן שאַפן אַ שטילע, געמיטלעכע רויִקייט. די געדיכטע צווייגן, די ברייטע שטאַמען, די טיפע וואָרצלען, מאַכן דעם איינדרוק ווי ביימער איינגעפלאַנצטע פון הונדערטער יאָרן.

דערציילט מען מיר, אַז אויף דעם פּלאַץ זענען מיט יאָרן צוריק געווען בערג מיט זאַמד, שטיינער, מיסט, ביי נאַכט האָבן מענטשן מורא געהאַט דורכצוגיין, אַלערליי אינזעקטן, ווילדע קעץ און שטשורעס האָבן דאָרטן געהאַט אַ מקום מקלט...

היינט איז דאָ אַ פּרעכטיקער גאָרטן, און יידן קומען געניסן און זיך אָפּרוען אונטער די שטילע, שאָטנדיקע אַלייען. יידישע קינדערלעך שטיפן אַרום, שפּילן זיך און פילן אָן דעם גאָרטן מיט אַ הילכיקן געפּילדער. יונגע מאַמעס פירן זייערע עופהלעך אין די וועגעלעך, זעצן זיך אַוועק אויף די בענק, כדי צו געניסן פון דער פרישער לופט. אַרבעטער, מידע און פאַרמאַטערטע, גייען פאַרביי און זעצן זיך אָפּרוען אַ ווײַלע.

שבת אין דער פרי און נאָך מיטאָג איז דער גאָרטן פול מיט באַ־זוכער. אַלע בענק זענען באַזעצט. ס׳זיצן יידן און שמועסן געמיטלעך. זיי רעדן הויך אויפן קול, פילן זיך פריי ווי ביי זיך אין דער היים... און פון וואָס רעדן יידן שבת נאָך מיטאָג אין אַ גאָרטן פון תל־אביב? מ׳רעדט

פון דער מלחמה, פון די „היסטאָרישע 6 טעג", פון דעם יידישן נצחון, וואָס האָט איבערראַשט די וועלט, וואָס גריבלט זיך נאָך אַלץ צו פאַרשטיין, ווי אַזוי אַ קליין פאָלק האָט אין משך פון געציילטע טעג געקאָנט צעשמעטערן עטלעכע אַרמייען אויסגעשטאַטע מיט די סאַמע מאָדערנסטע כלי־זין.

— נסים, נסים, ס׳זענען געשען נסים מן השמים, מ׳מוז גלויבן, — רופט זיך אָן אַ ייד, — אפילו ווען מ׳איז נישט קיין גלויביקער, אַז ס׳זענען געשען איבערנאַטירלעכע זאַכן בעת דער מלחמה. ווי מ׳גיט איבער, איז ביי די שלאַכטן אין סיני אין מדבר, אַרויסגעפאָרן אַן אײנהייט פון יידישע טאַנקיסטן. מאַכט זיך אַ מעשה, אַז דער טאַנק, וואָס איז געפאָרן פאָרויס דער ערשטער, ווערט פּלוצלונג קאַליע, סטאָפּ. ער בלייבט שטיין און אַלע טאַנקען הינטער אים קאָנען נישט גיין ווייטער. דער פאָדערשטער טאַנק פאַרשטעלט זיי דעם וועג. נעמט מען אים פאַרריכטן און ס׳געדויערט אַ שטיקל צייט. פּלוצלונג ווערט אַ שטורעמווינט, גאַנצע שיכטן זאַמד הויבן זיך אויף אין דער לופטן און זיי דערזעען מיט אַ מאָל, אַז אַנטקעגן זיי, וווּ דער טאַנק האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז דער גאַנצער וועג פאַרזייט מיט מינעס פון שונא. דאָס וואָס דער טאַנק איז שטיין געבליבן האָט זיי געראַטעוועט, דער פּלוצלומדיקער שטורעמווינט האָט פאַר זיי אויפגעדעקט די מינעס פון שונא. איז דאָס נישט קיין נס מן השמים?

אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד און לאַנגע געקרייזלטע פּיאות וויל באַשטעטיקן די רייד און גיט צו, אַז ביים סיני, און ביים איינעמען אַלט־ירושלים, אומעטום איז הרב גורן געגאַנגען מיט אַ ספר תורה אין די הענט, פון אַלע זייטן זענען געפלויגן קוילן און ער פלעגט גיין פאָרויס, ער איז ניצול געוואָרן. איז דאָס נישט קיין נס מן השמים?

— די מלחמה האָבן מיר געוווּנען, ווייל מיר זענען אַלע געווען פאַראייניקט — מישט זיך אַריין אַ ייד, ווייזט אויס, אַ פרייער — דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען ווי איין משפּחה. אַלע, ווי איין מענטש, זענען מיר אַרויס פאַרטיידיקן אונדזער לאַנד, אונדזערע היימען, אונדזערע

פרויען און קינדער. וואָס מיר נסים? דאָס זענען די העראָישע זעלנער פון צה״ל, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכן מוט און מסירת־נפש, וויסנדיק, אַז זיי קעמפן פאַר קיום האומה. סאָלדאַטן און אָפיצירן זענען געוואָרן פאַרוווּנדעט און האָבן זיך געריסן צו גיין אויפן פראָנט, ווייטער קעמפן, און אַז אַ פאָלק איז פאַראייניקט, — גיט צו דער ייד — איז נישטאָ קיין כוח, וואָס זאָל אים קאָנען באַזיגן. אויך די יידן אין די תפוצות האָבן אַרויסגעוויזן צוגעבונדנקייט און סאָלידאַריטעט אין די גורלדיקע טעג, און כ׳וועל אייך דערציילן אַן עפּיזאָד צו באַשטעטיקן מיינע רייד:

אַ יונג מיידל פון 12 יאָר האָט אין די טעג פון דער מלחמה אָנגעהויבן צושטיין צו אירע עלטערן, זי וויל גיין אַלס וואָלונטירין, זי וויל גיין אין דער אַרמיי, זי וויל העלפן דעם לאַנד.

— דו ווילסט גיין אין מיליטער? ביסט נאָך אַ קינד, וואָס קאָנסטו דאָרטן טאָן? — האָבן די עלטערן איר געזאָגט, נישט נעמענדיק אין אַכט אירע רייד.

דאָס מיידל האָט די עלטערן נישט געגעבן קיין רו. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ צעקלעמטע, אַ פאַרוויינטע, נישט אויפגעבנדיק איר פאַרלאַנג. געזען, אַז דאָס קינד ליידט, נעמט זיך צום האַרצן, וואָס מ׳איגנאָרירט זי, האָבן די עלטערן געוואָלט זי איבערצייגן, זיי האָבן זי גענומען אין רעגיסטראַציע־אַמט פון וואָלונטירן.

דער באַאַמטער, דערזעענדיק דאָס מיידל און אויסהערנדיק איר פאַרלאַנג, איז געוואָרן איבערראַשט און גערירט גלייכצייטיק. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר אַקסל און געזאָגט:

— גיי מיין קינד אַהיים. זיי גרייט, אַז מיר וועלן דיך דאַרפן, וועלן מיר דיר רופן.

— כ׳בין שוין גרייט — האָט דאָס 12־יאָריקע מיידל געענטפערט ערנסט און אַנטשלאָסן.

✡

אַזוי דערציילן זיך יידן עפּיזאָדן פון דער מלחמה פון „די זעקס טעג״. דאָס רעדל ווערט גרעסער, עס קומען צו מער מענטשן. אין מיטן, אויף אַ באַנק, זיצט אַ ייד אַ הויכער, אַן איבערגעוואַקסענער, מיט אַ קליין קמץ־בערדל, מ׳רופט אים דער „חזן״. ער נעמט נישט קיין אָנטייל אין שמועס, נאָר בשעת מ׳דערציילט די עפּיזאָדן, ברומט ער אונטער פאַר זיך אַ ניגון. אַלע ווייסן, אַז ער איז אַ גרויסער בעל־מנגן, ער האָט אַ זעלטענעם געהער, אַז ער גייט אויף אַ קאָנצערט, אָדער ס׳קומט אַ חזן צו גאַסט און ער גייט אים הערן, קאָן ער דערנאָך איבערזינגען אַלע ניגונים און מעלאָדיעס.

דער עולם אַרום אים שטייט צו צו אים ער זאָל עפּעס זינגען. ער לאָזט זיך פריער בעטן, דערנאָך הויבט ער אָן שטיל און פאַרגייט זיך אַלע מאָל העכער. ער זינגט חזנישע ניגונים, פון יאָסעלע ראָזענבלאַט, קוסעוויצקי, פינטשוק, סיראָטאַ און אַנדערע. אָבער צום מערסטן געפעלט דעם עולם, ווען ער הויבט אָן זינגען קוואַרטינס זאַכן. ער באַמיט זיך נאָכצומאַכן זיין קול, זיין קאָלאָראַטור, זיין מתיקות, און אַז ער ענדיקט ווערט אַ פּלעסקעריי, מ׳שטייט צו צו אים ער זאָל זינגען נאָך עפּעס, און ער לאָזט זיך לאַנג נישט בעטן, ער הויבט אָן זינגען דאָס האַרציקע, שטימונגספולע ליד — ירושלים של זהב.

דאָס ליד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן געציילטע טעג פאַר דער מלחמה פון דער דיכטערין נעמי שמר און אויף וועלכן ס׳זענען שוין געמאַכט געוואָרן פאַרשידענע ענדערונגען און וואַריאַציעס, איז היינט דאָס פּאָפּולערסטע ליד אין ישראל. ס׳ווערט פאַררעכנט ווי דער צווייטער הימן. אין דעם ליד, אין די ווערטער און אין דער וווּנדערלעכער מעלאָדיע, איז דאָ אַזוי פיל בענקשאַפט און פּיעטעט צו דער הייליקער שטאָט ירושלים, צו די הייליקע פּלעצער. נאָך דער באַפרייונג פון אַלט־ירושלים איז דאָס ליד געוואָרן נאָך מער פּאָפּולער און ווערט געזונגען אומעטום, פון קליין און גרויס, קינדער און דערוואַקסענע, אין שטוב און אין גאַס, פון אַלע שיכטן פון פאָלק.

כ׳האָב שוין דאָס ליד געהערט זינגען אַ סך מאָל סיי דורך „קול

ישראל״ אינטערפּרעטירט דורך פאַרשידענע זינגערס, אָדער ווען איך גיי אין גאַס — דורך קינדערלעך, וואָס זיצן אין אַ הויף און זינגען דאָס צוזאַמען אין כאָר. אַ מאָל דורך אַן אָפן פענצטער דערגייען צו מיר די וווּנדערבאַרע קלאַנגען, און שטענדיק ווען איך הער דאָס ליד גייט מיר דורך אַ הייליקער ציטער... דאָס ליד ווי אַ תפילה, רירט ביז טרערן...

אין דעם ליד איז דער דיכטעריין געלונגען איבערצוגעבן די גרויסע פרייד און באַגייסטערונג פון יידישן פאָלק צו דער באַפרייטער ירושלים עיר הקודש, דער סימבאָל פון קדושה, פון גייסטיקער דערהויבנקייט, דער סימבאָל פון נצח ישראל. „ירושלים של זהב״ אַ געהייליקטע, אַ באַפרייטע און אַ געבענטשטע דורך די יונגע העלדן פון צה״ל, וואָס זענען געפאַלן ביים איינגעמען אַלט־ירושלים...

דער „חזן״ הויבט אָן שטיל, ווי אַ האַרציק געבעט. ער האַלט פאַר־מאַכט די אויגן, ווי ער זאָל זיך וועלן קאָנצענטרירן. ער איז פאַרטיפט, באַווירקט פון די ווערטער, פון דער מעלאָדיע, וועלכע רופט אַרויס ביי אַלע, וואָס רינגלען אים אַרום, אַ דבקותדיקע שטימונג פול מיט עמאָציעס. ביי אַנדערע באַווייזן זיך טרערן אין די אויגן.

זיין שטים ווערט שטאַרקער, ער זינגט די וויטערדיקע סטראָפע — חזרנו אל בורות המים, לשוק ולכפר,, שופר קורא בהר הבית בעיר העתיקה. ער ענדיקט אויף אַ הויכן קול, פול מיט התלהבות, דריקט אויס די פרייד, וואָס ווידער האָבן מיר זוכה געווען צו זען די פאַראייניקונג פון ירושלים.

דער עולם, וואָס שטייט אַרום אים, ווערט מיטגעריסן פון זיין התל־הבות, מ׳העלפט אים מיטזינגען דעם רעפריין: ירושלים של זהב, ושל נחושת ושל אור, הלא לכל שיריך אני כינור.

ס׳קומען צו אַלע מאָל מער מענטשן פון די אַרומיקע בענק. דעם חזנס קול הילכט אָפּ איבערן גאַנצן גאָרטן. אַלע באַגריסן אים, מ׳איז אים דאַנקבאַר פאַר זיין אויסזינגען אַזוי שיין דאָס ליד „ירושלים של זהב״.

אויף צו מאָרגנס גאַנץ פרי טרעף איך דעם „חזן״, אַרבעטנדיק אין אַ

גאָרטן. ער איז אָנגעטאָן אין בלויע אַרבעטס־קליידער, רייניקט די גראָזן, שניידט אַרום די קוסטעס, באַשפּריצט די בלומען און ברומט אונטער בשעת מעשה אַ ניגונדל. כ׳קוק אים אָן מיט פאַרוווּנדערונג, ווי איך וואָלט נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי קומט חזנות צו גערטנעריי.

— כ׳בין אַ גערטנער, דאָס איז מיין פאַך, — ענטפערט ער מיר אויף מיין שטומער פראַגע — זינגען זינג איך נאָר אין די יום־טוב־טעג, אין די שבתים, ווען איך רו זיך אָפּ פון מיין אַרבעט, אַ גאַנצע וואָך בין איך פאַרנומען.

— שלום, אדוני, — באַגריס איך אים האַרציק מיט אַ טיפן רעספּעקט, און כ׳גיי ווייטער פאַרטיפט אין מחשבות.

כ׳באַמערק מיט אַ מאָל אַן אויפשריפט אויף אַ גאַס — ר׳ יוחנן הסנדלר. כ׳גיי עטלעכע קוואַרטאַלן ווייטער, אַ צווייטע גאַס, מיט אַן אויפשריפט: ר׳ יצחק נפחא. די מחשבות קייטלען זיך ווייטער. איך טראַכט: אָט די תנאים האָבן דען נישט געהאַט זייער אַרבעט צו פאַרדינען אויף פּרנסה און גלייכצייטיק זענען זיי געווען גרויסע לומדים?

נו, קאָן אַ בעל־מנגן, אַ חזן אין תל־אביב, נישט זיין קיין גערטנער?

ביכער פון מחבר:

ד ע ר ג ע ר אַ נ ג ל (דערציילונגען)

אַרויסגעגעבן

פון יידישן שרייבער־און זשורנאַליסטן־פאַראיין

אין אורוגוואַי. מאָנטעווידעאָ, 1955, 204 ז.

די משפחה און אַנדערע דערציילונגען

פאַרלאַג „ניי לעבן", תל־אביב 1969, 256 זייטן.

צ ו י ש ן ו ו ע נ ט (דערציילונגען)

פאַרלאַג „ניי לעבן", תל־אביב 1974, 208 זייטן.